אנו, קומץ צעירים, עולי ימים, כואבים את כאב המצב. בין האיכרים מתפשט רעל ההסתה. אם חסרים צרכי מזון בגלל הדרכים המשובשות — היהודים אשמים בכך. אם הפילו הבולשביקים את ה„צאר" — הרי זה מפעלה של „ז׳ידו־קומונה". השוד אינו פוסק, ההתנפלויות נמשכות לילה לילה. בשעות המאוחרות נשמעות זעקות: „הצילו!" התושבים חושבים שבצעקות יבריחו את השודדים.

בשורות איוב מתפשטות ומוסרות, שהכנופיות הגיעו גם לרציחות ואונס. רגשי בושה ומחשבות הצלה לוחשים בסתר לבנו, אך אנו צעירים, בלתי מאומנים, ואיננו יודעים איך ובאיזה אופן להתארגן.

אז פנו העיניים ליוסף אייזן, האח המבוגר בעל ההכרה והכבוד העצמי. יוסי בא בעצמו, והוא, השקט והמנומס, השמיע הפעם דברי תוכחה: איך זה יתכן, שניתן את עצמנו למשיסה? הוא אוסף אותנו, ודבריו הם דברי אב מוכיח ומדריך. הוא טוען: מדוע ידעו האיכרים כה יפה לאסוף את הנשק, שהושלך ע״י הגייסות הנמלטים; ואילו אנו, יפי הנפש, בני בעלי הבתים, עוצמים עיניים ואוטמים אוזנים לא לראות ולא לשמוע? יוסי מדבר על המכבים והחשמונאים, על ברק יוסלביץ ובוגרוב, שהרג את המיניסטר האנטישמי סטוליפין — שחרפו נפשם. אנו כובשים את פנינו בקרקע, יוסי מוסיף וטוען: „אל תחשבו, כי אליכם הסכנה לא תגיע. דומה הדבר לשריפה, שאם אין ממהרים לכבותה בתחילתה —

היא מתפשטת והולכת. קודם החרימו הכנופיות רכוש ומזון, נתנו כאילו קבלות על כך; אחר כך זה הגיע לשוד גלוי; עתה הם פוגעים בכבוד ואונסים, וכבר הגיעו לרציחות בודדות. אם לא נעצור את המגפה — נגיע לפרעות המוניות".



יוסי אייזן 1918.

יוסי עובר מהסברה לעצה והדרכה, ודבריו — צו ופקודה: „צאו בדרכים ופשטו ביער, כל כלי נשק שנעזב תביאו. גם קרן לרכישת נשק יש להקים. נרכוש אותו מהאיכרים, שאספו אותו. גם מחסן להחסנת הנשק יש לפתוח, ומטה מדריכים, מאותם היהודים ששרתו בצבא, נקים — ללמדנו השימוש בנשק. נחדיר ההכרה בלבם של כל צעיר ובוגר, שהגנה על רכוש ונפש — כבוד הוא לעם העומד על נפשו. ואם אתם תהיו הראשונים שתצאו בגלוי ברובים עלי שכם, ינהרו רבים אחרינו ויעשו כמונו. מעשה זה יעורר כבוד אצל אחרים, ירים את רוחנו. ובצאתנו, בימי שוק וירידים, חמושים ברחובות העיר, יירתעו הכנופיות וידעו שחיינו, רכושנו וכבודנו אינם הפקר. לא נפנה לגבאים, לאותם יהודי חג הנכבדים, המשלים את עצמם ומשלים אחרים שאין לעשות כלום ולשבת באפס מעשה ולא להרגיז את הגויים. לא עין תחת עין, כי אם שתי עיניים תחת עין אחת. אנו נפנה לכלל העם בשבת, נעכב את הקריאה ונגלה בפני הכל את המצב לאמיתו. נאמר שאנו דורשים מהם אמצעים לנשק ולארגון, ואת המלאכה נעשה אנו הצעירים, כי זה מוטל עלינו". אנו מרגישים שצמחו לנו כנפים! יש על מי להשען! אנו נחלצים לפעולה.

### חיתיתם על הגויים

פשטו הצעירים בדרכים וביערות. אספו את הכל, מתרמיל עד כדור, מנרתיק עד רובה. צעירים, שלא היו סוחרים מימיהם, נושאים ונותנים עם האיכרים — לא על מקח וממכר, ולא ברעש והמולה ופטפוטי מלים אלא בלחש; על פצצות שנמכרו ואין פצץ בתוכם, על רובים שאין בהם ההדק, על תוספת רכישה של פגיונות ומשקפות שדה. בין השמשות מתחמק כל צעיר מביתו ואין פניו מועדות אל חבריו או למועדון, לחברתו או למסיבת רעים, כי אם לשדרות האורנים. שם מתאמן הוא בשימוש בכלי נשק. אחד מקצץ את קת רובהו, שייראה כרובה פרשים שיש בו משום גנדרנות מיוחדת; אחר מצא מפה צבאית, הכניסה במסגרת עטורה בנייר צלופאן, התאים לה חגורה ותלה אותה על גופו. שלישי מתגנדר במכנסי „גאליפי" ומגפיים, והריהו שררה לכל דבר.

יוסי מופיע מדי פעם בצנעה עם מקלו לפני הקבוצה ומרים על נס את התקדמות החברה. ישנם כאלה שאינם מהזריזים ביותר ואין האימון עולה להם בנקל, אינם מתישרים בקצב עם השורה, אינם רוקעים ברגל בקצב הדרוש. קרה גם שמישהו טוען את הרובה ואינו סוגר את הניצרה, ומאן דהוא מושיט את הרובה לבדיקה וכדור בתוכו והניצרה פתוחה וקיימת סכנה... עומד יוסי ומסביר ומזהיר שחס וחלילה לא נהיה קרבן של עצמנו. נמצאו שני בחורים שהצטיינו באימונים, נתפסו לרוח של לחימה והם מתגייסים לחיל של פֶּטלורה. עומד יוסי ומוכיח בשער. אמנם כבוד לנו שמתוכנו יצאו נועזים ולוחמים, אבל אין לקבל עמדה כזאת, ש„את כרמי שלי לא נטרתי".

כך עמד על גבנו חבר נאמן, בעל רגש ואחריות כלפי עמו, החדיר משמעת ויצר הגנה עצמית, שמנעה תוקפנות של כנופיות ומעשי שוד ורצח. יוסי התמסר כל כולו לאימון בחורי ישראל, להוכיח שחייהם וחיי משפחותיהם אינם הפקר. ברחובות העיר נראו צעירי המקום מהלכים מזויינים. שוב אין הרחובות ריקים בלילות. משמרות מזויינים משוטטים בכל סימטא ורחוב, בכל שביל ודרך.

חוזר הבטחון ליהודים. תושבי העיר יוצאים לרחובות גם בשעות הלילה, ואנשי הכנופיות התחילו לחשוש. נוצר מצב הפוך: ה„סטארוסטה" של פרבר העיר פונה ליוסי, הקומנדאנט של היהודים, ומזמין אותו לעבודה משותפת כדי להחזיר את הסדר לעיר. ליצני הדור אומרים, כי פשטה שמועה בין הגויים שהיהודים התארגנו לכנופיות, לעת־עתה הם מתאמנים בשוד דרכים ואחר כך ירחיבו את פעלם לכפרים — לשם שוד וכן למטרת גמול.

יוסי מתהלך ומקלו על זרועו. נלווים אליו ראשי המשמרות והאפסנאי. פניהם מועדות לבקרת המחסן. עומדים יהודים על סף חנויותיהם, מביטים בגאווה במפקדה הבלתי מוכתרת שלהם ומלווים בעיני חיבה את יוסי ופמלייתו, העושים ימים כלילות, במסירות, בשמירת חייהם וכבודם.

**נועם זכאי**

גבעתיים

# דער זעלבסט־שוץ אין האַרכיוו

אָנהייב 1918, איז אַן אויפשטאַנד אויסגעבראָכן אין עסטרייכיש־דייטשן מיליטער. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייער רעגירונג, זיך אַנטוואָפנט און זיך געלאָזט אַהיים אין אַ גרויסער אומאָרדנונג. אויף אַלע וועגן האָבן זיך גע־וואַלגערט פאַרשיידענע סאָרטן געווער. די פּויערים האָבן דאָס געווער געזאַמלט און באַהאַלטן. די יונגע שקצים זיי־נען אַרומגעגאַנגען באַוואָפנט מיט חוצפּהדיקער גאווה.

קיין סטאַבילע רעגירונג איז נאָך נישט געווען.

עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ מאַגיסטראַט פון יידן און קריסטן. מען פּראָבירט אָרגאַניזירן אַ שטאָטישע מיליץ. די יידן מאַביליזירן זיך נישט, עס פּאַסט זיי נישט צו זיין פּאָליציילייט.

פון די קריסטן מאָביליזירן זיך די ערגסטע פון זיי. זיי נעמען איבער די מאַכט, זיי פירן איין טעראָר. אויף זייערע אייגענע האָבן זיי נישט קיין שליטה, אַבער אויף דער נעבעכדיקער יידישער קהילה — יאָ. זיי גיבן אַכט אַז די באַגרענעצונגען וואָס זיינען אָנגעגאַנגען נאָך פון צאַר — זאָלן פאַרגעזעצט ווערן. אַכטונג געבן אַז דאָס יידישע לעבן און האָב און גוטס זאָלן נישט זיין הפקר — דאָס איז נישט פון זייער אינטערעס.

צווישן דעם, אָרגאַניזירן זיך אויך אין די אַרומיקע דערפער באַנדעס, וואָס יעדע איינציקע האָט אַ באַזונדערן לאָזונג: די ווילן א זעלבסטשטענדיקע אוקראַינע מיט קיעוו אַלס הויפּטשטאָט, די צווייטע ווילן לעמבערג אַלס הויפּטשטאָט, און די דריטע ווילן גאָר אַ קאָזאַקישע רעפּו־בליק. אַנדערע באַנדעס, וואָס האָבן געהערט וועגן קע־רענסקיס רעגירונג, ווילן אַ פעדעראַטיווע מדינה פון אַלע פעלקער וואָס לעבן אין רוסלאַנד. די געבילדעטע צווישן זיי זיינען מסכים צו אַ באָלשעוויסטישער רעגירונג, בתנאי, אַז טראָצקי, בראָדסקי און וויסאָצקי זאָלן נישט שטיין אין שפּיץ...

קומט אַ יריד־טאָג געפינען זיך די יידן אין גרויסן פחד: טאָמער חלילה וועט אויסברעכן אַ קריג צווישן אַ קרעמער מיט א פּויער און דאָס קען זיך פאַרוואַנדלען אין א גרויסן פּאָגראָם.

אין די אָוונטן פאַרשליסן זיך די יידן, רעדן צווישן זיך מיט אַ נידעריק קול, באַזוכן נישט די שכנים פאַר שרעק פון די באַנדעס. עס גייען אַרום קלאַנגען אַז אין די נאָענטע שטעטלעך איז אויפגעשטאַנען א באַנדע פון פרייע קאָזאקן, מיט קאָזאַקישע אוניפאָרמען און באַוואָפנט זענען זיי מיט אַ פאַרקירצטן ביקס און באָמבעס.

אין א צווייטער געגנט גייען ארום געמאַכטע טשער־קעסן.

די אַלע באַנדעס דאַרפן מיטלען אויף אויסגאַבן, פאַר שפּייז און קליידונג, און די איינציקע קוועלע דערצו זיינען די שטאָטישע יידן. הייבן זיך אָן רעקוויזיציעס פון עסנוואַרג און געטראַנקען, דערנאָך קליידונג, און מ׳לייגט אַרויף אויף די יידישע קהילות קאָנטריבוציעס. יעדער איינער פון זיי דערלויבט זיך צו רעקוויזירן. יידיש גוטס איז הפקר.

גייען אַרום די יידן דערנידערט און דערשלאָגן. דאָס ביסל יידישע יוגנט שטייט אומבאַהאָלפן. זיי זיינען נישט דרייסט גענוג צו וואָגן זיך באַשיצן.

אין יענער צייט איז געקומען י ו ס י  א י י ז ן. אַ מענטש אַן איינגעהאַלטענער. אַ בנימוס׳דיקער, אַ פּינקט־לעכער, מיט גוטע חברישע באַנעמונגען. ער באַגעגנט יעדן זער הערצלעך און ליבלעך. א מענטש מיט פּרינציפּן, אָבער נישט קיין פאַנאַטיקער. ער ליבט די יידישע שפּראַך, איז באַקאַנט מיט איר ליטעראַטור, רעדט א שיינעם יידיש, אָבער אין אַלגעמיין האַלט ער זיך פונדערווייטנס. ער איז נישט קיין ציוניסט, אָבער אויך נישט קיין פאַרביסענער געגנער.

מיר, אַ גרופּע יינגלעך, מינדעריעריקע, אונדז טוט וויי די לאַגע. דערווייל פאַרברייטערט זיך די אַנטיסעמיטי־שע אַגיטאַציע. אויב עס פעלן שפּייז פּראָדוקטן צוליב דעם שווערן וועגן־פאַרקער — זענען יידן שולדיק. אויב מ׳האָט דעם צאַרישן רעזשים צערשטערט און דעם צאַר אומגע־בראַכט, זענען פאַרמישט אין דעם די „זשידא־קאָמונע”. די רויבערייען הערן נישט אויף. די נאַכט־איבערפאַלן פאַר־שטאַרקן זיך. נאַכט נאַכט, אין די שפּעטע שעהן, דענער־ווירט יעדער שאָרך, יעדער קליינער טומל, און עס הערן

זיך געוואַלד געשרייען פון די שטיבן. אומזיסט מיינען די באַזיצער אַז אזוי וועלן זיי פאַרטרייבן די רויבער. שלעכטע נייעסן פאַרשפרייטן זיך וועגן מאָרדן און שענדן. ווערט דער פאַרדרוס און די בושה ביי די יונגע נאָך טיפער.

מיר ווייסן נישט ווי זיך צו באַגיין מיט געווער. מיר ווייסן אויך נישט ווי זיך צו אָרגאַניזירן. דעמאָלט ווענדן זיך אַלע אויגן צו י ו ס י ן, דעם דערוואַקסענעם ברודער. נאָך איידער מיר האָבן געוואַגט זיך ווענדן צו אים, איז ער אַליין געקומען. ער האָט אונדז צוזאַמענגערופן און גערעדט ווי אַ פאָטער. ער טענה׳ט: פאַרוואָס האָבן די פויערן געוווסט צו זאַמלען געווער, וואָס דאָס צוזאַמענגעפאַלענע מיליטער האָט אַוועק געוואָרפן; און מיר, די בעל־הבתישע קינדערלעך, פאַרמאַכן די אויגן און פאַר־שטאָפּן די אויערן נישט צו זען און נישט צו הערן.

יוסי רעדט וועגן די מכבייער פון אַמאָל, וועגן ב ע ר ע ק י אָ ס ע ל ע ו ו י ט ש, דערנאָך וועגן ב אַ ג ר אָ ו ו, וואָס האָט דערהרגעט דעם אַנטיסעמיטישן מיניסטער סטאָליפּין. זיי אַלע האָבן זייער לעבן אוועקגעגעבן אויף צו ראַטעווען דעם כבוד פון זייער פאָלק. מיר לאָזן אַראָפּ די אויגן, מיר שעמען זיך פאַר זיך אַליין.

יוסי טענה׳ט: „מיינט נישט אַז צו אייך וועט די צרה נישט קומען. עס איז ווי אַ שריפה, וואָס אויב מען לעשט זי נישט אין אָנהויב, פאַרשפּרייט זי זיך ווייטער. צוערשט האָבן די באַנדעס רעקווירט און געגעבן קב־לות, דערנאָך האָבן זיי פשוט ראַבירט, יעצט האָבן זיי דערגרייכט צו הריגות. אויב מיר וועלן ווייטער שווייגן, וועט עס דערגרייכן צו אַלגעמיינע מאַסן־פּאָגראָמען״.

יוסי גייט איבער צו אָנווייזונגען, און זיינע ווערטער זיינען ווי א באַפעל: „לאָזט זיך אויף די וועגן, גייט אין וואַלד, זאַמעלט יעדן חלק געווער וואָס וואַלגערט זיך. מיר וועלן אויך שאַפן אַ פאָנד אויף איינקויפן געווער ביי די פויערן. אויך קורסן צו לערנען ווי זיך צו באַגיין מיט געווער וועלן מיר עפענען. די אינ־סטרוקטאָרן וועלן זיין די וואָס האָבן געדינט ביי דעם צאַרישן מיליטער. און אַ מאַגאַזין אויף צו האַלטן דאָס געווער וועלן מיר באַקומען. מיר וועלן ביי יונגע און דערוואקסענע שאַפן דעם באַוווסטזיין אַז באַשיצן דאָס לעבן און פאַרמעגן איז אַ כבוד. מיר וועלן זיין די ערשטע, און נאָך אונדז וועלן קומען די איבעריקע. ווען עס וועלן זיך באַווייזן אין די גאסן פון שטאָט באַוואָפנטע יידישע יונגע לייט, וועלן זיי אַרויסרופן רעספּעקט און מורא ביי די באַנדעס. עס וועט זיי אָפּ־האַלטן פון געוואַלדטאַטן קעגן אונדז. מיר וועלן זיך נישט ווענדן צו די שיינע יידן, צו יום־טובדיקע גבאים, וואָס נארן זיך אַליין און אַנדערע: זיך נישט אַקעגן שטעלן כדי נישט אויפרעגן די באַנדעס. נישט איין אויג פאַר איין אויג, נאָר — צוויי אויגן פאַר איינס. מיר וועלן זיך ווענדן צום טאָגטעגלעכן ייד. מיר וועלן שבת אָפּשטעלן די קריאה אין שול און רעדן צו די מאַסן, זיי וועלן אונדז פאַרשטיין. מיר וועלן זיי זאָגן אַז די מלאכה וועלן מיר טוען, די מיטלען זאָלן זיי געבן״.

מיר פילן אַז מיר האָבן באַקומען פליגלען. עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. יוסי איז פון די וואָס לאָזן זיך נישט, פון די וואָס האָבן העזה, און וואָס אין אַ קריטישן מאָמענט ווייסן זיי אַליין וואָס צו טאָן און אויך אַנדערע אויפמונטערן.

מיר לאָזן זיך צו דער אַרבעט. בחורים האָבן זיך גע־לאָזט אין די וועגן, געקליבן פון אַ קויל ביז צו אַ געווער־שיידל. מען האָט געקענט זען בחורים, וואָס זענען קיינ־מאָל קיין סוחרים נישט געווען, האַנדלען מיט די פויערן נישט וועגן סחורות, נישט מיט קיין געפילדער, נאָר שטיל. און אַזוי האָט אַ פויער פאַרקויפט אַ באָמבע, אַ ביקס און קוילן.



יהודה־ליב פישמן איש ההגנה העצמית בשנת 1917

יהודה־ליב פישמאַן, פון דער זעלבסט־שוץ, אין יאָר 1917

יענע צייט האָט מען געקענט מערקן ווי יעדן פאַרנאַכט דער־ווייטערט זיך אַ בחור פון זיינע עלטערנס הויז, ער גייט נישט צו חברים, אָדער אין קלוב, אָדער צו אַנדערע פאַרווײַלונגען, נאָר ער גייט

אין סאָסנע־װעלדל, װי ער לערנט זיך באַנוצן מיט געװער.

חברה מאַכן זיך מאַניערן אויף מיליטערישן שטייגער: דער מאַכט זיין ביקס קורצער ער זאָל אויסזען װי אַ קאַװאַלעריסט; דער צװייטער האָט געפונען אַ מיליטערישע מפה, האָט ער זי איינגעפּראַװעט אין אַ קאַרטאַנענע רעם און זי אויפגעהאָנגען אויף זיין זייט; דער דריטער האָט אָנגעטאָן גאַליפּיי־הויזן מיט שיין געפּוצטע שטיװל װי אַ מיליטערמאַן פון אַ העכערער ראַנגע.

יוסי זעט אַלץ און לאָזט די חברה אביסל קאַפּ־קעטירן. ער קומט צו די איבונגען און באַצייכנט די פּאַרשריטן. עס געפינען זיך אויך אַ זעלכע װאָס זענען פון די פּאַמעלעכע, און די איבונגען קומען זיי אָן נישט גרינג. עס מאַכט זיך אַז איינער לאָדט דאָס געװער און מאַכט נישט צו דעם שלאָס; איינער שטרעקט אויס זיין ביקס צו קאָנטראָל און אַ קויל איז אינעװייניק. גיט יוסי גוטמוטיק צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק, אַז מיר זאָלן נישט זיין דער קרבן פון זיך אַליין.

אויף די גאַסן פון שטאָט האָבן זיך באַװיזן יונגע בחורים, באַװאָפנט, האַלטן װאַך און מאַרשירן װאַכזאַם איבער דער שטאָט. אין די נעכט זענען די גאַסן נישט ליידיק. דער בטחון האָט זיך אומגעקערט צו די יידן און זיי גייען אַרום פראַנק און פריי.

די באַנדעס האָבן אויסגעמיטן די שטאָט, װאָס האָט אָפּגעאָטעמט פריי. דער שטאָט סטאַראָסטע, אַ קריסט, װענ־דעט זיך צו דעם יידישן קאָמענדאַנט יוסי און לאָדט אים איין צו צוזאַמענאַרבעט אויף אומקערן די אָרדענונג אין שטאָט.

װען יוסי פלעגט גיין אין גאַס אין באַגלייטונג פון די אינסטרוקטאָרן מיט דעם מאַגאַזינער, זיינען די יידן געשטאַנען אויף די שװעלן פון זייערע געװעלבער און באַגלייט מיט גאוה און ליבשאַפט זייער װירדיק־דרייסטן מיליטערישן שטאַב...

גבעתיים

**נועם זכאי**

# בין שלטון לשלטון

### חילופי שלטונות

עד מלחמת העולם הראשונה היתה הורוכוב בידי הרוסים. ביולי 1914, עם פרוץ המלחמה, פלשו האוסטרים לעיירה. מאז עברה העיירה מיד ליד.

עם יציאתם העלו הרוסים את העיירה באש. כעבור מחצית השנה שוב נפלה העיירה בידיהם. לאחר מכן שוב נסוגו. היתה תקופה שבחלק אחד מהעיירה היו הרוסים, ובחלק השני — האוסטרים, והנהר חוצה ביניהם. העיירה הפכה לשדה־חזית. לבסוף הדפו צבאות אוסטריה־גרמניה את הרוסים למרחק של חמישה קל"מ מן העיר וכך נתייצבה החזית עד גמר המלחמה.

המצב הכלכלי היה נואש. כל המפעלים ובתי־המלאכה נסגרו. שרר רעב. רוב הצעירים גויסו לעבודת כפייה. נבחרה מועצה משותפת של יהודים ונוצרים, שסיפקו פועלי־כפייה לשלטונות האוסטרו־גרמנים.

### אירגון להגנה־עצמית

לאחר המהפכה האוסטרו־הונגארית בשנת 1918 נשארה העיירה ללא שלטון קבע. שלטון בא ושלטון הלך. לאחר שיצאו האוסטרים החלו להופיע כנופיות של אוקראינים.

מצב מעורער זה גרם לאירגון הגנה־עצמית — יהודית. בראשה עמד יוסי אייזן. בשנת 1919, באחת השבתות, פרצה לעיירה כנופיה מזוינת, ומאחוריה — שיירה גדולה של איכרים נושאי שקים. הם התקרבו לבית־הכנסת והחלו לירות בקהל המתפללים, כדי למנוע מהם את היציאה החוצה, כך שהם יוכלו לפשוט בעיירה ולשדוד כישר בעיניהם. אך ההגנה היהודית, בראשותו של יוסי אייזן, הפרה זממם. ללא רתיעה התקיפה את הפורעים, כתרה אותם ולקחה אותם בשבי. במשך זמן־מה התנהל משא־ומתן כיצד לשחררם.

לאחר זמן קצר עברה העיירה לידי פטלורה.* השתרר משטר אנטישמי. תקופה זו כונתה בפי בני העיירה בשם תקופת ה„שומפאלעך" (שרביט לניקוי רובה). כדי להתעלל ביהודים הנהיגו הפטלוראים הלקאה פומבית בשר־ביטי פלדה אלה.

* סמיון פטלורה — מראשי השלטון האוקראיני בימי המהפכה. ב־1919—1920 עשו כנופיותיו טבח רב ביהודי אוקראינה.

שלטון אנטישמי זה נמשך עד שהחלה מלחמתו של פטלורה נגד הפולנים. בשלהי 1919 נכנסו הפולנים לעיירה והקימו בה שלטון יציב עד שנכבשה בידי הבולשביקים בשנת 1920.

עם כניסת הבולשביקים לעיירה הוקם „רבקום" (רבו־ציוני קומיטט) כלומר ועד מהפכני והחלו לרדות את

היתה הציונים: סחבום לעבודה ודוקא בשבתות. רובו של הנוער נשאר נאמן לציונות. והנה פתחו הפולנים בהתקפה והדפו את הבולשביקים.

מאז נשארה העיירה תחת שלטון הפולנים עד למלחמת העולם השניה.

**שלמה צימרמן**




חברי מועצת העיריה בימי הכיבוש הגרמני במלחמת העולם הראשונה

די שטאָטישע־פאַרוואַלטונג אין דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דעם ערשטן וועלט־קריג

בין העומדים בשורה הראשונה חברי המועצה היהודים — מימין לשמאל: ר' חיים־הירש פינסקר, ר' זישא בלכמן, ר' איצי ווייגר, ר' יצחק־מרדכי טויבר. מימין לפני השורה הראשונה, עומד שבתאי („שעפי") שטרן, ממזכירי העיריה.



בית ה„סטארוסטבו"

סטאַראָסטוואָ־הויז

# יוסי אייזן

מיר האָבן זיך געקענט נאָך אַלס קינדער ווען ער מיט זיין ברודער זענען געווען ביי אונדז אין הויז. אין יענע יאָרן פלעגט מען אָפּגעבן דאָרפסקינדער דעם מלמד אין חדר און זיי פלעגן דאָרט לערנען, עסן און שלאָפן. זייער פאָטער האָט פאַרשטייט זיך פאַר אַלץ באַצאָלט. אַזוי זענען מיר צוזאַמען אויפגעצויגן געוואָרן און האָבן זיך געשיידט שוין אלס גרעסערע בחורים. איך בין אַוועק פון האַרכיוו אויף אַ פאָר יאָר, און אַזוי אויך ער. עטלעכע יאָר האָט ער געלערנט אין דער לוצקער „ישיבה" און איז צוריקגעקומען נישט צופיל באַגייסטערט.

מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן אין האַרכיוו אין יאָר 1907—1908 און באַנייט אונדזער פריינטשאַפט. צייט האָבן מיר געהאַט מער ווי גענוג, האָבן מיר שפּאַצירט



יוסי אייזן ליד קבר אמו מלכה

יוסי אייזן ביי זיין מוטערס קבר

מיט די שטעקלעך, ווי אַלע ליידיקגייער. קיין אַרבעט האָט מען נישט געלערנט — ערשטנס איז נישט געווען קיין אַרבעט און אויך נישט ביי וועמען; צווייטנס, האָט מען זיך פשוט געשעמט מיט אַרבעט, צום באַדויערן...

אַזוי זענען מיר אָפּגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט — ביז זיין ברודער י ע נ ק ל איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, געברענגט דאָלאַרן און געוואָרן אַ תבואה־סוחר.

ער האָט געמאַכט יוסי'ן פאַר זיין מיטהעלפער: פאָרן קיין לוצק מיט תבואה און צוריקברענגען פאַרשיי־דענע פּראָדוקטן. יוסי איז געוואָרן אַ סוחר. יעדע וואָך געפירט די תבואה און צוריקגעבראַכט זאַלץ און אַנדערע סחורות. בחורים האָבן אים מקנא געווען ווען ער האָט געטראָגן דעם זומער־רעגנמאַנטל מיט דעם באַשליק אויף די פּלייצעס. קיינער האָט זיך נישט געקענט גלייכן צו יוסי'ן . . .

אין יאָר 1909 איז ער געוואָרן אַ זעלנער אין דער רוסישע ארמיי. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן גאַנץ אָפט. ער איז געוואָרן אַ „זוואָדני". מ'דאַרף באַטאָנען אַז אין יענע יאָרן אין דער רוסישער אַרמיי האָט מען נישט צוגעלאָזט קיין ייד צו קיין דרגה. יוסי איז געווען אַן אויסנאָם.

ווען איך בין אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, איז נאָך יוסי געווען אין דער אַרמיי. אין א צייט אַרום האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אין ניו־יאָרק. פון אונדז איז ער אַוועק צו זיין ברודער קיין קאַנאַדע. מער האָב איך פון אים נישט געהערט. ווי איך האָב זיך שפּעטער דער־וווסט איז ער צוריקגעפאָרן קיין האַרכיוו.

אַ טייערער, גוטער חבר — איך וועל אים שטענדיק געדענקען.

ניו־יאָרק

**פּינחס וואַלאַך**

# ימי התעוררות

בט' באב תרע"ד פרצה מלחמת העולם הראשונה.

בערב שבת הודבקו כרזות גיוס אדומות על הבתים במרכזה של העיר. בשבת נראה רץ על סוס, שעבר את העיר בכיוון לוצק. רגשו הרוחות והיתה ציפיה למתרחש. במוצאי שבת יצאו הגברים להתיצב לגיוס בלודמיר. ביום א' לפנות ערב נראתה שריפה בסקובלקי. הקוזאקים הציתו את הגשר וטחנת המים. הרוסים נסוגו ונכנסו האוסטרים.

### בית ספר עברי

ב־1916 התחלתי ללמוד בבית־הספר העברי, שבבית **שמחה ראט** ו**נחום פישמאן**. מיסדי בית־הספר ומנהליו היו **אברהם וייץ** ו**יעקב חומש**. המורים היו: **שמחה פרלמוטר** ו**דויד מילשטין**, וייבדלו לחיים **נועם זכאי** ו**ישראל האלפרסון**. המזכיר היה **יעקב שפירא**. כל אלה היו אבני היסוד בחינוך העברי והציוני של רוב הנוער בעירנו מאז.

בעירנו לא סבלנו ממוראות המלחמה. זקפנו זאת לזכותו של ה„מוכיח" הקדוש, הנטמן בבית העלמין.

לאחר פלישת האוסטרים והגרמנים לאוקראינה הם החרימו כל מצרכי המזון בעירנו. רעב איים על משפחות רבות בעיר. **אברהם וייץ** הקים ועד סיוע למשפחות ובעיקר לילדים, שקיבלו אוכל חם במטבח כללי. כשנפטר ר' אברהם וייץ ליווהו למנוחות כל אנשי העיר וכל ילדי בית־ספרנו.

### הצהרת בלפור


חגיגות גדולות נערכו לכבוד הצהרת בלפור. בתהלוכה צעדו המוני יהודים עד לשוק ליד ביתו של **יוסף פליט**. אבי המנוח, שהיה מבית מדרשם של **חיים בריסקר** ו**הנצי"ב מוואלוז'ין**,* הזיל דמעות כנער למראה הדגל הכחול־לבן שבראש התהלוכה והמון בית ישראל. הוא ראה בכך „אתחלתא דגאולה". תמיד בכה בימי ט' באב וקונן על חורבן בית מקדשנו ומולדתנו, והנה נתחולל הנס ונראה קו אור באופק לתקומת ישראל.

**צבי בריישע**

חיפה

---

* חיים סולובייצ'יק מבריסק (1853—1919) ונפתלי צבי יהודה ברליז (1817—1893), ראשי ישיבת וואלוז'ין.



תהלוכה עם אישור הצהרת בלפור (1917)

מאַניפעסטאַציע נאָך דער באַשטעטיקונג פון דער באַלפור דעקלאַראַציע אין 1917

# פרנסות של יהודים

הרוב המכריע של יהודי הורוכוב התפרנס בעיקר ממסחר זעיר. כשמונים אחוז מתושבי העיר היו בעלי חנויות. בכליון נפש היו מצפים ליום הפדיון, הוא יום השוק, שהתקיים בכל יום חמישי בשבוע וריכז בתחומי העיר את האוכלוסיה הכפרית.

המסחר בקמח ובתבואות היה כמעט כולו מרוכז בידי היהודים. מקרב בעלי־המלאכה התבלטו במיוחד עובדי המחט, החייטים. הם עבדו בעיקר בשביל החנויות של בגדים מוכנים.

בתחילת שנות השלושים הקימו הפולנים בנין ענק במרכז העיר, מול הכנסיה, ובו שוכנו חנויות כל־בו. בכך מוטטו את המסחר היהודי והרסו את פרנסות היהודים.

בקרב האוכלוסיה היהודית כולה, שמנתה כחמשת אל־פים נפש, היו כ־15 משפחות אמידות, שעסקו במסחר עצים, יערות, טקסטיל, וכן היו בעלי טחנות קמח.

**ברוך צימרמן** תל־אביב



ה„טרגוביצה" — (ככר למסחר בסוסים ופרות בימי שוק) קרוב לווידומקה — די „טאַרגאָוויצע"

# החיים הכלכליים הולכים ומתערערים *

— — — על המצב הכלכלי הנוכחי של העיירה — איני חושב לנחוץ להתעכב הרבה, כי הוא מחוור לך כל צרכו. המשבר נגע בכל ואף אחד לא יצא נקי הימנו. אולם אין כל סיכויים שהמצב להבא — יוטב במשהו, ולהיפך: הפרספקטיבות לעתיד אינן מזהירות כל עיקר.

המסחר היהודי וביחוד הזעיר — סכנה גדולה נשקפת לקיומו. בין האוכלוסים האוקראינים, בעיר ובכפר — המהוים את הקונה התמידי בשוק היהודי — התגברה בעת האחרונה הקואופראציה הצרכנית. התנועה הזאת מתפתחת בטמפו רב: בזה אחר זה נוצרים קואופראטיבים הרוכשים להם לאט לאט את אמונם של התושבים האוקראינים — עד שקשה עתה למצוא כפר שלא יהיה בו קואופראטיב. לשם זה מתנהלת גם תעמולה רחבה וגם מוציאים עתון מיוחד לעניני הקואופראציה, והעתונים הכלליים מקדישים אף הם מדור מיוחד לעניני התנועה הזאת. יש להדגיש שהקואופראטיבים ממין זה אינם משלמים כל מס ממשל־תי — מה שמתנה מראש את התפתחותם הרצויה. הקואופ־

* כתבה מהורוכוב ב„דבר", כ"ט באייר תרפ"ז.

ראטיבים ממציאים ללקוחותיהם פרודוקטים ואמצעי מחיה מן הצורך הראשון, כגון סוכר, מלח, נפט, דגים מלוחים ועוד — ממש אותן הסחורות שבהן מטפל ברובו הגדול המסחר היהודי הזעיר. לכן נוגעת הרעה ביחוד ובראש וראשונה בסוחרים היהודים הזעירים.

כדאי להעיר שהתנועה הזאת אין לה אופי אנטישמי. אמנם אין להגיד שהיא נקיה משמץ אנטישמיות. פטור בלא כלום — האם אפשר ? בכל אופן אין זו תופסת מקום חשוב בתעמולתם של בעליה. היסוד העיקרי הוא : התועלת הפרטית שתצא לו אכר־הצרכן מזה (מה שאין כן בגאליציה המזרחית, ששם התנועה הקואופראטיבית היא בעלת צביון אנטישמי בולט, מפאת החיכוכים שביחסים היהודיים־אוקראיניים בשדה הפוליטיקה).

איך שהוא, הקואופראטיבים חותרים תחת המסחר היהודי — מקור הפרנסה הכי חשוב בכלכלה היהודית בגולה. העתיד הנשקף למקצועות העבודה שהיהודים עסוקים בהם — כידוע שמקצועות העבודה של היהודים בגלות מוגבלים הם עד מאד — מעורר דאגה אף הוא. בסנדלרות, שמספר מסוים של יהודים מצאו להם בה את פרנסתם, אין עתה אף יהודי אחד. הנעלים המוכנים המובאים מורשה ומראדום — כבשו את השוק הפנימי. ומגפיים בשביל האיכרים בני הסביבה — שאינם נזקקים למודה החדישה — מספקים הסנדלרים מבין ה„מישצ'אנים", שהמקצוע נכבש כולו על ידיהם. סכנה דומה לזו נשקפת למקצוע החייטות : החלו להביא בגדים תפורים מורשה. אמנם החייטים „הגדולים" לא יסבלו מזה כל כך, אף כי החששות לעתיד גדולים הם, אך מספר הגון של נערות תופרות שהיו מספקות מלבושים מוכנים בשביל האיכרים — בהן נוגעת הרעה בעיקר.

בשאר המקצועות, כגון : בנאות, נפחות, מתפרנסים רק מספר זעום של יהודים. ואף פה סובלים, בעיקר הבנאים, מחוסר עבודה מתמיד.

הנה כי כן הפרספקטיבות לעתיד עגומות הן מאד. החיים הכלכליים של היהודים בעיירה — הולכים ומתערערים. לרבים לא תשאר כל דרך אחרת — אלא להגר.

להגר — אבל לאן ?...

**ח. ל. פ.**

# בבית הקברות


שרה הורביץ ליד קבר אמה





ברוך צימרמן ליד קבר אביו

# מפת העירה - הורוכוב - (וולין)



# בית אבא


נר נשמה

# מנהגי בית אבא

אבי אדוק היה, כרוב האבות באותם הימים. הוא הקפיד על קלה כחמורה ודרש זאת גם מאתנו הבנות. לא כל שכן שבייחס לבן לא הסכים לשום ויתור.

השתדלנו להיות זהירות בהתנהגותנו כדי לא להכעיסו. אני זוכרת שהייתי נוטלת את ידי לפני כל סעודה, ברכתי על המזון, שמרתי שלא לדרוך על פרורי הלחם שנפלו מהשולחן בעת הסעודה ואספתים על אחת כמה וכמה שהיינו זהירים במאכלי חלב ובשר.

זוכרת אני את יום ערב שבת. אם קרה שאבא איחר לארוחת הצהרים, כבר היה מוותר על האוכל, היה טועם משהו באמרו, כי אסור ביום ששי לאכול בשעה מאוחרת. כדי לא לשבוע ולא לגרוע מן ההנאה של סעודת השבת.

זוכרת אני את ערב יום הכיפורים. כבר משעות הבוקר היה אבא פושט את צורת החולין ולובש צורת חג. על פניו היתה נסוכה חרדת קודש. ה„קאפוטה" היתה כאילו יותר שחורה מאשר בכל ימות השנה ולובן הכותונת היה בולט יותר.

זוכרת אני אותו בחג שמחת תורה. הבית היה מלא חסידים. השולחנות היו ערוכים בכל טוב, הבירה ניגרה. השירה והריקודים בקעו עד לב השמים.

זוכרת אני גם משהו ממנהגיו בכל ימות השבוע. היה קם באשמורת הבוקר ואומר תהילים בניגון משתפך בכל הבית. לאחר אמירת תהילים היה נוהג לגשת לכל מטה כשכלי מים בידיו ואומר: „טאכטערוניו (בתי היקרה), אולי תשתי כוס תה בחלב?" כאשר קיבל תשובה שלילית, היה אומר: „מילא על התה אוותר לך, אך לא על ה„נעגל וואסער" (נטילת ידיים). לא עזר לנו כלום. הוצאנו את הידיים מתחת לשמיכה והוא יצק שלוש פעמים מ'ים על כל יד לסירוגין.

כאשר נתעוררה בי המחשבה לעלות ארצה, לא התנגד. כאשר ליווה אותי לרכבת אמר לי: „בתי, אני מקווה כי תשארי בת כשרה כפי שהיית בבית ותשמרי על המצוות כיאה לבת ישראל".

אחרי שהייתי בארץ שש שנים נסעתי לפולין לביקור בבית אבי. אני זוכרת ערב אחד. בביתנו היו הרבה אנשים מכל הסוגים והגילים, שכנים, ואנשים שהיו להם בנים ובנות בארץ ישראל. הייתי קצת צרודה והשתעלתי. קם אבא, הביא מטפחת גדולה ושם לי על הכתפיים. כאשר טענתי שאין הוא צריך להטריח עצמו, אמר: „בתי, כל שרגלו דרכה על אדמת ארץ ישראל — יש לו חלק לעולם הבא. מכל שכן את, שלא בלבד שדרכת על אדמת הקודש, כי אם גם עובדת אותה בזיעת אפיך. זכות היא לי לשמשך".

אמרתי: אם כן הדבר, מה יחסך לזה שגם רגליך תדרוכנה על אדמת ארץ הקודש? ענה: „לא, אני צריך לארץ ישראל אחרת, וגם אגיע אליה בדרך אחרת, על כנפי נשרים, בבוא משיח צדקנו".

תל-אביב **חליה שכטר־קרים**

# חג בעיירה

הורוכוב ברובה עיירה חסידית היתה. תושביה — לא כולם אדוקים היו, אך רובם שומרי מסורת. האווירה היתה כמעט פטריארכאלית. המשפחה היתה מלוכדת. במשפחה שררה מסורת דתית, אך רחוקה מקנאות.

בית־הכנסת עמד במרכז חיי העיירה.

בשבת היתה העיר שובתת כליל, הואיל והמסחר והחנו־יות היו בידי היהודים, ובעלי המלאכה היו יהודים. הוא הדין בימי חג. השבתון הורגש בכול. אווירת חג שררה בבית ומחוצה לו. האווירה החגיגית בבית השפיעה גם על האווירה בחוץ.

שמחה במשפחה הפכה לרוב לשמחת העיירה כולה. חתונה בעיירה היתה שמחה כללית. החופה היתה מתקיימת ביום ששי בחצר בית־הכנסת, מלווה מנגינות מיוחדות, ולאחר מכן היו מלווים את הזוג לביתו בתהלוכת שמחה וריקודים.

מי שלא השתתף בחג שמחת תורה בעיירה, לא יוכל

לתאר לעצמו שמחה אמיתית מהי. החסידים לא פסקו משיר ומריקוד כל היום וכל הלילה. ואם גם שתו יין — לא השתכרו משתייה אלא משמחה. היו רוקדים ברחובות עם ספרי התורה. את חתן התורה היו מובילים תחת חופה לביתו, והוא היה מגיש תקרובת לכל אנשי ה„שטיבל".

אחד המתפללים של בית הכנסת הגדול היה עולה על גג בית־הכנסת, שק תפוחי־עץ בידו, והיה זורק תפוחים לילדים, שהיו חוטפים אותם באושר רב. מינהג זה היו מסבירים לפי חז"ל: „למה נמשלו ישראל לתפוח? לומר לך, מה תפוח זה פריו קודם לעליו, אף ישראל הקדים נעשה לנשמע" (שבת פ"ח).

כשם שבחג שמחה תורה ליכדה השמחה את העיירה כולה, כך ליכדה הרגשת האחווה והריעות את בני העיירה ביום הכיפורים. ערב יום הכיפורים היה יום התפייסות כללי. היו מבקרים איש בבית רעהו כדי לבקש סליחה ומחילה על עוול שנגרם במשך השנה ביודעים ובלא יודעים. כך נהגו אף אנשי מפלגות יריבות. ברחובנו היה גר מנהיג הרביזיוניסטים פ י נ ח ס  ק ר י ג ר. ואף כי במשך כל ימות השנה היו יחסים מתוחים ומריבות בין תנועת א"י העובדת בעיר והתנועה הרביזיוניסטית, הרי כשהגיע ערב יום הכיפורים — היה פינחס קריגר בא לביתנו ומושיט לי ידו לשלום ולהתפיסות.

החגים קבעו את הצביון הרוחני ואת ההווי בעיירה.

תל־יוסף **משה בניהו**

# ניחוח חגים

חג חג ודמותו המיוחדת. לי נראה, כי חג חג וגם ריחו — ניחוחו, עד כי גם כיום, בעלות ריח מסויים באפי, נזכרת אני בחג ובדמותו בביתנו.

בעלות באפי ריח החזרת, עולה לעיני דמות אמי ז"ל, העומדת במטבח לפני השולחן הממורק עד היותו צהוב לכבוד חג הפסח. היא לבושה סינור גדול ולבן ומתקינה חזרת לחג.

בהריחי ריח יין, אני רואה את ליל הסדר: אבא ואמא בראש השולחן. שניהם מרימים את הקערה הגדולה עם ה„לחמא ענייא". הילדים עוטרים את השולחן כזר, והכל מבהיק: המפה בלבנוניתה, היין באדמוניותו, בגדי הילדים החדשים, הסרטים בשיער הבנות. כלי הנחושת על האיצטבה מבריקים כשמשות קטנות ומצטלצלים לטונים הגבוהים של ה„הגדה" כמשתפים את עצמם במקהלה וקוראים עם כולנו יחד: „לשנה הבאה בירושלים".

ריח היסמין הוא ריח חג השבועות בביתנו, וריח הסוף הוא ריח חג השבועות בבית הדודה מ ל כ ה והדוד ז י ס י. מנהג היה בחג השבועות לפזר סוף על הרצפה בבית ולקשט את הקירות בענפי עץ ירוקים. משום כך, נראה, קראו הנוצרים את חג השבועות „החג הירוק". כמה קינאתי אז בבית הדוד בגלל המנהג הזה! בין יום הפך ביתם לגן־עדן, שאפלולית ירוקה שררה בו, מלאת סוד וקסם. הסוף רשרש תחת הרגלים, וניחוחו מילא את כל הבית. כמה יפה היה זה בעיני! לנו לא הרשתה אמא לפזר סוף על הרצפה, או לתלות ענפים על הקירות. היא לא רצתה בלכלוך. סוף היה בעיניה לכלוך.

כדי לפצות אותנו הרשתה לשים פרחים בכלים בכל שנרצה. כך גם עשינו. מילאנו את כל הכלים שנמצאו לנו בפרחים. כיוון ששיח גדול של יסמין פרח בגננו, היו רוב הפרחים שהכנסנו הביתה פרחי יסמין והבית היה מלא ריחו.

זיו שמש, וילונות קלילים מתנפנפים ברוח, בגדים קלילים ועל הכל ריח יסמין — כזה היה חג השבועות בביתנו.

את ה„ימים הנוראים" לא אהבתי. חגים כבדים ורציניים, שלא לפי טעמי. ערב יום הכיפורים — ממש הכביד עלי, שלא אחטא בשפתי.

זה התחיל עוד בחייה של סבתי ש י נ ד ל ז"ל. מנהג היה בידה להכין שני נרות שעווה לכבוד החג — במו ידיה. אחד גדול מאד — לבית הכנסת. הוא צריך היה לבעור עשרים וארבע שעות, ואם נשתייר ממנו משהו — היה זה סימן לשנה מבורכת. אגב, בבדל נר זה היה אבא מדליק את ההבדלה במוצאי שבת — סגולה לפרנסה טובה. נר שני עשתה, יותר קטן, „נר נשמה" קראה אותו, והדליקה אותו יחד עם כל הנרות בבית בערב יום הכיפורים.

וכך היתה עושה: בערב יום הכיפורים, השכם בבוקר, היתה סבתי לוקחת גוש גדול של שעווה שהכינה, מרככת אותו בתוך מים חמים, לשה אותו כמו בצק, מרדדת כעלה ושמה עליו חוטים בשביל פתיל. כל חוט וחוט היתה שמה לחוד ועל כל חוט היתה מתפללת תפילה מיוחדת ובוכה

בעת מעשה. קוראים את זה ביידיש „לייגן קנייטלעך" (משום כך, כנראה, אומרים על אשה המרבה לבכות „זי לייגט קנייטלעך"). אנחנו, הילדים, עמדנו כמובן מסביב לראות במלאכה המעניינת. סחבנו פירורי שעווה ועשינו נרות זערורים.

ריח הדונג מזכיר לי עד היום את יום הכיפורים.

אם את עשיית הנרות עוד אפשר היה לסבול, גרוע יותר היה עם הדלקת הנרות. תארו לכם: סבתא ואמא שתיהן מברכות על הנרות ובוכות בקול! ואם לא די בזאת, באות הדודה מלכה עם בנותיה הנשואות לבקש סליחה ומחילה מסבתא ואמא ולברך אותן בחתימה טובה. וכל זה בבכי וביללה, בחיבוקים ובנשיקות. דבר זה היה מבריח אותי לפינה המרוחקת ביותר בגן. שם ישבתי תחת עץ וחכיתי עד יעבור זעם. לא יכולתי לשאת את הבכי! אבל זמן רב לא יכולתי להסתתר. חיפשו אותי! אבא עמד ללכת לבית הכנסת ולפני לכתו היה מברך אותנו בדמעות בעיניים, כי נזכה לגמר חתימה טובה...

כך היה בילדותי.

במשך הזמן הכול השתנה. סבתא נפטרה וכן הדוד. רוב בנות הדוד התפזרו בעולם. רק אחת נשארה. ובערב יום הכיפורים, אחר הדלקת הנרות, היו הנשים נפגשות על הגזוזטרה לפני לכתן לבית־הכנסת ובלי בכי היו מברכות אשה את רעותה.

כפר יהושע — **מלכה ורד** (פליט)

# יעדער יום־טוב מיט זיין אראמאט

יעדער יום־טוב האָט זיך געהאַט זיין פאָרם און זיין אַראָמאַט, וואָס גייט נאָך עד היום אויף אין מיינע נאָזלעכער.

דער ריח פון כריין למשל ברענגט פאַר מיינע אויגן מיין מאַמע זכרונה לברכה, ווי זי שטייט אין קוך ביים אָפּגעריבענעם און אָפּגערייניקטן טיש לכבוד פסח, אָנגעטאָן אין אַ גרויסן, ווייסן פאַרטעך און רייבט דעם כריין אויף יום־טוב.

דער ריח פון וויין דערמאָנט מיר די סדר־נאַכט: טאַטע־מאַמע אויבנאָן ביים טיש, הייבן צוזאַמען אויף די גרויסע „קערה" מיטן „לחמא עניא". קינדער קרוינען אַרום דעם טיש און אַלץ בלאַנקט: דער טישטעך מיט זיין ווייסקייט, דער וויין מיט זיין רויטקייט, די נייע מלבו־שים, די באַנד־שלייפן אויף די קינדערישע קעפּלעך. די קופּערנע כלים אויף די פּאָליצעס גלאַנצן ווי קליינע זונען און האַלטן מיט די הויכע הגדה־טענער, ווי זיי וואַלטן מיטגעזונגען אין כאָר, מיט אונדז אַלע צוזאַמען: „לשנה הבאה בירושלים!"

דער ריח פון יאַסמין — איז דער ריח פון שבועות ביי אונדז אין שטוב. דער ריח פון „טאַטריק" דערמאָנט מיר שבועות ביי דער מומע מלכה און פעטער זיסי. אַ מנהג איז געווען צו צעשפּרייטן איבער דער פּאָדלאָגע „טשערעד" (וואַסער־געוויקסן) און באַצירן די ווענט מיט גרינע צווייגן לכבוד שבועות. ווי איך האָב מקנא־געווען דעם פעטערס שטוב! אין איין טאָג איז זי פאַר־וואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ גן־עדן, אַלץ האָט גע־טוליעט אין גרינס, פול מיט סוד און כישוף. דער „טשע־רעד" האָט געשורשט און געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און באַשמעקט מיט זיין שאַרפן ריח. אונדזער מאַמע האָט נישט דערלויבט דאָס אַלץ אַריינצוברענגען אין שטוב, כדי צו פאַרמיידן „שמוץ", אנשטאָט דעם האָט זי אונדז דערלויבט קלייבן בלומען און אַריינשטעלן אין אַלע כלים. דער רוב פון די כלים האָבן מיר אָנגע־פולט מיט „יאַסמין", פון אונדזער אייגענעם גאָרטן, און דאָס גאַנצע הויז איז פול געווען מיטן דאַזיקן ריח.

לויטערקייט פון זון, לייכטע פלאַטערנדיקע פאַר־האַנגען און ווינט, לייכטע מלבושים און איבער אַלץ דער ריח פון יאַסמין — אַזוי האָט אויסגעזען דער שבועות אין אונדזער היים.

די „ימים נוראים" האָב איך נישט ליב געהאַט. צו שווער, צו ערנסט. דעם ערב יום כיפור האָב איך ממש נישט פאַרטראָגן, נישט צו זינדיקן מיט די רייד.

דאָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ביים לעבן פון דער באָ־בע שיינדל. זי פלעגט מיט די אייגענע הענט צוגרייטן צוויי וואַקסענע ליכט. דאָס גרויסע ליכט — פאַרן בית־כנסת — האָט געדאַרפט ברענען פיר־און־צוואַנציק שעה, און אויב ס'איז נאָך געבליבן אויף שפּעטער איז געווען אַ סימן אויף אַ געבענטשט יאָר, מיטן פאַרבליבענעם

ליכט האָט דער טאַטע, אגב, געצונדן די „הבדלה" מוצאי שבת — א סגולה אויף פרנסה. דאָס צווייטע ליכט איז געווען אַביסל אַ קלענערס — אַ „נשמה־ליכט" וואָס מ'האָט געצונדן צוזאַמען מיט די אַנדערע ליכט ערב יום־כיפור.

די צוויי ליכט האָט די באָבע געמאַכט, ווי געזאָגט, מיט די אייגענע הענט. ערב יום־כיפור באַלד אינדערפרי האָט זי גענומען א גרויס שטיק וואַקס, איינגעווייקט אין וואַרעם וואַסער, געקנויטן עס ווי אַ טייגעכץ און געגאָסן אויף אַ קנויט. ביי יעדן קנויט האָט די באָבע געזאָגט אַ באַזונדערע תפילה און דערביי געוויינט. „לייגן קנייטלעך" — האָט דאָס געהייסן און פאַרשטייט זיך אַז מיר קינדער האָבן ליב־געהאַט צו שטייען בשעת מעשה אַרום, שלעפן שטיקער וואַקס און מאַכן אונדזערע קליינע ליכטעלעך ...

ערגער איז אָבער געווען ביים צינדן ליכט. די באָבע מיט דער מאַמען ברעכן אויס אין אַ געוויין און יאָמער. באַלד קומט אויך אָן די מומע מלכה מיט אירע טעכטער זיך איבערבעטן און ווינטשן א חתימה טובה. אַלץ מיט געוויין. מ'קושט זיך און מ'האַלדזט זיך, און ווידער אַ געוויין. דאָס האָט מיך תמיד פאַריאָגט פון שטוב. כ'בין אַוועק אין גאַרטן אין אַ ווינקל אונטער אַ בוים איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם. מ'האָט מיר אָבער באַלד אָפּגעזוכט, ווייל דער טאַטע האָט פאַרן אַוועקגיין אין שיל געבענטשט די קינדער, אויך מיט טרערן אין די אויגן ...

אַזוי איז געווען בשעת מיין קינדהייט. מיט דער צייט האָט זיך אָבער אַלץ געענדערט. די באָבע איז געשטאָרבן און דערנאָך דער פעטער. דער רוב פון זיינע טעכטער זיינען זיך צופאָרן אין דער וועלט אַריין, געבליבן איז בלויז איינע אַליין. יום כיפור נאָך ליכט־צינדן האָבן די ווייבער זיך געטראָפן אויף דער וועראַנדע פאַרן גיין צו כל־נדרי און זיך אָנגעווינטשן אַ גוט יאָר — אָבער שוין אָן געוויין ...

כפר יהושע — **מלכה ורד** (פליט)

# בתי תפילה ובעלי תפילה. חסידים ואנשי מידות

בתי תפילה בעירנו — רובם ככולם מרוכזים היו ברחוב אחד — ה„שול־גאס". כאן שכנו זה בצד זה ה„סאדיגורער שטיבל", ה„טריסקר שטיבל", ה„אוליקר" וה„קארלינער"; ובמרכז — בית המדרש ובית הכנסת הגדול. באחד הרחובות האחרים אף נמצא השטיבל ה„קינייבי".

מזה שנים היתה עירנו „שייכת" לשושלת של אדמו"רי צ׳ר נ ו ב י ל ו ט ר י ס ק. הדבר הפך לסמל ולמסורת: רב העיר הוא מבין חסידי טריסק.

מן הדין איפוא לפתוח בשטיבל של חסידי טריסק.

### ה ש ט י ב ל ה ט ר י ס ק י

מדי פעם, בבוא הרבי מטריסק לבקר בעיר, הפך ביקורו להיות מאורע לא רק בקרב קהל חסידיו, אלא לאנשי העיר כולה. את תפילותיו ערך הרבי בשטיבל של חסידיו, היה עובר בעצמו לפני התיבה בתפילת ליל שבת. מכל בתי הכנסיות שמסביב נהרו לשמוע אל תפילתו, למסור לו „שלום" ולזכות במגע ידו.


מכל יורשי השושלת של צ׳רנוביל וטריסק היה, בתקופת השנים שבין שתי מלחמות העולם, ר׳ ו ו ל ו ו ל ה האדמו"ר המקובל ביותר על חסידי טר׳סק בעירנו. מקום מושבו של ר׳ וולוולה בשנים ההן היה בקובל, משם היה יוצא לפקוד את קהל חסידיו בקהילות וולין.

כאשר היה בא לעירנו יצאו נכבדי החסידים לקבל את פניו בתחנת הרכבת הסמוכה. שבוע ימים היה ר׳ וולוולה עושה בעיר וכל הימים צבאו על פתח אכסנייתו המוני אנשים, נשים וטף. לחסידי טריסק היו אלה לילות שימורים. בשבת, בבוא הרבי להתפלל בקרב עדת חסידיו, לבש השטיבל הטריסקי הדרת חג. משבוע זה נתמשכה השפעה מלכדת בין חסידי טריסק לימים הבאים.

בשטיבל הטריסקי נמצא בשעתו בין המתפללים ר׳ י ו ס ל ה ו ש צ׳ י ב ר, הגביר של העיר בימי השלטון הצארי. שנים רבות לאחר פטירתו עוד ריחפה כאן רוחו, והיו מספרים בשבחו. צר היה לראות, שמקומו נשאר יתום ללא ממלא מקום, כי גם חתנו ההולך בדרכו שבק חיים לכל חי סמוך לפטירת חותנו, במגיפת הטיפוס, בשלהי מלחמת העולם הראשונה.

כאן, בשטיבל הזה, היה מנעים זמירותיו ר׳ י ק ו ת י א ל ש ט ר י ק ר ואחריו בא במקומו כ„בעל־תפילה" ר׳ א ל י־

עזר קרופניק, הוא ליזר רחלס, שבא מדרושקופול לגור בעירנו. יודעי דבר ומיטיבי טעם אמרו, שאין ר׳ ליזר מבייש את קודמו. תפילת „כל נדרי״ של ר׳ ליזר זיעזעה את אמות הסיפים של ה„קלויז״. כן שמור בזכרון הבודדים השרידים נוסח תפילת „ונתנה תוקף״ שלו. כשפתח ב„הנני העני ממעש״ נרגשו הלבבות, ולמשמע קולו הרועד, מלב קרוע ומורתח, בקראו „ואל יהיה שום מכשול בתפילתי״ — זלגו עיני המתפללים דמעות.



ר׳ ישראל דוד השו״ב

### השטיבל הסאדיגורי

בשטיבל הסאדיגורי נתרכזו חסידי צ׳ורטקוב, שהיו מפליגים למרחקים כדי לחזות באור פניו של רבם. לאחר ביקור כזה היו חוזרים ומביאים אתם ניגון חדש ממחיצתו של הרבי. זקני המתפללים כאן היו ר׳ מנצי הורביץ ור׳ שמואל פלומין, שברבות הימים זכו שניהם לעלות לארץ ישראל בעקבות בניהם, ובה מקום מנוחתם.

הרכב המתפללים בשטיבל הסאדיגורי היה שונה במקצת מאשר בשאר בתי התפילה. מרובים היו בו בני הדור השני: אברכים וצעירים, רובם ככולם ממשפחות ציוניות. ההשפעה הציונית היתה כאן בולטת ביותר. כאן גם היו הציונים מכנסים מזמן לזמן אסיפותיהם — לשמוע נאומו של מטיף למען „קרן היסוד״, או למסירת דו״ח של הצירים לועידות ולמפגשים ארציים.

בשטיבל הזה היה עובר לפני התיבה ר׳ אהרון חזן ואחריו בא ר׳ זליג־הרש־חסיס. ניגוניהם של ר׳ אהרון ור׳ זליג בשבת בין ערביים, בזמן „שלוש סעודות״, היו ל„שם דבר״. גם מבין הצעירים החילוניים היו מתגנבים לשם בשעת „שלוש סעודות״ לשמוע שירת „אתה אחד״ ו„אל מסתתר״ בניצוחם של ר׳ אהרון או ר׳ זליג.

### השטיבל האוליקאי

בשטיבל האוליקאי היו המתפללים מבין „בעלי המלא־כה״ שבעיר: חייטים, סנדלרים, פחחים וכו׳. זקני המתפללים היו: ר׳ איציק מרדכי טויבר ור׳ ארון (אהרון) קובילה, הוא גם „הבעל־תפילה״ שבמקום.

לאחר פטירתו של הרב הזקן ר׳ אפרים אוורבוך ז״ל, חל פילוג בין יוצאי חלציו, ואחד מחתניו נתמנה לרב אצל המתפללים האוליקאיים. כשהיה הרבי מאוליקה בא לבקר בעיר, היה ר׳ ארון נוהג לתת למאורע פומבי רב. בקול שירה רבתי ובהמון גדול היו חסידי אוליקה עם ר׳ ארון בראשם מלווים את רבם מבית התפילה לאכסנייתו.

### השטיבל הקארליני

השטיבל הקארליני היה קטן לעומת שלושת הראשונים. כאן היה במרכז ר׳ עזריאל ינטיס. רק עם בואו לשטיבל פתחו בתפילה ולא פתח החזן בתפילת „שמונה עשרה״ בקול בטרם סיים ר׳ עזריאל תפילת „שמונה עשרה״ בלחש.

ימי ביקוריו הנדירים של הרבי מקארלין או מסטולין היו ימי התייחדות והתרוממות לר׳ עזריאל ולקהל חסידיו.

### השטיבל הקינייבי

בשטיבל של חסידי קינייב בלטה דמותו של ר׳ יחיאל הרש חזן, שען לפי מקצועו, שהכל רחשו לו כבוד בשל ישרו וטוהר הליכותיו.

### בית המידרש

בבית המידרש רב היה מספר המתפללים מאשר „בשטיבלעך״ ולא היו נמנים על שום שושלת חסידית. ראש וראשון היה כאן ר׳ משה רפפורט, מהבעלי־בתים המכובדים שבעיר. איש עסקים היה ר׳ משה רפופורט, ולו משפחה ענפה, אך תמיד היתה דאגתו נתונה ל„בית־המידרש״ שלו, שוקד על תקנתו ועל שיפור הסידורים בתוכו.

בית־המידרש היה גם מקום לאסיפות בשבת לאחר הצהרים — בבוא בעל־דרשן לעיר, בזמנים הישנים, או מטיף ציוני, בזמנים החדשים.

### בית הכנסת הגדול

ה„שול״ הגדול היה בנוי לתפארה, ברחבות ובגובה רב. הבאים לתוכו היו מכל המון בית ישראל. המתפללים שמרו

אמונים ל,,שול" שלהם גם בימות החורף, כשהקור היה גדול ולא היו מסיקים בו תנור מעולם. אחד הגבאים הקבועים בבית־הכנסת הגדול היה ר׳ שמשון ליברס. לימים עלתה קרנו של שלמה מירקובר והוא נבחר לגבאי במקום ר׳ שמשון.

בשבתות ובימי מועד היה עובר לפני התיבה ר׳ יענקל־איסר־אהרונציס, ושני בניו החסונים עוזרים על־ידו. בליל הכיפורים, כשהיו מדליקים נרות שעווה רבים בבית הכנסת הגדול, היה האור הממלא את כל חללו מבפנים בוקע מבין חלונותיו הגבוהים החוצה, מנצנץ ומהבהב למרחקים, והכל, מקרוב ומרחוק, עומדים ומשתאים לאור הרב הבוקע ממרומי בית־הכנסת הגדול.

***

אנשי מידות

עירנו נתברכה בשורה של אנשי מופת בעולם החסידות, שרישומם היה ניכר בחיי הציבור החרדי כל השנים.

,,המוכיח"

ראש וראשון לאלה — ,,המוכיח" * הקדוש, שחי בהור־רוכוב לפני מאתים שנה ומעלה. הוא אף נפטר בעירנו ובה מקום קבורתו.

דמותו מעולפת אגדות. בעיני היהודים ואף בעיני הנכ־רים היה מקובל כאב ופטרון לעיירה ולתושביה. אחת האגדות שהתהלכה בין זקני העיר סיפרה, שבימי גונטה,** מנהיג ה,,היידמקים" שעשו שמות בישובי ישראל באוקראינה, יצא ה,,מוכיח" אל מחוץ לעיר ובמקלו עג עוגה מסביבה ואמר: עד כאן תבוא ולא תעבור... אכן, הוסיפו המספרים, גונטה לא עבר, והעיר נצלה מפורענויות.

בימי חירום, מלחמות ופרעות, היו תושבי העיר מזכירים את שמו של ,,המוכיח", משתטחים על קברו ומתפללים, שזכותו תוסיף ותגן על העיר לבל יאונה לה כל רע.

ר׳ יצחק משה

בשלהי המאה שחלפה ובראשית המאה הנוכחית, חי בעיירתנו ר׳ יצחק משה, שהיה מסתופף בחצרותיהם של צדיקים ואדמו"רים שונים, אך מידותיו התרומיות הקנו לו שם ומעמד כצדיק בזכות עצמו.

* ר׳ יצחק דרוהוביצ׳ר ז"ל.


** איוואן גונטה, מנהיג כנופיות הפורעים ,,ההידאמאקים", שערכו טבח איום ביהודי אומאן (1768).

ר׳ יצחק משה היה פרוש מכל עסקי העולם הזה, יושב כל הימים על התורה ובה כל מעייניו. סיפרו עליו, שהיה נזהר מהעלות על דל שפתיו אף מלה אחת בשפת לעז. פעם אחת נתקל בו אחד מאנשי הרשות הרוסית ושאל אותו מה ששאל. ,,דע" — השיב לו ר׳ יצחק משה והמשיך בלחש בלשון הכתוב: ,,את ה׳ אלוהיך". ברוסית המלה ,,דע" — פירושה: ,,כן". ר׳ יצחק משה זכר באותו רגע את המלה ,,דע" בלשון הקודש, וכך לא שינה ממנהגו גם בעמדו פנים אל פנים עם אחד הנכרים, מנושאי השלטון.

צאצאיו של ר׳ יצחק משה חיו בעירנו ונכדיו חברו לצעירים בני הזמן החדש. האחד שהלך בדרכיו היה חתנו ר׳ דוד שכטר, שאף הוא לן תמיד באהלה של תורה, זהיר במצווה קלה כבחמורה, וכשהיה עובר ברחוב — היה מקפיד שלא לזקוף קומתו במלואה, כדי שלא לדחוק רגלי השכינה...

ר׳ בנצי

בשנות העשרים, עם סיום מלחמת העולם הראשונה, הגיע לעירנו ר׳ בן־ציון הופמאן, שרכש לו במהרה מקום כבוד בקרב ציבור החסידים.



ר׳ בן־ציון הופמן

ר׳ בן־ציון הופמאן מוצאו היה מזוויהיל (היא נובו־גראד־וולינסק) ובנה ביתו בקרמניץ ואל עירנו הגיע לאחר גילגולים שונים שעברו עליו במקומות ההם. בבואו לעירנו היה כבר בשנות העמידה; גבה־קומה ובעל זקן שחור, ירא שמים ובקי בהוויות העולם, מסביר פנים לכול וקורן על סביבותיו. ר׳ בן־ציון, או ר׳ בנצי, כפי ששמו היה שגור בפי הבריות, היה כמעיין המתגבר. הוא היה מחונן בכשרון הסיפור והשיח וידע פרטים ופרטי־פרטים מחייהם ומתולדו־

תיהם של אדמו"רים. את שיחותיו היה מתבל תמיד במעשה שהיה ברבי פלוני ואלמוני — והקהל מקשיב ונהנה. ליד „שולחנו" היו מסובים חסידים שונים. פשוטי העם היו נמשכים אליו ושומעים תורתו והוא היה להם מקור השראה ועידוד.

בכל „יארצייט" שערכו לזכרו של „רבי" — היה ר' בנצי יושב בראש השולחן ופיו מפיק מרגליות.

ככל שהזקין ר' בנצי כן היה כדמות של קדוש בעיני ההמונים, שהיו מתייחסים אליו ביראת הכבוד ומתברכים בשמו.

כשפרצה מלחמת העולם השניה לקה ר' בנצי בשיתוק. בני משפחתו הגיעו אז אליו מקרמניץ ונטלוהו עמם ושם אף הוציא נשמתו הטהורה בימי הכיבוש הגרמני, יחד עם כל עדת יהודי קרמניץ.

עינת **חיים דן**

# בתי תפילה, בעלי תפילה און סתם גוטע יידן

די בתי־תפילה האָבן זיך כמעט אַלע קאָנצענטרירט אויף איין גאַס — אויף דער „שול־גאַס". דאָ אין שכנות זיינען געווען דאָס „סאַדיגערער שטיבל" און דאָס „טריס־קער שטיבל", דאָס „אַליקער" און דאָס „קאַרלינער שטיבל"; און אין צענטער — דאָס בית־מדרש מיט דער גרויסער שיל. אויף איינע פון די אַנדערע גאַסן האָט זיך אויך געפונען דאָס „קיניעווער־שטיבל".

יאָרן האָט אונדזער שטעטל „געהערט" צו דער טשערנאָבל־טריסקער דינאַסטיע. אויך דער רב איז געווען אַ טריסקער חסיד. לאָמיר דעריבער אָנהייבן מיטן טריסקער שטיבל.

### טריסקער שטיבל

יעדעס מאָל ווען דער טריסקער רבי איז געקומען אויף א וויזיט אין שטעטל, איז דאָס געווען א געשעעניש נישט בלויז פאַר זיינע חסידים נאָר פאַר דער גאַנצער שטאָט יידן. געדאַוונט האָט דער רבי אין שטיבל. פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער געדאַוונט ביים עמוד און אלע זיינען געקומען אים הערן און געבן „שלום".

פון אַלע יורשים פון דער טשערנאָבל־טריסקער דינאַסטיע איז אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות דער רבי ר' וועלוועלע געווען דער אָנגענומענסטער ביי טריסקער חסידים אין אונדזער שטעטל. אין יענע יאָרן האָט דער רבי געוווינט אין קאָוועל און פון דאָרט פלעגט ער פון צייט צו צייט אַרויספאָרן צו זיינע חסידים אין די וואָלינער קהילות.

ביים אָנקומען צו אונדז פלעגן די חשובסטע חסידים אַרויס אים מקבל־פנים־זיין צום שכנותדיקן וואָקזאַל. אַ וואָך צייט פלעגט ער פאַרברענגען ביי אונדז. יעדן טאָג פלעגן קומען צו אים אין דער אכסניה מאָסן מענטשן, אנשים, נשים וטף. פאַר די חסידים זיינען אויך די נעכט געווען לילות שימורים. שבת, ווען דער רבי איז געקומען דאַווענען צו זיינע חסידים, האָט דאָס שטיבל געהאַט אַ באַזונדער פייערלעכן אויסזען. פון אַזאַ וואָך האָבן די טריסקער חסידים געשעפּט אַ סך כוח און פרייד אויף א לאַנגער צייט.

צווישן די מתפללים אין טריסקער שטיבל האָט אין זיינער צייט זיך אויך געפונען ר' יאָסל האָשטשי־ווער, דער שטאָטישער גביר אין די צאַרישע צייטן. לאַנגע יאָרן נאָך זיין פטירה האָט מער נאָך דערציילט זיין שבח. זיין פלאַץ איז צום באַדויערן געבליבן פאַריתומט, ווייל אויך זיין יורש, דער איידעם זיינער, איז אַוועק פון דער וועלט נאָענט צו דער פטירה פון זיין שווער מחמת דער טיפוס־מגפה, ביים סוף פון ערשטן וועלטקריג.

אינעם זעלביקן שטיבל פלעגן דאַווענען ביים עמוד דער זיסער בעל־תפילה ר' יקותיאל שטריקער. נאָך אים איז געקומען ר' אליעזר קרופניק, לייזר רחלס האָט מען אים גערופן, וואָס איז געקומען צו אונדז פון דראַשקאָפאָל. מבינים האָבן געהאַלטן אַז ר' לייזער האָט נישט פאַרשעמט זיין פאָרגייער. מיט זיין „כל־נדרי"־דאַווענען האָט ער אַ שטיין גערירט. ווייניקע פון אונדז געדענקען נאָך אויך זיין ספּעציעלן נוסח פון „ונתנה תוקף". ווען עד האָט אָנגעהויבן מיט „הנני העני ממעש", האָבן הערצער זיך דערוואָרעמט, און ווען ער האָט מיט זיין ציטערדיקער שטימע און צעבראָכן הארץ אויסגערופן „ואל יהיה שום מכשול בתפילתי" — האָבן טרערן זיך געגאָסן פון די אויגן ביי די מתפללים.



ר' אהרן פיינגלויז
בנו של ר' ישראל דוד השו"ב

### סאדיגערער שטיבל

אין סאַדיגערער שטיבל האָבן זיך קאָנצענטרירט די טשאָרטקאָווער חסידים, וואָס פלעגן מאַכן אַ היבש ווייטן וועג כדי צו זען דאָס ליכט פון זייער רבין. פון דאָרט פלעגן זיי יעדעס מאָל מיטברענגען אַ נייעם ניגון. די חשובסטע מתפללים זיינען דאָ געווען ר' מענדל הורוויץ און ר' שמואל פלאַמין, ביידע האָבן מיט דער צייט זוכה־געווען עולה־זיין קיין ארץ־ישראל צו זייערע קינדער און דאָ האָבן זיי געפונען זייער אייביקע רו.

די מתפללים אין סאַדיגערער שטיבל זיינען געווען אַביסל אַנדערש. מערסטנס זיינען דאָס געווען יונגעלייט און יוגנט. די ציוניסטישע השפעה איז געווען גרויס. דאָ זיינען אויך פאָרגעקומען די ציוניסטישע אספות — דאָ האָט מען זיך פאַרזאַמלט כדי צו הערן אַ מטיף פון קרן היסוד אָדער אַ באַריכט פון אַ דעלעגאַט פון אַ לאַנדישע קאָנפערענץ אָדער צוזאַמענקונפט.

בעל־תפילה איז דאָ געווען ר' אהרן חזן און שפּעטער ר' זעליג־הערש־חאַסי'ס. די ני־גונים פון ר' אהרן און ר' זעליג שבת פאַר־נאַכט צו „שלוש סעודות" זיינען געווען אַ „שם דבר". אויך „פרייע" יונגעלעכע פלעגן זיך פאַרגנבענען צום שטיבל, כדי צו הערן דאָס געזאַנג פון „אתה אחד" אָדער „אל מסתתר", אַנגעפירט דורך ר' אהרן אָדער ר' זעליג.

### דאס אַליקער שטיבל

אין אַליקער שטיבל האָבן געדאַוונט די בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, בלעכערס א. א. די פני זיינען דאָ געווען: ר' יצחק מרדכי טויבער און ר' ארון קאַבילע, וואָס איז אויך געווען דער בעל־תפילה.

נאָך דער פטירה פון אַלטן רב, ר' אפרים אוּוערבוך, איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן זיינע יורשים. איינער פון זיינע איידעמס איז געוואָרן רב פון שטיבל. ווען דער אַליקער רבי פלעגט קומען אין שטאָט האָט ר' ארון אין שפּיץ פון די חסידים אים באַגלייט מיט געזאַנג פון שטיבל צו דער אכסניה.

### דאס קאַרלינער שטיבל

דאָס קאַרלינער שטיבל איז געווען קלענער ווי די צוויי פריערדיקע. דער ראש־המדברים איז דאָ געווען ר' עזריאל יענטיס. ערשט ווען ער איז אָנגע־קומען האָט מען אָנגעהויבן דאָס דאַווענען. אויך די הויכע „שמונה עשרה" האָט מען אָנגעהויבן ערשט ווען ר' עזרי־אל איז „אויסגעגאַנגען".

די זעלטענע באַזוכן פון קאַרלינער אָדער סטאָ־לינער רבין זיינען געווען טעג פון התרוממות הנפש פאַר ר' עזריאל מיט זיינע חסידים.

אין קיניעווער שטיבל האָט זיך אויסגע־טיילט דאָס געשטאַלט פון ר' יחיאל הערש חזן, אַ זייגערמאַכער פון באַרוף, וואָס איז דורך אַלעמען גע־שעצט געוואָרן צוליב זיין ערלעכקייט און ריינקייט פון מידות.

### דער בית מדרש און שיל

אין בית מדרש אַליין האָבן געדאַוונט מער יידן ווי אין אַלע שטיבלעך. די מתפללים האָבן נישט געהערט צו קיין שום חסידים. דער ראש וראשון איז דאָ געווען איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים ר' משה ראַפּאַ־פּאָרט. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר און געהאַט אַ פאַרצווייגטע משפחה. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג פאַרן בית־מדרש. דאָ זיינען אויך פאָרגעקומען די גרויסע אספות אום שבת — ווען אַ בעל־דרשן איז געקומען אין שטעטל אין די אַלטע צייטן אָדער אַ ציוניסטישער מטיף אין די נייע צייטן.

די „שיל" איז געווען געבויט הויך, שיין און רחבות־דיק. די מתפללים האָבן דאָ געדאַוונט אויך ווינטער ווען די קעלט איז געווען גרויס, ווייל מ'האָט דאָ קיינמאָל קיין אויוון נישט געהייצט. איינער פון די שטענדיקע גבאים איז דאָ געווען ר' שמשון ליבער'ס. מיט דער צייט איז דאָ אויפגעגאַנגען דער פּרעסטיזש פון שלמה מירקאָווער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס גבאי ראשון אויפן אָרט פון ר' שמשון.

שבת און יום־טוב האָט דאָ ביים עמוד געדאַוונט ר' יאַנקל איסר אהרונצי'ס. זיינע צוויי שטאַרקע

זין האָבן אים געהאָלפן. יום כיפור, ווען מ'האָט אין דער שיל געצונדן די פיל וואַקסענע ליכט פלעגט א ליכטיקייט אַרויסשלאָגן פון די פענצטער ווייט, ווייט...

### בעלי מידות

אונדזער שטאָט איז געבענטשט געווען מיט אַ סך גוטע יידן, וואָס האָבן יאָרן באַאיינפלוסט דעם פרומען עולם.

### דער „מוכיח״

קודם־כל דאַרף מען דערמאָנען דעם הייליקן „מוכיח״ (ר' יצחק דראָהאָביטשער ז״ל). ער האָט געלעבט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, געלעבט אין האָרכיוו, דאָ נפטר־געוואָרן און דאָ געפונען זיין אייביקע רו. זיין געשטאַלט איז איינגעהילט אין לעגענדעס, וואָס האָבן קורסירט אויך צווישן נישט־יידן. אַזוי למשל האָט מען דערציילט, אַז אין די צייטן פון היידאַמאַקישן גאָנטאַ (איוואַן גאָנטאַ, פירער פון די היידאַמאַקעס, וואָס האָבן דורכגעפירט די שחיטה איבער יידן אין אוקראַין אין יאָר 1768), איז דער „מוכיח״ אַרויס מחוץ דער שטאָט און מיטן שטעקן געמאַכט אַן עיגול זאַגנדיק: ביז אַהער און נישט ווייטער... און אַזוי איז געווען — האָבן דערציילט די זקני העיר — גאָנטאַ איז די גרענעץ נישט אַריבער און האָרכיוו איז ניצול־געוואָרן.

אין א נויט, מלחמה אָדער אַנדערע שעת צרה זיינען יידן געלאָפן אויף דעם קבר מתפלל־זיין, דער צדיק זאָל באַשיצן די שטאָט.

### ר' יצחק משה

ר' יצחק משה איז געווען א ייד אויסגעטאָן פון עולם הזה. ער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט. ער איז באַזונדערס נזהר־געווען נישט אַרויסצוברענגען פון מויל קיין איין גוייש וואָרט. איינמאָל האָט אים באַגעגנט אַ רוסישער נאַטשאַלניק און אים עפעס געפרעגט. ר' יצחק משה האָט אים געענטפערט: „דע״ און באַלט צוגעגעבן פאַר זיך בלחש „את ד' אלוקיך״. אויף רוסיש הייסט „דע״ — „דאָ״ — יאָ, און אַזוי האָט דער פסוק אים אַרויסגעהאָלפן נישט־משנה־צו־זיין פון זיין מנהג.

אויך זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן געלעבט אין האָרכיוו. די יונגע זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער נייער צייט. בלויז זיין אײדעם ר' דוד שעכטער איז געגאַנגען אין זיין דרך און געווען זהיר במצוה קלה כבחמורה. אויף דער גאַס האָט ער מקפיד־געווען נישט צופיל אויסצוגלייכן דעם רוקן, כדי נישט דוחק־זיין די שכינה...

### ר' בענצי

אין די צוואַנציקער יאָרן איז קיין האָרכיוו אָנגעקומען ר' בנציון האָפמאַן, וואָס האָט זיך געשאַפן א שם ביים חסידישן עולם. געשטאַמט האָט ער פון זוויהיל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק), דערנאָך האָט ער געוווינט אין קרעמעניץ און פון דאָרטן איז ער אָנגעקומען צו אונדז נאָך לאַנגע וואַנדערונגען שוין אויף דער עלטער. א הויכוווקסיקער מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ ירא־שמים און איינצייטיק א בקי אין וועלטלעכע ענינים, האָט ער משפיע־געווען אויף דעם גאַנצן שטעטל. ר' בנציון, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן ר' בנצי, איז געווען א מעיין המתגבר געבענטשט מיט א ווונדערלעכן טאַלאַנט צו דערציילן און שמועסן. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן לעבן פון חסידישע רביים. דער עולם האָט געהערט און הנאה־געהאַט. ביי זיין טיש האָט מען געקענט זען פאַרשיידענע מינים חסידים און אויך פראָסטע יידן האָבן פון זיין דערציילן געשעפּט דערמוטיקונג. ביי יעדן יאָרצייט נאָך אַ רבין איז ר' בענצי געזעסן אויבנאָן און פון מויל האָבן זיך געשיט פערל. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט מען אים געשעצט און געאַכטעט.

ביים אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג האָט ער באַקומען אַ פאַראַליזש. זיין משפחה איז געקומען פון קרעמעניץ און אים מיטגענומען מיט זיך. דאָרט האָט ער אויך אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה, בעת דער דייטשער אָקופאַציע — צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער עדה.

עינת — **חיים דן**

# אונדזער שטיבל

אונדזער שטיבל, דאָס סאַדיגערער שטיבל, האָט אין זיך פאַראייניגט חסידות מיט ציוניזם.

די שענסטע פאַרקערפּערונג פון חסידות איז געווען אין דער געשטאַלט פון ר' דויד שלמה־זלמנ'ס־שעכטער. א ייד מיט א הדרת פנים, פלעגט תמיד זיין אין שטיבל, דאַווענען און לערנען. וועגן פרנסה האָט גע־זאָרגט זיין ווייב, די צדקת חנה'צי, ר' יצחק משה'ס טאָכטער. זי איז געווען די קרעמערין און פרנסה־געבערן. זי האָט געפירט א געשעפט פון בוי־מאַטעריאַל, וואָס איז בכלל שווער פאַר אַ פרוי, דאָך האָט זי דאָס געטון מיט פרייד אַלץ כדי איר מאַן ר' דויד זאָל קענען עוסק זיין בתורה און פראַווען חסידות.

דעם ציוניזם האָט רעפּרעזענטירט דער צווייטער דור, אָבער אויך דער עלטערער דור האָט בייגעשטייערט זיין טייל. ר' משה בלעכמאַן איז געווען דער שטענ־דיקער בעל־תפילה ביי נעילה און איז אויך געווען א הייסער ציוניסט.

די מתפללים זיינען געווען תלמידי חכמים און פאַלקס־מענטשן, וועלכע האָבן צוזאַמען געשאַפן איין קהל.

ר' חיים־הערש פינסקער איז געווען דער גבאי, דער איש המעשה, וועלכער האָט פאַרשענערט דאָס שטיבל און געהאַלטן אַרדענונג אין דער צייט פון זיין גבאות.

ר' זעליג באַרט איז געווען אונדזער בעל־תפילה און אין זיין דאַווענען איז געווען מתיקות און האַרציקייט.

ר' יעקב צוקער, ביילע חנה שרה'ס איז געווען דער בעל־תוקע און אויך א ש"ץ פון אייניקע ימים־נוראים תפילות.

ר' בנימין פון גאַליציע איז געווען דער שמש. אַ מענטש אַ באַלאַדענער מיט טאָגטעגלעכע דאגות פון קיום, אָבער דערהויבן און פריילעך ביי יעדער יידישער שמחה, און באַזונדערס ביי די פריילעכע ימים טובים, ווי פורים און שמחת־תורה.

ר' משה איצי־בינעס (אבציוק) איז געווען באַוווסט פאַר א שותק, כמעט נישט גערעדט אין שטיבל. פלעגט אָבער קומען שמחת תורה איז ער גע־וואָרן אַנאַדערער מענטש — פלעגט זינגען, טאַנצן און אפילו פייפן.

די טראַדיציאַנעלע שלוש־סעודות שבת פאַרנאַכט זיינען געווען א שם־דבר מיט זייערע זמירות און חסי־דישע ניגונים. זיי וועלן בלייבן איינגעקריצט אין זיכרון פון אונדזערע פאַרבליבענע.

אַ ספּעציעלער קאַפּיטל זיינען די יאַרצייטן נאָך די רביים און מנהיגי הדור, וועלכער פלעגן אָפּגעהיט ווערן מיט קדושה.

און אחרון אחרון — די מלווה מלכות, ווען יידן פלעגן זיך נישט קענען שיידן פונעם הייליקן שבת און צוריק־גיין צום וואָכעדיקן לעבן.

און אַלץ איז געווען געפּראַוועט מיט רוחניות: אויף די טישן איז געווען ווייניק עסן און טרינקן, אָבער זיי זיינען געווען רייך מיט תורה, געזאַנג און פרייד, מיט באַגער און בענקשאַפט נאָך א בעסערער און שענערער וועלט...

תל־אביב

**הרצל צוקער**
**מיכאל ווייצמאַן**

# ניגונו של ר' יקותיאל

אני רואה את עצמי באותם ימים רחוקים: עודני נער, שקוע כולי בלימוד תורה, ויראת שמים עלי. ימי חודש אלול משרים עלי חרדת קודש מיוחדת. האויר ספוג כולו ציפיה גדולה. האנשים מהלכים רציניים ומרוכזים כמחכים לגזר דין, שאין לדעת אם הוא לחובה או לזכות. קולות שופר בוקעים ויוצאים מבתי הכנסת שליד ביתנו, כאילו קוראים ומזהירים על כוננות לקראת פסק הדין. מדי לילה מעיר קול עמוק ורווי עצב את האנשים ל„סליחות". אנו הקטנים קמים, רועדים מקור ומתלווים להורינו ל„סליחות". עם גמר ה„סליחות", לפני תפילת שחרית, משוחחים ביניהם אנשי ה„שטיבל" הטריסקי על מועד בואו של הגבאי יקותיאל שטריקר, אשר יבוא במיוחד מחצר הרבי להתפלל בימים הנוראים בשטיבל. הוא תמיד מקדים לבוא ל„זכור ברית".

מורגש היה מדבריהם, כי רק לכשיבוא יקותיאל ויעבור לפני התיבה — רק אז יתחילו הימים הנוראים.

כולי צפיה לר׳ יקותיאל. נדמה לי כאילו רק עם בואו של עורך הדין הגדול יתחיל בית המשפט בדיוניו. אני נודר בלבי לא לאחר ל„זכור ברית". אקום בחצות עם אבי וגיסי ואהיה בין המתפללים עם הסניגור הגדול, ר׳ יקותיאל.

הלילה המקווה בא. שקוע בתרדמה שמעתי את קולו של המעורר לסליחות: „יהודים, קומו נא, עורו נא לעבודת הבורא". קמתי מיד על רגלי, התלבשתי, ואחוז בידי אבא הלכתי ל„זכור ברית".

לתוך ה„שטיבל" התכנסו ובאו כל המתפללים. על העמוד מהבהבים נרות החלב. עיני הכול ל„עמוד". מחכים לבואו של ר׳ יקותיאל. לפתע, פנו כל העינים לדלת. בפתח הופיעה דמות בעלת פנים שקועות בתוך זקן מסורק ופיאות ישרות משני צדעיו, דבוקות ללחיים מאחר שזה עתה עלה בעליהם מן המקווה, חגור אבנט רחב על קאפוטה של סאטין וחבוש כובע רחב־תיתורה על יארמולקה של קטיפה. בצעדים מאוששים, כאדם שדוחקת לו השעה, התקרב ר׳ יקותיאל ל„עמוד". התעטף בקיטלו ובטליתו והתחיל בקול דממה, כאדם שעוד אינו מעיז, קודם הוא דופק ומפקפק אם ירשו לו ולאט לאט מתחזק עליו קולו והמלים נשמעות ברורות כמדבר ומוכיח. הקהל עטוף שתיקה.

ר׳ יקותיאל מתפלל בנחת, והמתפללים עונים אחריו כבמעין הסכמה לטענותיו לפני הבורא. והנה מגביר ר׳ יקותיאל את קולו. הוא אינו טוען עוד. הוא תובע צדק. הוא מתריע על עוול. והקול צלול וברור, ללא ניגון. הברות הברות יוצאת התפילה ונגמרת כאומרת: אני שלי הוכחתי, הצדק מוכרח להופיע מיד.

לאחר אמירת „סליחות" זו השתררה דממה ב„שטיבל". אין פוצה פה. הכול נרגשים, אין מתחילים, כנהוג, בתפילת שחרית. מסביב לאבא מתקהלים מתפללים ורוממות תפילתו של יקותיאל בפיהם. אבא משתיקם: חכו, עוד תפילת מוס־פים של ראש השנה, וביחוד תפילת ה„יעלות" ביום כיפור, לפנינו. הוא יפליא אותנו עוד יותר בתפילתו.

אני מצפה ליום הכיפור. בא ליל „כל נדרי".

אבא מכניס אותי תחת טליתו, רק יקותיאל עומד לפני ה„עמוד". לובן בוהק מהקיטל ומטליתו, נרות השעווה מאירים בנוגהם את פניו הלאים. הוא אומר בלחש „תפילה זכה". דממה רבה בשטיבל. ר׳ יקותיאל מתפלל בלחש כאדם המתחטא לפני קונו, כאומר: מי אני שאעמוד לפניך ואהיה שליח ציבור של עדת המתפללים? הקול מלא חרדה כשל אדם שהוטלה עליו שליחות ואין הוא מעיז ומבקש הוא על נפשו שיהיה ראוי לשליחותו.

נסתימה „תפילה זכה" ומתחילה תפילת „כל נדרי". יקותיאל כאילו משביע את שולחיו על יפוי הכוח שנמסר לו על דעת המקום ועל דעת הקהל. אני מציץ מבין קפלי טליתו של אבא ומביט על העדה. פני כולם קורנים. לאחר מזה מתחיל ר׳ יקותיאל ב„יעלה תחנוננו". טליתו שמוטה במקצת מעל הקיטל הפתוח בחלקו, האבנט הרחב חגור מסביב לקיטל, וניגון חדש שהובא מהחצר הטריסקית משתפך בחללו של השטיבל — ניגון של התעלות ורוממות רוח, כאומר: ניתן לי יפוי כוח מהעדה ואני מורשה מטעמה להופיע בשמה. אין אני יחיד אלא עדה שלמה. ואם כן — יעלו תפילותי לפניך מבוקר עד ערב.

הניגון מתפשט וחודר ללבבות. פני העדה זוהרים באור יקרות. הבית כולו נתמלא אורה ורוח טובה. אנשים מחזיקים אחרי ר׳ יקותיאל והבית נתמלא צלילים זכים וטהורים.

ר׳ יקותיאל שטריקר נשאר לפקוד את ביתו גם לימים הראשונים של סוכות. בבואו לשטיבל להתפלל תפילת יחיד, גורם הוא תמיד להתעוררות. הוא מביא מהחצר הטריסקית ניגון חדש. תחילה הוא מזמר והחסידים עוזרים ומחזיקים אחריו. יקותיאל משקיע את ראשו בין כתפיו, יד שמאל כאפרכסת על אזנו השמאלית, ואזנו הימנית נטויה לצד המזמרים ומקשיבה שלא יפגמו בזמר. בהיווכחו שהניגון נקלט ושמזמרים אותו ללא פגם, הוא מצרף את עצמו אליהם.

קולו נשמע אז ברמה, קול כיסופין, קול של השתפכות הנפש, קול מלא ביטחון בנצח ישראל.

בגרתי. יראת השמים שלי פחתה, אך גם כיום עודני ניזון מהשראת תפילתו של ר׳ י ק ו ת י א ל. לא אחת, בשעת דכדוך הנפש, נזכר אני באחד מניגוניו של ר׳ יקותיאל, מזמזמו בחשאי לעצמי, ומצב רוחי משתנה לטובה.

גבעתיים

**נועם זכאי**

# דער ניגון פון ר׳ יקותיאל

איך דערמאָן זיך יענע ווייטע יאָרן ווען איך בין נאָך געווען א ייִנגל. אינגאַנצן אריינגעטאָן אין לערנען תורה, פרום. אלול־טעג וואַרפן אויף מיר אָן אַ באַזונדערן הייליקן ציטער. די לופט איז פול מיט דערוואַרטעניש. אָן ערנסטקייט איז אויסגעגאָסן אויף אַלע. מ׳איז פאַר־טראַכט אין זיך, מ׳וואַרט אויף דעם אומבאַקאַנטן גזר־דין. קולות פון שופר טראָגן זיך פון די בתי־כנסת אין שכנות פון אונדזער הויז, ווי זיי וואָלטן גערופן און געוואָרנט זיך צו גרייטן צום פסק־דין. ביינאַכט וועקט אָן אומעטיק קול צו „סליחות״. אויך מיר, קליינוואַרג, שטייען־אויף ציטערדיקע און גייען מיט די עלטערן צו סליחות. פאַר־ענדיקט די סליחות, שטעלט מען זיך גלייך שחרית־דאַווענען. בשעת דער הפסקה שמועסט מען אין טריסקער „שטיבל״ וועגן דעם, אַז דער גבאי ר׳ יקותיאל שטריקער קומט ספּעציעל פון רבינס הויף אויף די ימים נוראים כדי צו דאַווענען ביים עמוד אין שטיבל. שוין צו „זכור ברית״ וועט ער זיין. יאָ, ערשט דעמאָלט ווען ר׳ יקותיאל וועט זיך אָוועקשטעלן ביים עמוד, ערשט דעמאָלט וועלן זיך אָנהייבן די ימים־נוראים. אויך איך וואַרט שוין אויף זיין קומען. צו „זכור ברית״ טאָר איך נישט פאַרשלאָפן. כ׳וועל אויפשטיין אין חצות און אָוועק אין שטיבל צוזאַמען מיט מיין פאָטער און שוואָגער, כדי צו הערן דעם מליץ יושר...

אָט איז די נאַכט געקומען. א פאַרשלאָפענער דער־טראָגט זיך צו מיר דאָס קול וואָס וועקט צו „סליחות״: „יידן, שטייט־אויף צו עבודת הבורא!״ איך שפּרינג־אויף פון בעט. טו זיך אָן. דער טאַטע נעמט כ׳יר ביי דער האַנט און מיר לאָזן זיך צום שטיבל. אַלע מתפללים זיינען שוין פאַרזאַמלט. די חלבנע ליכט ברענען שוין. אַלע אויגן זיינען געווענדט צום עמוד. אַלע וואַרטן ר׳ יקותיאל זאָל אָנהייבן.

אין דער טיר באַווייזט זיך מיטאַמאָל א געשטאַלט מיט אַ געזיכט פאַרזונקען אין אַן אויסגעקעמטער באָרד מיט אויסגעגלייכטע לאַנגע פאות. עס איז קענטיק, אַז ער קומט נאָרוואָס פון מקווה. מיט אייליקע טריט דערנענ־טערט ער זיך צום „עמוד״. טוט אָן דאָס קיטל, פאַר־וואַרפט דעם טלית און הייבט אָן שטיל, נישט זיכער, ווי ער וואָלט נאָך נישט געוואָגט, ווי ער שלאָגט זיך נאָך עפּעס מיט דער דעה. ביסלעכווייז שטאַרקט זיך דאָס קול, די ווערטער קומען אַרויס שאַרפער, דרייסטער.

ר׳ יקותיאל גייט אַזוי געלאָסן אַריבער פון איין תפילה צו דער אַנדערער און דער עולם דאַוונט מיט, ווי גאַנץ קהל וואָלט מסכים־געווען מיט זיינע טענות פאַרן בורא. אָבער אָט ווערט דאָס געבעט פאַרוואַנדלט אין מאַנונג, ער מאָנט גערעכטיקייט, פאַרטראָגט נישט קיין עוולה — אַזוי ביזן סוף פון די סליחות: איך האָב מיינס געטאָן, איצט לאָמיר זען דעם גערעכטן משפּט...

ר׳ יקותיאל האָט שוין פאַרענדיקט אָבער אַלע זיינען נאָך אונטערן רושם פון זיין זאָגן סליחות. די הפסקה ביזן דאַווענען שחרית איז דאַסמאָל אַ לענגערע ווי געווײנלעך. מ׳געפינט נישט קיין ווערטער פון לויב פאַרן בעל־תפילה. מיין טאַטע טענהט איין מיטן געזעמל אַרום: דאָס איז דאָך בלויז די התחלה. היינט מוסף ביידע טעג ראש־השנה, און דער עיקר די „יעלות״ נאָך „כל־נדרי״... ער וועט אונדז נאָך ווייזן, ר׳ יקותיאל, וואָס ער קען...

איך דערוואַרט זיך שוין קוים אויף יום־כיפור. נאַכט פון „כל נדרי״.

דער טאַטע דעקט מיר איבער מיט זיין טלית. יקותיאל שטייט ביים עמוד. א מאָדנע ווייסקייט שטראַלט פון זיין קיטל און פון זיין טלית. די וואַקסענע ליכט וואַרפן דעם שיין איבער זיין פאַרזאָרגט פנים — ער זאָגט „תפילה זכה״. אַ שטילקייט הערשט אין „שטיבל״. ר׳ יקותיאל דאַוונט בלחש, שמועסט זיך דורך מיטן בורא. ער איז פול מיט ציטער ווי איינער אויף וועמען עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ וויכטיק שליחות, און ער וויל ראוי זיין דערצו.

און אָט ענדיקט ער צו זאָגן די „תפילה זכה״ און ער הייבט אָן „כל נדרי״ — על דעת המקום ועל דעת הקהל... איך קוק אַרויס פון אונטערן טאַטנס טלית — צעשטראַלטע פנימער אַרום. מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ שליח־ציבור, נישקשה.

ר׳ יקותיאל גייט אַריבער צו „יעלה תחנוננו״. דער טלית פאַררוקט זיך אַביסל איבערן האַלב־אָפענעם קיטל. דער ברייטער גאַרטל איז פאַרפלאַכטן איבערן קיטל, און — א נייער ניגון טראָגט זיך אין חלל פון שטיבל, אַ ניגון פון

התעלות און התרוממות, אַ נייער ניגון וואָס ער האָט מיט־געבראַכט פון טריסקער „הויף"...

דער ניגון טראָגט זיך און דרינגט אַריין אין אַלעמענס הערצער, פילט אָן דאָס הויז מיט ליכט און פרייד. בז׳ילד העלפט מען אונטער. די לויטערע און ריינע קלאַנגען פילן אָן אַלץ און אַלעמען.

ר׳ יקותיאל פלעגט אויך בלייבן אויף די ערשטע טעג סוכות. יעדעס מאָל, ווי ער פלעגט נאָר באַווייזן זיך אין „שטיבל" האָט ער מיטגעבערענגט מיט זיך אַ התעוררות דורך לערנען דעם עולם אַ נייעם ניגון. דער קאָפּ צווישן די אַקסלען, די לינקע האַנט ווי אַ טרייבל ביים לינקן אויער און די רעכטע אויסגעשטרעקט צום עולם צום דיריגירן, דער טאָן זאָל חלילה נישט געפעלשט ווערן — אַזוי האָט ער געזונגען און דער עולם האָט אים אונטערגעהאַלטן, אויסגעלערנט, נאָכגעזונגען.

איך בין עלטער געוואָרן זינט דעמאָלט. יראת שמים איז ביי מיר קנאַפּער געוואָרן, אָבער אין מיר איז פאַר־בליבן ביזן היינטיקן טאָג די השראה פון ר׳ יקותיאלס ניגונים. נישט איינמאָל, ווען ס׳איז מיר ביטער אויפן האַרץ דערמאָן איך זיך איינעם פון זיינע ניגונים, כ׳זינג דעם ניגון מיר אויס, שטיל אין זיך, און די שטימונג מיינע פאַרענדערט זיך באַלד צום גוטן.

גבעתיים **נועם זכאי**

# דער „קיקער" וועקט צום תהלים

זיין נאמען איז געווען י ע ק ב ־ י צ ח ק ש ל י י ע ן, גערופן האט מען אים בלשון סגי־נהור „ד ע ר ק י ק ע ר", ווייל ליידער האט ער געקוקט און געזען נאר מיט איין אויג... ביים עולם איז ער געווען אנגענומען נאר מיט זיין צונאמען: „דער קיקער".

אלט און יונג, קינד און קייט האבן געקענט דעם קיקער און געהאט פאר אים א ווארעמען געפיל אין זייערע הערצער. דער קיקער פלעגט וועקן צום תה־לים־זאגן שבת פארטאג און זיין קול האט אפגע־הילכ׳ט איבער אלע יידישע גאסן. דער נוסח זיינער ביים וועקן צום תהלים איז געווען:

„ישראל עם קדושים,\
קומו נא,\
עורו נא,\
התיצבו נא!\
שטייט אויף\
שטייט אויף\
לעבודת הבורא —\
כי לכך נוצרתם!"

ער האט פארמאגט א ריזיקע שטימע און וועקן פלעגט ער מיט דער העכסטער אקטאווע, מיט ברען או התלהבות, מיט אַ ניגון אַ הארציקן, אַ ניגון פון טרויער און דער־מונטערונג... אפילו די וואס האבן זיך ניט געקלויבן גיין זאגן תהלים אין בית־מדרש גאנץ פרי, פארן דאווענען שחרית, האבן גערן זיך אויפגעכאפט פון שלאָף און אויך אויפגעוועקט זייערע קינדער זיך צוצוהערן ווי דער אלטער קיקער וועקט צום תהלים.

פון וואס האט ר׳ יעקב־יצחק געצויגן חיונה פאר זיך און פאר זיין הויזגעזינד? — ער איז געווען דער אויפזעער



ר׳ יעקב־יצחק שלייען
(„דער קיקער")

אויפן שטאטישן בית־מרחץ. פלעגט קומן ערב־שבת האבן יידן זיך געאײלט אין באָד לכבוד שבת, נאך דער שווערער הארעוואניע אַ גאנצע וואך — און דער אלטער בעדער האָט געטון פון זיין זייט אלץ אז קהל זאל זיין צופרידן. דער אויוון האט געברענט, פון די שטיינער האָט געזעצט אַ פּאַרע, אלע זיינען געווען באזארגט מיט בעזימלעך און שעפעלעך, מ׳איז ארויף אויף די הויכע טרעפ, זיך געשמיסן און גע־שוויצט, מ׳האט זיך געטובלט אין אַ קאלטער מקווה — און מ׳האט הנאה געהאט. אלע זיינען ארויס פון מרחץ ארומ־

געוואשענע, גערייניקטע — מיט גרויס דאנקבארקייט פאר דעם וואס האט זיי מזכה געווען מיט אזא פארגעניגן לכבוד שבת.

משמעות אז אויך ער אליין, ר׳ יעקב־יצחק, האט אין דעם געזען מער מצווה ווי פרנסה; דער איינטריטס־אפצאָל אין באָד איז דאך געווען אַ באשיידענער, צוגענגליך פאר אלעמען...

זיין דירה איז געווען צוגעבויט צום בית־מרחץ. פון דארטן האבן בלויז איניגע טריט געפירט צום בית־מדרש, ווו ר׳ יעקב־יצחק איז געווען פון די שטענדיגע מתפללים. יעדע פרייע שעה פלעגט ער טאקע זיך ארײנכאפן אין בית־מדרש זאגן תהלים, אדער ארײנקוקן אין „עין־יעקב״, צי גאר לערנען אַ פרק משניות.

פלעגט קומען שבת אדער יום־טוב איז ר׳ יעקב־יצחק געווען אויסגעטון פון אלע וואָכעדיקע ענינים, אנגעצויגן אין דער שבת׳דיקער קאפאטע — א נייער מענטש... אין די ימים־נוראים האט ער געדאַוונט אין אַ קיטל, ווי אלע יראים ושלמים, ארײנגעטון אין מחזור מיט גרויס כוונה, באהאפטן מיט די עולמות העליונים...

דער ערב־שבת האט זיך ביי אים אנגעהויבן שוין דאנערשטיק: מען דארף דאָך ברענגען האלץ, איינקויפן בעזימלעך און אנהויבן באַצייטנס הייצן דעם גרויסן אויוון פארן מרחץ, כדי אז פרייטיק אינדערפרי זאלן מענטשן קומען צו אלעם גרייטן. דאנערשטיק און פרייטיג האט ער גע־הארעוועט שעה׳ן־לאנג גאנץ שווער — און דאך, נישט געקוקט אויף זיין עלטער און מידקייט, אפגעהיט זיין מצווה: וועקן צום תהלים שבת פארטאג.

ער האט געטון זיין הייליקע, פרייוויליקע פליכט שטענדיק, זומער און ווינטער, אין אַ רעגן ווי אין אַ ברענענדיקן פראסט. ווען אלע האבן זיך געטוליעט און געווארעמט הינטער די פערינעס — פלעגט ער, דער אלטער ר׳ יעקב־יצחק, שוין זיין אויף די פיס פונקט צו דער שעה, שבת גאַנצפרי, ארומשפרייזן איבער די גאסן און אויס־זינגען מיט זיין אייגנאַרטיקן ניגון די הייליקע ווערטער „ישראל עם קדושים — — —״ וועלכע הילכן־אפ אין מיין נשמה ביזן היינטיקן טאג...

און זאל דאָ פארצייכנט ווערן מיט פרייד: „לא אַבד ניר ליעקב״.

ר׳ יעקב־יצחק האט זוכה געווען אז צוויי פון זיינע אייניקלעך, די ברידער ג ו ר ל א נ ד, זאלן געראטעוועט ווערן און געפינען זיך אין ישראל. נאך גרויסע מאטערנישן און לאנגע וואנדערונגען האבן זיי זיך דורכגעבראכן א וועג און אנגעקומען אין לאנד באלד מיט דער אנטשטייונג פון דער מדינה און דא אויפגעבויט זייערע פאמיליע־היימן.

**חיים**

# איציק מרדכי החייט והמלחמה על הרבנות

א י צ י ק  מ ר ד כ י  ה ח י י ט (טויבר) — חייט מצויין היה והלביש כמעט את כל העיר. הוא היה יהודי שומר מצוות, קלה כחמורה. אף על פי כן — בראותו שנעשה עוול למישהו, לא היסס להכריז מלחמה על חלקו הגדול של הקהל בעיר.

ומעשה שהיה כך היה: בראשון לפסח תרפ״ה נפטר רב העיר ר ב י  א פ ר י ם  א ו ר ב ו ך, אשר כיהן כרבה של הורוכוב במשך שנים הרבה והיה מכובד מאד על הבריות. שני בניו לא הלכו בדרכיו, לא קיבלו סמיכות לרבנות, ולשניהם חנויות קטנטנות שבקושי סיפקו להם קב חרובים משבת לשבת. לעומת זאת בנותיו נישאו לרבנים: הגדולה לרב באחת העיירות הקטנות בוולין, והשניה נישאה



←

בילה קופר (זוברמן) מימין, וגיטל ספקטור (ריבציס) בשנת 1904

רעכטס —ביילע קופער, לינקס — גיטל ריווציס, אין יאָר 1904

גם היא לרב, שיקה קראנו לו (יהושע רבינוביץ), אשר היה סמוך על שולחן חותנו.

לאחר פטירתו של רבי אפרים החליטו פרנסי העיר להביא דווקא את חתנו שמחוץ לעיר ולהכתירו כרב בעיר. הדבר הוציא משלוותו את איציק מרדכי והוא הכריז מלחמה ללא פשרות על החלטה זאת. „ההוא" — טען — „מכהן כרב, פרנסתו מובטחת במידה פחותה או יתרה, ומדוע זה יקופח שיקה?" כשידו היתה על התחתונה במלחמה זו, הכריז איציק מרדכי מרד ממש, ויחד עם מתפללי ה„אוליקר שטיבל" הכתירו את שיקה כרב שלהם וסידרו לו מקום מגורים בתוך בנין ה„אוליקר שטיבל".

כך נתברכה עיירתנו בשני רבנים.

אינני יודע בדיוק ממה התפרנסו הרבנים. משכורת קבועה ממוסד כלשהו בודאי לא קיבלו. ידוע לי, שחלק גדול מהוצאות קיומם בא להם ממכירת שמרים לצורך אפיית החלות בערב שבת. וכך גם שיקה התחיל למכור שמרים לחסידיו שלו. זוכר אני את דרשתו של הרב הנבחר, ר' שמואל ריישר, בבית המדרש שלנו בשבת לאחר קריאת התורה, כאשר הכריז חרם על שיקה והודיע שהחלה אשר תיאפה בשמרים של שיקה היא טריפה שבטריפה. אני אז עודני נער והבן לא הבנתי את הענין, אבל משהו התקומם בי.

מה מאושר הייתי כשאמי היתה שולחת אותי בכל יום חמישי לקנות שמרים בכמות שווה אצל שני הרבנים, אולם בקשתני להיזהר בכניסה וביציאה שלא יראו אותי קונה גם אצל שיקה, הרב המוחרם. ודאי לא היתה אמי היחידה שנהגה כך. אני הייתי מצפה מדי שבוע בשבוע בכליון עיניים ממש ליום החמישי הנכסף ולפעולתי המחתרתית הראשונה בחיי...

תל־אביב **דויד טהורי (זוכרמן)**

# ה„חרם"

מסורת הדורות מתערערת

שבת. בית הכנסת הקר הוא כמרקחה. מעכבים את הקריאה, אין נותנים להתפלל. עוכר ישראל זה, ארון (אהרון) קבילה, נתן מקום בדירתו לספרייה האפיקורסית, בה מתאס־פים בחורים ובתולות ומחרפים את אלהי ישראל ברבים. מתפללי בית־הכנסת דורשים במפגיע מארון, שיוציא את ה„טריף־פסול" מהדירה וירחיק את עצמו משכניו האפי־קורסים, בני משפחת בובר.

מצטדק ארון בפני הקהל, שאין הוא אשם בדבר. פשוט, רימו אותו, העלימו ממנו את המטרה שלשמה שכרו את הדירה. אמרו כי שכרו אותה בשביל אגודת „לינת הצדק". מקבל הוא על עצמו בשבועה, כי מיד לאחר צאת השבת יוציא אותם ולא יתן להם כל דריסת רגל בביתו; ואשר למשפחת בובר — זה זמן רב שאין לו כל עסק עמהם. הם שנואים עליו ושכנותם קשה עליו ועל משפחתו.

בעיקר אין דעתו של ארון נוחה מאותו יוסל בובר, זהו הגידם והקיטע, בעל ידים חצאיות עד הפרקים ורגלים קצרות, שטוחות, ללא ברכים; אך מה שהחסירו האברים נטל לעצמו הראש, הן בגודלו והן בחריפות שכלו. כאשר פותח יוסל את פיו אין איש יכול לעמוד נגדו. הוא תמיד מעורר את הקהל נגד פרנסיו, נגד הרב דמתא, נגד הגבאים ועסקני המקום. הוא מפיץ תמיד ארס של שנאה כאילו רוצה הוא לנקום את נקמת מומו באנשים שלמים בגופם.

מהפכת 1905 השפיעה לא במעט על חיי העיירה, חובשי בית המדרש עזבו את ספסלי לימודם. מי מהם שפנה להכנה אקסטרנית, מי שפרש למסחר ומי שנתפס לרעיון הסוציא־ליזם ברחוב היהודים. ברחובות העיר נראו בחורים מגודלי שער, לובשי חולצות שחורות, המציעים ברושורות לקריאה ומדברים על שחרור האדם וחופש העמלים. מסביבם התלקטו צעירים וצעירות שקראו בצוותא.

נוצר הצורך במועדון מיוחד.

מועדון והשפעתו

במסוה של מוסד חסד שכרו להם חדר בשכנותו של יוסל קיסר, שהיה ראש המדברים והמפעילים. סביבו התכנס מיטב הנוער שבעיירה, נוער מכל השכבות. חובשי בית המדרש שהתפקרו שימשו מדריכים. מפי שכנים סקרנים נודע, כי במועדון מדברים סרה בדת ובאמונה. מיד התגעשה העיירה. השכנים התיצבו בפני חשובי העדה. מישהו יעץ להכריז תענית צבור. שני הציע לקרוא לבעלי המלאכה שיתפרצו לתוך המועדונים, יגרשו את כת השטנים וישמידו את הכל.

אי שם מוביל אבא בחוצות את בנו הסורר, שמצאהו בקרבת מועדון האפיקורסים; אמא מושכת בשערות בתה שמצאוה בחברת בחור וקוראת אחריה מלא: „חצופה, מופקרת! השפעת מועדון האפיקורסים עליך!"

התרגשות בקהל: יש לעשות איזה דבר, לעצור את המגפה, כי אם לאו היא תשטוף ותטביע את הכול. בינתים גם הנשים הצעירות מקילות ראש. אחת הסירה את פיאתה הנכרית, השניה העמיקה מחשוף בגדה, ואברכים אחדים קיצרו בלבושם וגזזו את זקנם. אומרים, כי ביער, ב„רבינה", רבים בלילות הלחשים והרחשים של בני נוער, המאחרים שבת שם. חובש העיר רוצה לשלוח את בניו ל„שקוליס".

בבית הכנסת הקר אין היהודים המכורבלים והעטופים יושבים במנוחה במקומותיהם. הם שרויים בחוסר מנוחה. מורגש שדבר־מה מיוחד עומד לפרוץ. „הפעם לא יעבור בשקט. הגיעה השעה לשים קיץ. אם לאו — יפזרו את הפרחחים בקרדומים".

קול באס בוקע מן הבימה: יהודים עכבו את הקריאה! רוח אפיקורסות חדרה לתוכנו, הפקרות שורה במקומנו, בחורים ובתולות מוסתים לדבר עבירה, אינם מאמינים בקיום הבורא. אם לא נעצור את המגפה בתחילת התפרצותה, מי יודע לאן יגיעו — לשמד, רחמנא לצלן!

## „משכילים" גודעים עצים

אסיפת משכילים ב„שטיבל" של חסידי סדיגורה.

יוסל קיסר הוא ראש המדברים. ראשו הגדול מבצבץ מעל השולחן שעליו העמידוהו. מנענע הוא את ידיו הקטועות וזקנו רועד. מדבר הוא רתת:

שנים רבות חי העם בחשכה ובבערות. נעריו חבשו את ספסלי בית המדרש ולא ידעו על החיים שמעבר לקירותיו. הנערות ישבו בבית אביהן וחיכו לבן זוגם. האשה היהודיה היתה נתונה רק להעמדת ולדות. בדעתנו לפקוח את עיניהם, להקנות השכלה ודעת. באים כוחות השחור ובראשם הרב ומעכבים בעדנו. לא נוח לרב, שצאן מרעיתו ישכיל ויבין את החיים, וכי אז ייפסק שלטון הרבנים וכלי הקודש. חיינו הצעירים במאה העשרים דורשים התפתחות, התנערות וצמיחה. אם הרב רוצה להפסיק את התפתחות חיינו הצעי־רים — נשלם לו מידה כנגד מידה: נכרות את עצי גנו!

באותו מעמד מתקבלת החלטה, כי באחד הלילות, עת הרב ייעדר מהבית, תחדור פלוגת צעירים לתוך גנו ותגדע את עציו.

מדרכו של הרב היה לצאת מדי בוקר לגנו, להסתופף בצל העצים ולהתייחד בתלמודו.

אותו בוקר כשפתח הרב את חלונו, חשכו עיניו. כגוויות מתות היו העצים הצעירים שטוחים לפניו. אין איוושתם הנעימה נשמעת עוד. נאלם הרחש שלהם, שהיה כה חביב עליו והיה מאציל עליו השראה.

בקול ענות קרא הרבי לחתנו והצביע על העצים כשעיניו דומעות. התרגש חתנו של הרב וצווח בקול לא לו: זה מעשה ידיהם של המופקרים הללו! הם נקמו בעצים הדוממים! חרם עליהם! מוחרמים ומנודים יהיו מקהל ישראל, לא שיח ושיג עמהם, בל יהיה להם חלק ונחלה בעדת ישראל!

עוד טרם פרש הרב לתפילת בוקר, כבר נודע דבר כריתת העצים בעיר. חשובי בעלי הבתים התכנסו בבית הרב, חפויים ואבלים, כאלו מתיהם מונחים לפניהם. הפרשה נראתה סתומה: מי הם הרשעים שהרימו יד על עצים צעירים, מי הם אותם הנבלים שקיצצו בנטיעות? חרם יוכרז על כל אלה שיש להם נגיעה וידיעה בכך! עליהם לבוא ולהתוודות!

## הטלת חרם

מודעות גדולות קראו את התושבים לבית הכנסת להכרזת החרם. העבודה בעיר שבתה. קבוצות קבוצות התגודדו. החנווני לא פתח את חנותו, בעל המלאכה את בית מלאכתו, והכול דיברו ברוגז: הנשמע כזאת? יד מי היתה בעצים שלא חטאו? קדמונינו גזרו על גדיעת עצים, ופה הם הוסיפו חטא על פשע: עצים גדעו, ובגן של הרב!

בית הכנסת הקר מלא וגדוש. רצינות שפוכה על פני כל. הכול מרוכזים בתוך עצמם, נאנחים ונאנקים. השמש טורח, מעלה נרות שעווה, מכסה את הבמה במפה שחורה...

שלוש דפיקות בשולחן. קול מכריז ואומר: על דעת המקום ועל דעת הקהל, כל ששמע או ראה או יש לו ידיעה כלשהי על מי שעשה את הנבלה הזאת — יבוא ויתוודה! כל שיעלים או יסתיר מהעדה את עושי הנבלה, כל מי מעושי הנבלה שלא יבוא להתוודות ולהתחרט על מעשיו — מנודה ומוחרם יהיה מהעדה הזאת!

להבות הנרות רטטו. דומיה. אנחות מתמלטות מדי פעם. קול בכיה נשמע מעזרת הנשים.

הוטל ה„חרם"!

גבעתיים **נועם זכאי**

# דער חרם

### ערשטער ברוך

שבת. איז דער קאַלטער שיל קאַכט און טומלט זיך. מ׳איז מעכב קריאת התורה. מ׳לאָזט נישט דאַוונען: אַזאַ עוכר ישראל. אהרן קאַבילע האָט אַריינגעלאָזט צו זיך אין דירה די אפיקורסישע ביבליאָטעק, ווי בחורים און מיידלעך קומען זיך צוזאַמען, לעסטערן גאָט. מ׳פאַרלאַנגט פון אים איין זאַך, ער זאָל תיכף באַזייטיקן פון זיין דירה דעם „טריף־פּסול" און אָפּשיידן זיך פון זיינע אפיקורסישע שכנים, פון דער משפחה בובער.

אהרן איז זיך מתנצל פאַרן קהל. ער איז נישט שולדיק. מ׳האָט אים פשוט אָפּגענאַרט. ער האָט נישט געוווּסט אַז זיי דינגען ביי אים די דירה פאַר אַזאַ זאַך. מ׳האָט אים געזאָגט, אַז מ׳גייט גאָר גרינדן אַ „לינת הצדק". ער שווערט דעריבער אַז באַלד נאָך הבדלה וועט ער זיי אַרויסוואַרפן. וואָס שייך די בובערס — שוין לאַנג האָט ער מיט זיי נישט קיין שום עסקים מיט די שלעכטע שכנים זיינע, באַזונדערס מיטן בעל־מום יאָסל בובער, אַ קאַלעקע מיט אָפּגעהאַקטע הענט און אָפּגעהאַקטע פיס. וואָס עס פעלט אים אין די אברים האָט ער אין קאָפּ: אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ שאַרפן שכל. אַז ער עפנט דאָס מויל קען קיינער אים נישט ביישטיין. ער בונטעוועט דעם עולם קעגן די פרנסים, קעגן דעם רב, קעגן די גבאים און קעגן די עסקנים. ער איז בייסיק און גיפטיק, ווי ער וואָלט נקמה גענומען פאַר זיין מום.

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געהאַט אַ נישט קליינע השפעה אויפן לעבן אין שטעטל. בחורים האָבן פאַרלאָזט דעם בית־המדרש. אַ טייל האָט זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים, אַ טייל צו מסחר. אַ סך זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישע אידעע וועלכע האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער יידישער גאַס. אין שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן בחורים מיט צעפלאָשעטע טשופּרינעס און שוואַרצע בלוזעס, וואָס האָבן פאַרשפּרייט בראָשורן און גערעדט וועגן דער באַפרייונג פון מענטשן און פון אַרבעטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן די ערשטע קרייזלעך יוגנטלעכע וואָס האָבן געלייענט צוזאַמען. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון אייגענעם קלוב.

### דער קלוב און זיין השפעה

מיטן אויסרייד, אַז מ׳וויל גרינדן אַ וווילטעטיקע אינסטיטוציע, אַ „לינת הצדק", האָט מען געדונגען אַ צימער אין שכנות פון יאָסל קייסער, וואָס איז געווען דער ראש המדברים. דאַ האָבן זיך אָנגעהויבן טרעפן די בעסטע יוגנטלעכע אין שטעטל, פון אַלע שיכטן. געוועזענע לערנערס פון בית־המדרש זיינען געוואָרן די מדריכים. נייגעריקע שכנים האָבן זיך באַלד דערוווּסט, אַז אין קלוב רעדט מען אפיקורסישע רייד. דאָס שטעטל האָט אויפגעברויזט. שכנים זיינען אַוועק צו די ראשי־הקהל מיט אַ ליאַרם. עמיצער האָט געפאָדערט מכריז זיין אַ תענית ציבור. אַ צווייטער האָט פאַרלאַנגט בעלי־מלאכות זאָלן זיך אַריינרייסן אין קלוב, צעטרייבן די חברה און אַלץ צעברעכן און צעשמעטערן.

דאַ און דאָרט האָט מען געקענט זען ווי אַ פאָטער שלעפּט אַהיים זיין ווידערשפּעניקן זון וועלכן ער האָט געטראָפן אין שכנות פון אפיקורסישן קלוב; ווי אַ מאַמע שלעפּט איר טאָכטער ביי די האָר, הלמאי זי האָט געשמועסט מיט א בחור, שלעפּט און שרייט צו איר: „חצופה!"

„מ׳מוז די מגפה איינשטילן" — האָבן יידן געטענהט, אָנווייזנדיק דערביי אויף נייע דערשיינונגען וואָס זיינען פריער נישט געווען בנימצא אין שטעטל: אָט האָט אַ יונג ווייבל אויסגעטאָן דאָס שייטל, אַ צווייטע האָט אָנגעטאָן אַ קליידל מיט אַ צו גרויסער „עפענונג". יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן קירצן די מלבושים און אונטערשערן די בערדלעך. ידיעות זיינען אויך דערגאַנגען אַז אין וואַלד טרעפן זיך יוגנטלעכע און זיצן ביז שפּעט ביינאַכט, און אַז דער פעלדשער וויל שוין שיקן זיינע קינדער אין די „שקאָלעס".

דער אומרו אין דער קאַלטער שיל וואַקסט. יידן זען די געפאַר און פילן אַז עפּעס מוז גלייך געטאָן ווערן: ניין, מער טאָר מען נישט שווייגן!

פון דער בימע טראָגט זיך אַ באַסאָווע שטים ווי אַ געשריי: יידן, מ׳וועט מעכב זיין דאָס לייענען ביז מ׳וועט עפּעס טאָן. אפיקורסות בושעוועט ביי אונדז אין שטעטל. אַלץ איז געוואָרן הפקר. בחורים און מיידלעך גלייבן מער נישט אין גאָט. און וויבאַלד מיר וועלן נישט עפּעס

טאָן אָפּצושטעלן די מגיפה — ווער ווייסט, רחמנא ליצלן, צו דאָס וועט נישט ברענגען צו שמד!

### „משכילים" האַקן אויס ביימער

אַ פאַרזאַמלונג פון משכילים אין סאַדיגערער „שטיבל". יאָסל קייסער איז דער ראש המדברים. ער שטייט מיט זיין גרויסן קאָפּ אויף אַ טיש, שאָקלט מיט זיינע אָפּגעהאַקטע הענט און ציטערדיקער באָרד. ער פלאַמט:

— לאַנגע יאָרן האָט אונדזער שטעטל געלעבט אין פינצטערניש און עם־הארצות. אונדזערע בחורים זיינען געזעסן אויף דער בית־מדרש־באַנק און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט. מיידלעך זיינען געזעסן ביי טאַטע־מאַמע און געוואַרט אויף זייערע באַשערטע. ווייבער האָבן געוווּסט בלויז וועגן קינדלעך. מיר ווילן זיי עפענען די אויגן, ברענגען וויסן און בילדונג און דער פינצטערניש. די שוואַרצע כוחות בראש מיטן רב ווילן נישט דערלאָזן צו דעם. אוודאי איז דעם רב נישט באַ־קוועם זיינע שעפעלעך זאָלן ווערן קלוגער. די מאַכט פון די רבנים און אַנדערע כלי־קודש ווערט באַדראָט. מיר לעבן אָבער אין אַ נייער צייט און אויב דער רב וועט אונדז שטערן וועלן מיר אים אָפּצאָלן מידה כנגד מידה: מיר וועלן אַלע ביימער אויסהאַקן אין זיין גאָרטן!

און אַזוי איז אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין איינער אַ נאַכט, ווען דער רב וועט נישט זיין אינדערהיים, וועט חברה יונגוואַרג אַריין אין זיין גאָרטן און אויסהאַקן די ביימער.

דער רב פלעגט זיך נוהג־זיין יעדן פרי אַרויסצוגיין אין זיין גאָרטן, אָפּוועקזעצן זיך צווישן די ביימער און לערנען גמרא.

צומאָרגנס ווי נאָר דער רב האָט געעפנט דאָס פענ־צטער איז אים פינצטער־געוואָרן אין די אויגן: די יונגע ביימלעך זיינען געלעגן ווי טויטע פגרים...

מיט אַ שוואַך קול האָט ער אַ רוף געטאָן דעם איידעם זיינעם און מיט טרערן אין די אויגן אים געוויזן וואָס איז געוואָרן פון שיינעם גאָרטן. דער איידעם איז אַרויס פון די כלים און זיך צעשריגן מיט א ווילד קול: דאָס איז די נקמה פון די אפיקורסים! מ'דאַרף זיי אין חרם אַריינלייגן, אין חרם!

נאָך איידער דער רב האָט באַוויזן אָפּצודאַווענען שחרית האָט דאָס גאַנצע שטעטל שוין געוווּסט וועגן די אויסגעהאַקטע ביימער. די חשובע בעלי־בתים זיינען באַלד געקומען צום רב אין שטוב ווי אויף אַ לויה. דער צאָרן איז געווען גרויס און אַלע האָבן מסכים־געווען: אַ חרם אויף די אַלע וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מעשה־נבלה!

### דער חרם ווערט אויסגערופן

גרויסע מודעות האָבן זיך באַלד באַוויזן אין גאַס וואָס האָבן גערופן דעם עולם קומען אין שיל אַריין ווו עס וועט אויסגערופן ווערן דער חרם. די אַרבעט האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען מענטשן. די קרעמערס האָבן פאַרמאַכט די קראָמען, די באַלמעלאָכעס די וואַרשטאַטן. דער צאָרן האָט געברענט: ווי איז געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? ווי מעג מען אויסהאַקן יונגע ביימלעך, און נאָך דערצו ביים רב אין גאָרטן?

די שיל איז פול, געפּאַקט. אַ טיפע ערנסטקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פנימער. אַ שטילקייט, וואָס ווערט בלויז איבערגעריסן דורך טיפע קרעכצן. דער שמש צינד אָן די וואַקסענע ליכט, לייגט דעם שוואַרצן טישטעך אויפן שולחן — — —

דריי קלעפּ, אַ קול רופט אויס: על דעת המקום ועל דעת הקהל, יעדער וואָס האָט געהערט אָדער געזען אָדער ווייסט ווער עס האָט אָפּגעטאָן די נבלה, דאַרף קומען און דערציילן! יעדער וואָס וועט אויסבאַהאַלטן דאָס אָדער די אַלע וואָס האָבן אַ האַנט אין דער מעשה־נבלה וואָס וועלן נישט קומען מתוודה־זיין זיך און אויסדריקן חרטה פאַר זייערע מעשים — די אַלע זאָלן זיין מנודה ומוחרם, אָפּגעשיידט פון דער דאָזיקער עדה!

די פלעמלעך פון די געצונדענע ליכט ציטערן. אַ טויטע שטילקייט. שווערע קרעכצן, אַ געוויין גייט־אויף פון דער ווייבער־שיל: דער חרם איז אַריין אין קראַפט!

**נועם זכאי**

גבעתיים

**חמישה דורות למשפחת איידים־מייזליש (1928)**
**פינף דורות פון פאמיליע איידים־מייזליש (1928)**

יושבת (באמצע) חנה שרה'ליס; מימינה — בתה ביילה; משמאלה — נכדתה נחמה (אשת אפרים איידים); עומדת — נינתה רבקה (בת נחמה איידים). התינוקות — בניה של רבקה.





**ארבעה דורות למשפחת גלאטר**
**פיר דורות פון פאמיליע גלאטער**

יושבים (מימין): יינטה הכט, לאה גלאטר (לאה די האָשצ'יוער), בת־שבע הלפרסון. עומדים (מימין): פייגה הכט, יוסי הכט ויהודית דיקשטיין (כעת שוורצמן), נינתה של לאה גלאטר.

# בתי־אב לדורותיהם

שלושה דורות למשפחת לאקריין (נספו כולם בשואה)
דריי דורות פאמיליע לאקריין (אלע אומגעקומען)





**שני דורות למשפחת פריידפיר**
**(שני אחים שהתחתנו עם שתי אחיות)**

עומדים — מימין: שמשון פריידפיר; משמאל — אהרן פריידפיר; יושבים — מימין: חיה פייגה פריידפיר (קאָס); משמאל: איטה־מינדל פריידפיר (קאָס)

# אבות ואמהות ז"ל



ר' הירש ביניוק (קוברינסקי)



ר' אברהם קריגר



ר' אברהם כהן
(אבי שושנה וחנה כהן)



רויזע קאַס



חוה מיילר
(אמה של דינה שטרנפיין)



הניה רויכל

# חינוך ותרבות

# מלמדים ו„עוזרים" ופרנסותיהם

ב ב י ת ו  ש ל  מ ל מ ד ־ד ר ד ק י

הייתי בן שש כאשר נפטרה אמי הניה. נשארנו שלושה יתומים: ד ן ־ צ ב י, אני — פ י נ ח ס, ו ח י י ם ־ י צ ח ק ־ ד ו ד. אבי, א ב ר ה ם  י ע ק ב, היה מלמד־דרדקי כמעט של כל ילדי העיר. כך גם דודי י ע נ ק ל, אחי אמי. הוא היה שותף לאבי. ב„חדר" שלהם קנו ראשית דעת מאות ילדים, בנים ובנות מגיל שלוש עד גיל שש. הם הרביצו תורה בתלמידים במשך כל היום, מדי יום ביומו, אף בצהרי יום שבת, פרט לחגים. את שכר הלימוד היו ההורים מסלקים בתשלום חצי־שנתי. היו בעלי־בתים עניים שלא היה ביכול־תם לשלם במזומנים את מעט ה„רובלים" בעד „הזמן". הסנדלר היה מסלק את חובו בזוג נעליים, החייט — בחליפת בגדים (את החומר היה מספק אבי). ב„חדר" היה תלוי על הקיר, לפי פקודת הרשות, רשיון עם תצלומו של אבא, ולידו — תמונתו של ה„צאר" ניקולאי...

אבי היה אדוק מאד. הוא היה קם לילה לילה בחצות ל„תיקון חצות", עד אור הבוקר. אחר כך היה הולך להתפלל, חוזר מבית התפילה ומיד מתחיל בלימוד תורה לילדים.

ה „ ע ו ז ר י ם "

פרנסה ? — לפי תנאי הימים ההם היה מצבנו לא רע. אבי ודודי העסיקו 3—4 „עוזרים". תפקידם של הללו היה ללכת מדי בוקר, בהשכמה, לבתי הילדים ולשנן עמם „מודה אני". אחד העוזרים היה צריך גם להעביר על כתפיו את הילדים הקטנים ל„חדר" כאשר אדמת הורוכוב הפכה ביצה (ומתי לא היתה ביצה ?). בימים נוראים היו ה„עוזרים" מכינים ספסלים לישיבה בבית הכנסת הגדול, מביאים לשם את הילדים ואומרים עמם כמה תפילות. בימי חנוכה הם יצקו סביבונים מעופרת וחרטו עליהם נ. ג. ה. ש. לשמחת תורה התקינו דגלים צבעוניים, ועל כל אחד מהם התנוססה הכתובת „דגל מחנה..." לפורים הכינו לילדים רעשנים, מחוטבים וצבועים, מעשה אמן. ימים מספר לפני פסח היו באים לכל בית ואתם מדוכה גדולה מעץ ושני גלילי־עץ כבדים — כתשו מצות והכינו קמח־מצה. בל"ג בעומר הכינו חרבות וקשתות והלכו עם הילדים ליער.

לא די בכל אלה: „העוזרים" אף היו מסייעים בידי „בעלי־הבתים" בחתונות, אפילו בישלו את הדגים הממולאים למשתה הכלולות. הם גם היו מוליכים את הילדים לבתיהן של יולדות יום לפני ברית־מילה, אומרים „קריאת שמע" בקול, וכל ילד היה מקבל עוגיה. בהגיע ט"ו בשבט נמצאה עקרת־בית שהביאה ל„חדר" פירות של „חמישה־עשר": חרובים, תאנים, תמרים וצימוקים. כל ילד קיבל את מנתו, ו„העוזרים" היו מברכים עם הילדים על הפירות. תמורת כל הפעולות האלה היו ה„עוזרים" מקבלים דמי־מענק, שילשלו אותם לתוך קופה עשויה עץ. בסופו של ה„זמן" היה כל רייש־דוכנא מקבל את חלקו.

א ש ת  ה מ ל מ ד,  ה ח נ ו ו נ י ת

אמי החורגת ב י ל ה ־ ח ו ל י ה היתה אחותה של אמי ז"ל. אשה פעילה מאד. היא עסקה במסחר. בחנות שלה נמצאו למכירה כל סוגי המצרכים. לא רב היה מספר הלקוחות שלה. רובם היו גויים מסקובלקה. היא נתנה להם סחורה בהקפה. שום דבר לא נרשם. הכל היה שמור בראשה. היא נתנה בהם סימנים: פלוני הגוי יש לו כלב אדום (או שחור), אלמוני — מקום דירתו על גבעה, וכיוצא באלה. אבי נאלץ היה מפעם לפעם לחתום על שטרות למענה כדי לחלצה ממצוקה בהנהלת החנות.

זוכר אני ימי שני בשבת, כאשר ז כ ר י ה  א ב ר ה ם ־ ש מ ע ו נ ' ס היה נוסע ללוצק להביא סחורה לפי הזמנותיהם של החנוונים. החנוונים היו מתרוצצים באותו יום מאיש לאיש ממכריהם לבקש „גמילות חסד", כדי לתת כסף לזכריה, בתקווה שלאחר יום השוק יהיה לאל ידם להחזיר

את הגמ"ח כדי שיוכלו לקבל שוב גמ"ח בעוד זמן מה...

כשהגיע יום השוק היו החנוונים רצים לעגלות האיכרים. כל אחד השתדל להקדים את חברו: „היש לך משהו למכור?" — היו שואלים את הגוי, בעל העגלה, ובינתים לוקחים ממנו את הבקבוק לנפט ומבטיחים לו שיקחו ממנו רק 4 קופיקות בעד הליטרה, בעוד שלחנווני עצמו עלתה הליטרה 5 קופיקות. אמנם הפסד ובלבד שהאיכר יבוא אל החנות...

דן־צבי עזר לאמא בחנות. פינחס היה ילד טיפוחים שחרדו לבריאותו. הסיבה לכך היתה, שמאז הולדת הילד הראשון ועד בואו של השני שבקו בביתנו כמה ילדים רכים חיים לכל חי. כדי לשמור על חייו הובא פינחס לרבי של חסידים, שיברך אותו באריכות ימים, על צוארו קשרו שקיק ובו קמיעות שונות, הלבישוהו בגדי־בד לבנים, שהרבי ציווה עליהם. לעומת זה תלו בו המלמדים שלו תקוות רבות שיהיה בן־תורה.

### המלמד ו„רווחיו"

אחד המלמדים בעיר היה שמואל־הרש ממיליטין. ירא־שמים גדול, שלאחר שגמר עם תלמידיו את לימודי היום, היה רץ לכמה בתי־תפילה לחטוף „קדושה־ברכו". „מחירה של „קדושה" 150 רובל, מחירו ה„ברכו" — 50 רובל. כל זה, כמובן, בעולם הבא" — כך היה אומר. הוא אף הדריך את תלמידיו ללכת בדרכיו ולעשות כמעשהו: לרוץ על־פני בתי־הכנסת ולחטוף „קדושה־ברכו"...

שמחתם של התלמידים היתה מלאה כאשר היה נכנס בריב עם אשתו דובריש־נחה. אז היה שולח את הילדים לבתיהם בעצם היום. ועל מה היה ר' שמואל־הרש רב עם אשתו דובריש־נחה? — הוא היה נזקק לעזרתה כשהיה קונה משהו אצל גוי. ר' שמואל הרש לא ידע שפת הגויים, והיא, דובריש־נחה, היתה המתווכת, מכיון שלשון הנכרים היתה שגורה בפיה. ר' שמואל־הרש צעק תמיד שאין היא משמיעה באזני האיכר המוכר מה שהוא רוצה שהיא תגיד לו... רב היה צערו על שלשונו בגלות. „הוי, אילו ידעתי לדבר גויית"...

### „בחורי" השטיבל

בכל ה„חדרים" היה מיכל קופל'ס חברי ללימודים. לאחר שסיימנו את חוק לימודינו בחדר, המשכנו בתלמודנו בשטיבל הקארליני. פעם אחת, בערב שבת, כאשר לא ציפינו כלל שמישהו יבוא להתחקות אחר מעשינו, הופיע לפתע ר' קופל. הוא בא לראות אם אנו יושבים על התורה — ומצא אותנו מחליקים על הנהר הקפוא שבקרבת מקום...

למחרת, ביום השבת, קרא לנו רבינו נתן חיים חנא'ס, יהודי חולני אך יודע ספר ותלמיד חכם, ושאל אותנו פשוטו של שיעור בגמרא. פינחס, על פי מקרה, השיב תשובה כהלכה, ואילו מיכל החטיא הפעם את המטרה. קם ר' נתן ואמר למיכל: „ואחרי כל זה אין זה לפי כבודו של אביך שאתה תלמד אתו יחד?!..."

פעם קרה לי מקרה־ביש, שעל פי נס יצאתי ממנו שלם. מעשה שהיה כך היה: אבי, אברהם יעקב, לקחני עמו ל„פריסטאב" (מפקד המשטרה בימי הצאר) כדי לפדות „משכון" שהפקיד הגובה עיקל בביתנו בעד אי־תשלום מסים במועדם. ה„פריסטאב" הכניס אותנו לתוך חדר גדול, שהיו בו „משכונות" רבים, וכל אחד צריך היה להכיר את שלו. לפתע אמר ה„פריסטאב": „הזאטוט הזה יש לו פיאות ארוכות מדי..." הוא רצה לקצץ בהן, וברוב עמל עלה בידי אבי לבטל את רוע הגזירה...

### הגירה לאמריקה

יום חמישי בשבוע היה היום המיועד ל„ידידים". בצהרי יום חמישי אחד החלה ריצת בהלה ברחוב. מה קרה? אומרים, שהגויים מתכוננים לעשות „פוגרום". מיד נסגרו כל החנויות וכל איש תפס בידו מקל ורץ לשוק הגדול. לאשרנו נמצאו אז בשוק ה„פריסטאב" וכמה שוטרים, שפיזרו את הגויים ועגלותיהם לכל עבר.

אותו יום נסתיים באימי־פחד בלבד.

באותו זמן יצא אחי דן־צבי לאמריקה. עברו חמישה חדשים מאז צאתו וכבר התחיל לשלוח מאות דולארים לבני משפחתו. הדבר היה לשיחה בפי כול. הכול התקנאו בו. חישבו ומצאו, שדן מרויח שם — — — יותר מה„פריסטאב" ואפילו יותר משופט השלום...

רבים מאנשי עירנו החלו אז לצאת מהורוכוב והיגרו לארצות־הברית.

ניו־יורק

**פינחס וואלאך**

# מלמדים, בעלפערס און זייערע פרנסות

איך בין אַלט געווען 6 יאָר ווען איך האָב פאַרלוירן מיין מוטער ה ע נ י ע. דריי יתומים זענען מיר געבליבן: ד ן־צ ב י, פ י נ ח ס און ח י י ם ־ י צ ח ק ־ ד ו י ד. מיין פאָטער א ב ר ה ם ־ י ע ק ב איז געווען אַ דרדקי־מלמד כמעט פאַר דער גאַנצער שטאָט. אַזוי אויך מיין פעטער י א נ ק ל, מיין מוטערס ברודער. ער איז געווען אַ שותף מיט מיין פאָטער. אין זייער חדר האָבן געלערנט עטלעכע הונדערט קינדער, יינגלעך און מיידלעך פון 3 ביז 5—6 יאָר אַלט. די שטוב איז געווען אַ גרויסע, מיט אַ סך בענק און טישן. זיי האָבן געלערנט מיט די קינדער אַ גאַנצן טאָג, יעדן טאָג אין דער וואָך, אפילו שבת בייטאָג, אַ חוץ ימים טובים. שכר לימוד האָט מען געצאָלט דורכן יאָר, נישט חודשלעך. געווען אַ געוויסע צאָל אָרעמע בעלי־בתים, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן די פאָר רובל פאַרן „זמן״. אַ שוסטער האָט געצאָלט דעם שכר־לימוד מיט מאַכן אַ פאָר שיך, אַ שניידער האָט געמאַכט אַ גאַרניטער (די סחורה האָט געווינלעך מיין פאָטער געגעבן). אין דעם חדר ווו די קינדער האָבן געלערנט האָט געמוזט הענגען אַ בילעט מיט מיין פאָטערס בילד און דערביי אויך דעם צאַר ניקאָלאַי׳ס בילד.

מיין פאָטער איז געווען זייער אַ פרומער ייד. ער פלעגט אויפשטיין טאָג־טעגלעך אין מיטן דער נאַכט און זאָגן „חצות״ ביז אינדערפרי. דערנאָך איז ער געגאַנגען דאַווענען, צוריקגעקומען און באַלד גענומען לערנען מיט די קינדער.

פרנסה? — ווערדליך יענע צייטן געווען נישט שלעכט. זיי האָבן באַשעפטיקט 3—4 בעלפערס. זייער אַרבעט איז געווען צו גיין יעדן פרי־מאָרגן אהיים צו די קינדער און זאָגן מיט זיי „מודה אני״. איין בעלפער האָט אויך גע־טראָגן די קליינע קינדער אין „חדר״ ווען די בלאָטעס זיינען געקומען — און ווען איז נישט געווען קיין בלאָטע? אין די ימים נוראים האָבן זיי געמאַכט בענק אין דער גרויסער שול, געבראַכט די קינדער אין שול און געזאָגט מיט זיי געוויסע תפילות, פאַר חנוכה — געגאָסן בלייענע דריידלעך מיט דער אויפשריפט נ. ג. ה. ש.; צו שמחת תורה — געמאַכט פאַרשידענע קאָלירטע פאָנען מיטן דגל מחנה...; פורים צייט האָבן זיי געשניצט און געפאַרבט האָלצערנע גרעגערס פאַר די קינדער; אַ פאָר טעג פאַר פסח האָבן זיי געטראָגן אַ גרויסע האָלצערנע סטופע מיט צוויי גרויסע שטויסערס צו יעדן בעל־בית און געקלאַפּט מצות פאַר מצה־מעל; ל״ג בעומר האָבן זיי געשניצט שווערדן מיט בויגענס און געפירט די קינדער אין ראַבינע; חמישה־עשר האָט אַ געוויסע באַלעבאָסטע געבראַכט אין חדר באָקסער, פייגן, טייטלען און ראָזשינקעס. יעדעס קינד האָט באַקומען אַ טייל פון דעם אַלעמען און די בעל־פערס האָבן געמאַכט די ברכות מיט די קינדער.

זיי האָבן אויך געהאָלפן די בעלי־בתים ביי חתונות, אפילו געקאָכט די געפילטע פיש. די בעלפערס פלעגן אויך פירן די קינדער צו אַ קינפּעטאָרן אַ טאָג פאַרן ברית, געזאָגט מיט זיי קריאת־שמע און דערפאַר האָט יעדעס קינד באַקומען אַ צוקער־לעקעכל... פאַר די אַלע זאַכן האָבן זיי באַקומען יד־געלט. די געלטער האָבן זיי אַריינ־געלייגט אין אַ גרויסע האָלצערנע פושקע און נאָכן „זמן״ זיך געטיילט אויף חלקים.

אונדזער שטיפמוטער ב י י ל ע ־ ח ו ל י ע איז געווען אַ שוועסטער פון אונדזער מוטער. זייער אַן אַקטיווע פרוי. זי האָט געהאַנדלט. געהאַט אַ קלייט מיט אַלץ וואָס נאָר מען האָט געוואָלט, אַחוץ שניט־סחורה. צופיל קונים נישט געהאַט. מערסטענס זענען אירע קונים געווען סקאָבעלקער גויים. זי פלעגט זיי געבן סחורה אויף באָרג. קיינמאָל נישט פאַרשריבן. אַלץ געדענקט אויפן קאָפּ. זי האָט זיך געמאַכט סימנים: ד ע ר גוי האָט געהאַט אַ רויטן אָדער אַ שוואַרצן הונט; יענער גוי האָט געוווינט אויפן באַרג — און נאָך אַזעלכע ענלעכע סימנים. מיין פאָטער האָט אַלעמאָל געגעבן וועקסלען כדי איר אַרויסצוהעלפן מיט דער קלייט.

איך געדענק יעדן מאַנטיק, ווען דער פאַרער ז כ ר י ה א ב ר ה ם ־ ש י מ ע ו נ ׳ ס איז געפאָרן קיין לוצק ברענגען די סחורה וואָס די קרעמערס האָבן באַשטעלט, פלעגן די קרעמערס אַרומלויפן צו יעדן באַקאַנטן און בעטן אַ גמילת־חסד צו געבן דעם פאַרער, מיט דער האָפנונג אַז נאָכן מאַרק־טאָג (אָדער יריד) וועלן זיי אָפּגעבן דעם גמילת־חסד, כדי צו קענען לייען נאָך אַמאָל...

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען יעדע וואָך.

איך געדענק אַז אין מאַרק־טאָג זיינען די קרעמערס

געלאָפּן אײנער פאַרן צווייטן צו דער גוישער פור, צום וואָגן, מיט דער פראַגע: „מאַיעטע שטשאָ פראָדאַטע" (האָט איר וואָס צו פאַרקויפן?) דערווייל צוגענומען די קעראָסין פלאַש, צוזאָגנדיק דעם גוי אַז מען וועט אים גיבן פאַר 4 קאָפּיקעס אַ פונט קעראָסין, וואָס האָט אים, דעם קרעמער אַליין, געקאָסט 5 קאָפּיקעס — אבי נאָר ער זאָל קומען אין קלייט.

ד ן ־ צ ב י האָט מיטגעהאָלפן אין דער קלייט און פ י נ ח ס איז געווען דאָס ציטריקע קינד, ווייל אין די יאָרן צווישן דן־צבי און פינחסן זײנען בײ אונדז עטלעכע קינדער אַוועק אויפן עולם האמת. מ'האָט אים, פינחסן, געפירט צו יעדן חסידישן רבין ער זאָל אים בענטשן מיט אריכות ימים. ער האָט געטראָגן אויפן האַלז אײנגענײט אין אַ זעקעלע פאַרשידענע קמיעות און איז געווען געקליידעט אין ווייסע לײוונטענע קליידער, וואָס אַ געוויסער רבי האָט געהייסן אָנטאָן. זײנע מלמדים האָבן געגעבן גוטע האָפענונגען אַז ער וועט קענען לערנען.

איין מלמד, ש מ ו א ל  ה ע ר ש  ד ע ר  מ י ל י ט י נ ע ר, אַ פאַנאַטיש פרומער, פלעגט נאָכן טאָג לערנען מיט די קינדער, לויפן אין עטליכע שולעכלעך צו כאַפּן אַ „קדושה־ברכו". אַ „קדושה" איז ווערט געווען 150 רובל, אַ „ברכו" — 50 רובל, — פאַרשטייט זיך אויף יענער וועלט. אַזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט אויך געמאַכט, אַז די תלמידים זאָלן לויפן אין די בתי־מדרשים און כאַפּן אַ „קדושה־ברכו"...

די תלמידים זענען געווען צופרידן ווען ער האָט זיך צעקריגט מיט זיין ווייב ד אַ ב ר י ש  נ ע כ ע און אַהיים געשיקט די תלמידים אין מיטן טאָג. געקריגט האָט ער זיך מיט איר יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו איר זי זאָל אים אַרויסהעלפן ווען ער האָט עפּעס געקויפט בײ אַ גוי. ער האָט נישט געקענט ריידן גוייש. דאָבריש־נעכע האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיטן ריידן, און ער האָט אַלע מאָל געשריגן אַז זי רעדט נישט דאָס וואָס ער וויל זי זאָל ריידן... ער האָט באַדויערט וואָס זיין צונג איז אין גלות. „אוי, ווען איך קען ריידן גוייש"...

איך און מ י כ ל  ק אַ פּ ל ס האָבן אַלע יאָרן געלערנט אין דיזעלבע חדרים. מיר האָבן דערנאָך אויך געלערנט אין קאַרלינער שטיבל. אײנמאָל, אַ פרייטיק, מיר האָבן נישט דערוואַרטעט עמיצער זאָל אונדז נאָכזוכן, און פלוצים — קאַפּל איז דאָ. ער איז געקומען זען צו מיר לערנען און אונדז געטראָפן גליטשן זיך אויפן טײך.

שבת אינדערפרי רופט אונדז אונדזער רבי, נ ת ן  ח י י ם  ח נ א ׳ ס, אַ יאַדישלעווער, אַ קראַנקער, נאָר אַ יודע ספר און אַ גוטער לערנער, און פרעגט אַ געוויסן פשט פון דער גמרא. פינחס האָט גראַד געטראָפן, מיכל האָט דאָסמאָל געמאַכט אַ טעות, גיט דער רבי נתן אַ זאָג צו מיכלען: „און דײַן טאַטן פּאַסט נישט זאָלסט זיך לערנען מיט אים צוזאַמען?"

אײנמאָל איז מיט מיר געשען אַ צופאַל, וואָס איך בין קוים אַרויס אַ גאַנצער. מעשה שהיה כך היה: מיין פאָטער א ב ר ה ם  י ע ק ב האָט מיך מיטגענומען מיט זיך צום פריסטאַוו. ער איז געגאַנגען אויסלייזן א משכון, וואָס דער סאָטניק האָט פאַרנומען פאַר נישט באַצאָלן דעם נאָלאָג צו דער צייט. דער פריסטאַוו האָט אונדז אַרײנגעפירט אין אַ גרויסער קאַמער. געווען דאָרט אַ סך משכונות, און יעדער האָט געדאַרפט דערקענען זיין חפץ, וואָס מען האָט בײ אים צוגענומען. פלוצים גיט אַ זאָג דער פריסטאַוו: „דער קליינער פינחס האָט צו לאַנגע פאות"... ער וויל זיי אָפּשניידן, מאַכן קורצער. מיט גרויס מי איז מיין טאַטן געלונגען אָפּצוהאַלטן די גזירה...

דאַנערשטיק איז געווען דער טאָג פון ירידים. אײנמאָל אַ דאַנערשטיק, אין מיטן טאָג — אַ געלויף. וואָס איז? מ'זאָגט אַז די גויים ווילן מאַכן אַ פּאָגראָם. באַלד האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע קלייטן, און יעדער האָט געכאַפּט אַ שטעקן און איז געלאָפן אין גרויסן מאַרק. צום גליק האָבן זיך געפונען אויפן מאַרק דער פריסטאַוו מיט אַפּאַר סטראַשניקעס. זיי האָבן צעטריבן די גויים מיט די פורן, און מען איז אָפּגעקומען מיט שרעק.

נאָך דעם איז דן־צבי אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין 5 מאָנאַטן אַרום האָט ער אָנגעהויבן שיקן הונדערטער דאָלאַרן צו זיין פאַמיליע. יעדער אין האַרכיוו האָט אים מקנא געווען. זיי האָבן אויסגערעכנט אַז דן פאַרדינט מער פון דעם פריסטאַוו, אפילו מער פון דעם „מיראָוואָי סודיאַ" (פרידנס ריכטער).

אַ סך האַרכיווער האָבן נאָך דעם אָנגעהויבן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

**פינחס וואָלאָך**

ניו־יאָרק

# ר׳ פייסי - מלמד הדרדקי

מלמדי הראשון היה רב פ י י ס י פ א ס ט ר נ א ק ז״ל. מלמד דרדקי היה; רץ מבית לבית ומלמד את האלף־בית לבנות ולנערים הקטנים, אשר משום מה לא יכלו ללכת ל„חדר״, כמו אצלנו, למשל, שהחדר מרוחק מאד היה מביתנו.

בפניו קראו אותו ר ב פ י י ס י, ושלא בפניו — פ י ס י נ י ו מ ל מ ד. פיסיניו בלשון הקטנה — על שום מה? כנראה על שום קטנותו. קטן וצנום היה האיש כנער שלא בגר, נער בעל זקן שחור ועינים שחורות, צעירות וחיכניות, אשר תמיד נמצאה לו מילתא דבדיחותא, אימרה שנונה, משל או סיפור מבדח, מסוגם של סיפורי מינכהאוזן. מאד אהבתי את מלמדי זה, כאהוב ילד את אומנתו. בבואו היה עוזר לנו ליטול את ידינו ותוך ספיגתן במגבת היה מתחיל בברכת „מודה אני״; אחר כך היה מוציא את הסידור הגדול והמרופט מרוב שימוש ובכפיס עץ, ה„טייטל״, מצביע על האותיות ומשנן עם כל אחד מאתנו לחוד את האלף־בית; ולבסוף — מפטיר ב„קריאת שמע״, מנשק את המזוזה ורץ בצעדים קטנים ומהירים לבית שני.

איש עני היה רב פייסי ומטופל בילדים הרבה. תמיד היה לבוש אותה הקאפוטה הדהויה, שאפילו לפי מידתו היתה קטנה, ונשתיירה, כנראה, עוד מימי נעוריו. אך רוחו טובה היתה תמיד. איני זוכרת אותו גוער במי שהוא, אף לא בשובבים שבנו. אלינו, הילדים, דיבר תמיד בבת צחוק, בלטיפה על הראש או בצביטה בלחי. בגעור בנו אמא, היה הוא לנו לסניגור: „מה אפשר לדרוש מהם? ילדים הם ילדים!״

לפעמים, ביחוד בימי החורף הקרים, היה נעתר להזמנת ההורים ונשאר לשתות כוס תה חם. ואז היה מתבל את שיחתו במשליו ובסיפוריו היפים, שכה אהבתי לשמעם. כשגדלתי ראיתיו לפעמים ברחוב רץ בצעדיו הקטנים והמהירים, כנראה להרביץ תורה לקטנים.

זאת היתה דרכו עד סוף ימיו.

כפר־יהושע **מלכה ורד** (פליט)

# מלמד הגמרא - בנימין שווארצמן
## (בנימין הרש גראנדס)

דמות ידועה בעירנו היתה דמותו של אבי ז״ל, ב נ י מ י ן ש ו ו א ר צ מ ן (בנימין הרש גראנדס). רוב בניהם של בעלי הבתים למדו אצלו תורה ותלמוד. הוא גם מילא מספר תפקידים ציבוריים: דיין, מסדר חופה וקידושין ועוד. בכל התפקידים הללו בא במגע עם הקהל הרחב והיה מקובל על הכול. לתפקידים אלו התכונן אבי ז״ל עוד בצעירותו. שנים מספר למד ב„ישיבה״ בוורשה. עם סיום לימודיו שם, חזר לעיירתנו והתחיל לעסוק בהוראה. הוא נחשב למלמד בדרגה גבוהה. ואכן, אליו הופנו תלמידים שידעו חומש ורש״י והתחילו בלימודים נוספים.

הוא היה קנאי לדת ישראל, אך באפייו היה אדם פרוגרסיבי. את דמותו קבעו ידיעתו הרחבה בתלמוד ושכלו החריף, שהניעוהו להקשיב לדעת הזולת בסובלנות ואחר־כך לנסות לשכנעו בהוכחות חותכות. רק מעטים יכלו לעמוד בוויכוח עמו.

את עבודתו אהב מאד. ניחן בגישה אינדיבידואלית לכל ילד, לרבות ילדים קשי־תפיסה.


זמן מה נמנה גם עם המורים הראשונים בבית הספר „תרבות״ בהורוכוב. הוא לימד שם תלמוד.

בהיותו חזן בבית המדרש, היה מארגן מדי שנה בשנה מקהלת תלמידים, שהיו משתתפים בהדרכתו בתפילה בימי החגים. זכות גדולה היתה לתלמיד להתקבל למקהלה זו ולהופיע בימי החגים לפני כל הקהל. תפילתו הצטיינה ברגש יהודי חם.

היה ממקורביו של רב העיר. מדי יום ביומו היה נכנס לבית הרב כדי לעסוק בתורה ולשיחת חולין. במקרים רבים נועץ בו הרב בעניני הלכה ובענינים כלליים כאחד. שיפוטו היה מהיר ובהיר.

לעתים קרובות ישב במשך שעות רבות, אחרי יום

עבודה קשה, בתור בורר בין סוחרים ואנשי עסק, שהכירוהו היטב כאיש רודף צדק ומשפט.



ר׳ בנימין שווארצמן
(הרש גראנדס) ז״ל

הוא לא רק נאה דרש, אלא גם נאה קיים. זכורני מקרה כאשר עני בא לביתנו ביום שישי לפנות ערב במטרה להתארח בשבת. האיש סיפר, שבמשך כל היום לא הצליח לקבל אוכל מנשים כיוון שהיו עסוקות בהכנות לשבת. בו במקום החליט, אבי, בהסכמת אמי, להכין כל יום שישי ארוחות חמות בשביל כל העניים הבאים מרחוק וגם להקצות חדר בביתנו ללינה בשבילם. מאז היה ביתנו מלא יום יום אורחים. הדבר הכביד מאד על בני משפחתנו, לא רק בגלל העבודה המרובה שהיתה קשורה בזה, אלא גם בשל הנקיון הירוד של אורחינו. לא פעם ביקשנו מאבא למצוא מקום ציבורי בשביל האנשים הללו, אולם אבי התעקש וענה שזוהי מצוותו האישית ועליו לקיימה. כשהציע לו אחד מבעלי הבתים תשלום בעד קניית הזכות הזאת — סירב אבי וראה את עצמו כבעל חזקה על מצווה זו.

נסיונו הרב בחינוך אמר לו, שאי אפשר לחנך רק במלל, אלא נדרשים מעשים מחנכים. אכן, לא אחת הצביע בפני תלמידיו על מעשים אלה ודרש מהם לקיימם, בהדגישו שחשיבותם עולה על התפילה.

בחודש ניסן תרצ״ט נפטר אבי והוא בן 59 במותו. קהל רב של תלמידיו הלך אחרי ארונו.

חיפה **בלומה שווארצמן** (צ׳רבאטוב)

# הרבי והחזן

רק אעצום עיני והנה עומדת שוב מעל מיטתי דמותו החיה של ה„רבי״, ר׳ בנימין־הרש גראנדס, זקן המידות שלו והשפם מכוסים גלדי קרח והוא מטלטלני בקצהו המעוקל של מקלו הנתחב מתחת לשמיכה החמה ואומר: „נו, שטיי אויף!״ בחוץ שוררת עדיין עלטה כבדה וקור עז עוצר את הנשימה, אך הרבי עשה כבר כברת דרך ארוכה מביתו לפרבר בו עמד ביתנו, כדי לתת לי שיעור בלימודי הקודש לפני צאתי לבית־הספר הפולני־הממלכתי (ה„שקולה״), בו עלי להיות בשעה 8 בדיוק.

במשך 15 שנה, בבקרי החורף הקרים ובימות הקיץ החמים, עשה כך הרבי את דרכו לביתנו הרחוק והרביץ תורה באחי ובי, החל במשה — הבכור, המשך בדויד הצעיר ממנו וכלה בי, הקטן. הוא שהנחיל לנו ידיעת התורה עם רש״י וקצת מן הנביאים ואף כמה מסכתות מים התלמוד. כשהגיעו האחים לגיל מצוות, היה זה הרבי שלימדנו הנחת תפילין וקריאת ההפטרה ואף היה משדלנו שנבטיח לו, כי לא נחדל מהנחת תפילין גם כשנתבגר ולא נימצא עוד בפיקוחו.

אך יותר מדמותו של הרבי „המלמד״ נחרתה בזכרוני דמותו כשליח ציבור בבית־המדרש שלנו. לבית־הכנסת הגדול — ה„שיל״ — היו לפעמים מביאים לימים הנוראים „חזן״ מקצועי, שהיה מסלסל בקולו. בית־המדרש שלנו לא נזקק מעולם לחזן מן החוץ. הרבי היה בעל התפילה ובעל־הקורא הקבוע. ואמנם השאירה עלי תפילתו רושם בל יימחה עד היום. הרבי ודאי לא למד תורת המוסיקה מימיו ואף צורת תו לא הכיר, אבל היה, כנראה, בעל כשרונות מוסיקליים טבעיים. כשרונות אלו באו לביטויים המלא בעת התפילה.

הגב' ויביראצקה עובדת בתור טבחית אצל מפקד העיר. היא עובדת רק עד הצהריים. כשהיא הולכת לעבודה, סגור הבית, לרוב. ויביראצקי הבעל עובד כל היום וחוזר בערב. הבן היחיד שלהם, ולאדק, בן 11 — הוא השומר היחידי שלנו. הוא לפלא בעינינו ברצינותו ובהבנתו את ענייננו. כשהוריו אינם בבית, הוא משתדל להחזיק את הבית נעול. הוא הולך לרעות את העזים, או להיפגש עם חברים.

בשעות שהגב' ויביראצקה בבית — היא עוסקת בתפירה. באים אליה גרמנים, המביאים לבנים לתפירה או לתיקונים. כשאנו שומעים את שפתם השנואה, אנו נחרדים ונרגעים רק כשהם יוצאים.

מתקרב החורף. אנו לבושים בגדים קלים. החציר שעל העלייה כבר אכול ע"י העזים. העלייה ריקה ומסוכנת. מר

ויביראצקי מתכונן להקים מחיצה בעלייה ולגדור בשבילנו חדרון קטן, שבחלקו יגן עלינו גם מפני הקור. זה נמשך זמן רב, כי עליו להשיג את הקרשים הדרושים לכך.

המחבוא

בינואר 1943, לשנה החדשה, עברנו ל„דירתנו החדשה". זה היה חדרון של מטר וחצי ברוחב, והאורך — לפי מידת הגג. אדם שיעלה לעליית הגג לא במטרה לבדוק, לא יבחין כלום. המחבוא הוא טוב — כל עוד לא ייערך חיפוש.

מטעמי ביטחון נבנה החדרון לצד צפון. השמש אינה זורחת בצד זה בכלל. דרך החרכים נושבת הרוח וחודר השלג. חלון אין, ובפנים — אפילה גמורה.

הגב' ויביראצקה מביאה לנו כר וכסת. החציר המעט שנשאר — פיזרנו על הקרשים וכיסינו בסדין. הנחנו את הכסת ברוחב כדי שתשמש את כולנו. מלבד זה הישגנו שלוש שמיכות צמר — שמיכה לכל אחד מאתנו.

כך פגשנו את החורף.

הכפור הוא איום. כל לילה מכסה אותנו השלג, החודר אלינו דרך חרכי הקיר. קשה להבין איך דרך סדקים כה צרים חודר שלג רב כל כך. אנו מתאמצים לסתום את הסדקים בסמרטוטים. לאשרנו מכוסה הגג קש. לו היה גג של פח, היינו קופאים בקור.

עם סתימת הסדקים חשכה פינתנו עוד יותר ונמנעת מאתנו האפשרות לקרוא. לאט לאט אנו מסתגלים לאפילה. בשעות הבוקר, כשהאור רב יותר, אנו שוקעים בקריאת ספרים שמצאנו על העלייה.

הכניסה לחדרון שלנו היא דרך פתח במחיצה. כל גובהו של הפתח הוא 70 ס"מ ורחבו 35. הפשפש נפתח רק מבפנים ומחוץ הוא מוסוה היטב. אני עוברת דרכו בנקל, כי במשך חדשים אלה רזיתי מאוד.

הגב' ויביראצקה מביאה לנו ידיעות, שמצב הגרמנים בחזית הוא בכי רע. הבריות אומרים, שסופם קרוב. ידיעות אלה מעודדות אותנו. אנו חולמים על נקמה ברוצחים.

אנו מהרהרים במשפחתנו: אולי עודם בחיים במחבוא שלהם, ואולי באו לידי הסכם עם שכניהם הפולנים, המושיטים להם עזרה. אני מהרהרת איך ובמה אוכל לגמול למצילינו, המסכנים את חייהם בעדנו. במוחי חולפים חלומות ותכניות. החלומות הם הדבר היחיד שנשאר לנו ושאנו יכולים להרשות אותו לעצמנו.

גם למצילה שלנו לא חסר דמיון. היא מדמה, שלא רק היהודים מכל העולם יתענינו באנשים שגילו כל כך הרבה עוז ואהבת אדם, אלא גם הממשלות הדימוקראטיות יקבעו פרס לאנשים אלה, שמספרם בודאי אינו רב.

החלומות מקילים עלינו את היסורים, הקור, הזוהמה ושפלות הרוח.

חורף 1943

בוקר קר. אנו שוכבים ודוממים, שקועים במחשבות. פתאום אנו שומעים רחש חשוד בדירה שלמטה. אנו מקשיבים: קולות בגרמנית. אנו מתאמצים לשמור על קור רוחנו: ודאי מישהו מלקוחותיה של הגב' ויביראצקה, שבא אליה בעניני תפירה. עובר זמן ניכר. אנו שומעים: הפשפש לעלייה נפתח, ומישהו — סמוך אלינו — מדבר גרמנית עם ויביראצקי. אנו עוצרים את נשימתנו ואיננו זזים מהמקום. אנו שומעים, שהגרמני מרוקן את הארגזים שבעליית הגג, מחטט בכל פינה. פתאום נתקלה עינו בשק ממולא, הסותם חור במחיצה שלנו, שבנייתה לא הושלמה כולה בגלל רשלנות. הוא שואל את מר ויביראצקי: מה בשק? אנו שומעים את ויביראצקי עונה בחרדת קול, שאינו יכול להיזכר. הגרמני מרוקן את השק מכל שבתוכו — חצירים. הוא פונה לירידה מעליית הגג, בלי להתעניין מה סתם שק זה. נס היה, שהוא לא שם לב לחור שנפער במחיצה לאחר שהוצא השק.

הגרמני הלך. מיד עלו הויביראצקים וסיפרו לנו, שהחיפוש היה מטעם המשטרה, שנצטוותה לחפש אצל כל הגרים בסביבה חפצים שנגנבו מקצין גרמני. הנס שהתרחש, שהגרמני לא הרגיש בנו — סימן מובהק הוא, לדבריהם, שלא יאונה לנו שום רע.

קשה לנו להירגע. נדמה לנו שהכול חלום ולא מציאות. בעיקר אני מאושרת על שמצילינו ניצלו על־ידי זה, כי הם היו נופלים ראשונים — קרבנות יחסם האנושי אלינו.

החורף נמשך לאטו. שלגים וסופות. הכפור גובר ואינו פוסק. חוסר הישע והזוהמה ממאיסים עלינו את החיים. אני משתדלת לעודד את רוח הילדים, שהישועה קרובה לבוא וסבלנו לא יארך עוד ימים רבים.

ויביראצקה מביאה לנו ידיעות, שבכפרים התארגנו כנופיות של אוקראינים לאומניים בהנהגתו של אחד ב נ ד ר ה. הכנופיות מתנפלות על קבוצות קטנות של גרמנים וכן חודרות הן לכפרים שתושביהם פולנים, ורוצחות באכזריות את משפחותיהם.

העזתן של הכנופיות האוקראיניות נראית לנו כסימן מובהק למצב הקשה של הגרמנים בחזית. האוקראינים מעוניינים להופיע בגמר המלחמה כגורם ולהוכיח שגם הם נלחמו בגרמנים. תגובת הגרמנים על התנפלויות אלו, העולות להם בהרבה קרבנות, היא חלשה. הם עורכים חיפושים בכפרים, מגרשים כמה איכרים למחנה ריכוז וזה הכול. לא כך הגיבו הגרמנים בתחילת המלחמה על מעשי חבלה נגדם.

סוף סוף נגמר החורף. הכפור חדל. אנו יכולים כבר לנוע במאורה האפילה שלנו. לכבוד האביב החביב החליט המציל שלנו מר ויביראצקי לגרום לנו קצת שמחה ולהכניס קצת אור בחדרון האפל שלנו. ביום ראשון אחד, כשהוא שהה בבית, שמענו שהוא עולה בסולם הניצב בחוץ — עד המחבוא שלנו, ומנסר אחד הקרשים הסמוכים לגג. הוא קרע אשנב בצורת שני משולשים. בחדרון היה פתאום אור גדול. לראשונה נחרדנו מהאור, עד ששוב התרגלנו אליו. אנו מתרחצים, מתרעננים ככל האפשר במצבנו, ומוסיפים לקרוא את הספרות שלנו. אני מבקשת מויביראצקה שתתן לי איזו עבודה. מדי פעם היא מוצאת עבודה אחרת: תפירה, סריגה, תיקונים שונים. אני מאוד מרוצה מעבודה זו. ראשית, נדמה לי, שאני מביאה תועלת לויביראצקה; שנית, יש במה לעסוק כדי שהזמן יעבור.

### כנופיות אוקראיניות

הכנופיות האוקראיניות מתחזקות. התנפלויותיהן על פולנים בכפרים מקבלות אופי של השמדה. נראה, שלא ישאירו אף פולני בחיים. הפולנים בכפרים, שעודם בחיים, נמלטים העירה. כאן הם מקבלים הגנה מצד הגרמנים.

עתה שהאוקראינים אינם נאמנים עוד על הגרמנים, מקימים אלה משטרה מורכבת מהנוער הפולני. פולנים רבים מתנדבים לנקום את נקמת דם אחיהם, שנטבחו על־ידי האוקראינים.

על הקירות מופיעות מודעות, שאין לדעת מי הדביק אותן, שהלילה יתקוף הצבא האוקראיני־הלאומי את העיר. הגרמנים הם עתה מעטים בעיר. הם קיבלו את ההודעה ברצינות והתבצרו בבית אחד. ואכן, באה כנופיה באותו לילה. היא התרכזה בפעולתה באותו רובע בו הסתתרנו אנחנו. במשך שעות שמענו בעלייה את שריקות הכדורים. לבסוף ניתן אות, והכנופיה עזבה את העיר.

בבוקר נודע שהכנופיה לקחה אתה את כל המשטרה האוקראינית על נשקה. בעזרתם פרצו את מחסני הנשק והריקו אותם.

חשבנו שלאחר מקרה זה יובא צבא לעיר, אבל הצבא לא בא. הגרמנים גדרו את הרובע בגדר תייל, ובתוכו גם את ביתנו.

אנו משקיפים דרך האשנב על גדר התייל המוקם ושומעים את ויביראצקי משוחח עם גרמני, שאינו אלא מפקד המחוז בכבודו ובעצמו. הגרמני מסתכל בבית שלנו ורואה את האשנב. הוא אומר לויביראצקי, שהאשנב יכול לשמש מצפה מתאים להשקיף על תנועת הכנופיות. אנו נחרדים מפחד שמא ירצה לעלות אל העלייה כדי לראות לאיזה מרחק צופה האשנב. במקרה כזה — כולנו אבודים. תוך כדי כך אנו שומעים שוולאדק הקטן סוגר את הדלת ובורח. ויביראצקי אומר לגרמני, שהילד הפרא שלו הלך עם המפתח ואי־אפשר כעת להיכנס לבית.

הם מסתובבים עוד רגעים אחדים עד שהגרמני מסתלק.

מאז גזל האשנב את מנוחתנו. כל אימת ששמענו את השפה הגרמנית השנואה, נדמה היה לנו שבאים לבדוק את המצפה הנהדר — האשנב של המחבוא שלנו.

האביב בא בכל הדרו. בקצה הגג, למראשותינו, בנו להם ציפרים קן. אני מסתכלת בעמלן. הן אינן רואות אותנו, או אינן חוששות מפנינו. הן יותר בטוחות מאתנו.

מול ביתנו גר גנן עם משפחתו — פולנים. גדר תייל חוצה בין הבתים. המשפחה מעבדת גן ירק ליד הבית. כל בוקר אנו שומעים את בני הבית, העובדים בגן, כשהם משוחחים עם ויביראצקה, העסוקה בגינה שליד ביתה. דאגתם רבה לאשר עומד להתרחש. הכנופיות האוקראיניות מתחזקות, מתרבות ונעשות יותר נועזות. הגרמנים מועטים. בכפרים אין אף גרמני. אין באפשרות הגרמנים להציב בכפרים חיילים רבים, ואילו מעטים — צפויים למוות בטוח. בגלל זה הם מתרכזים בעיקר בערים. את החיפושים הם עורכים ביום ועל־ידי גדודי צבא מובאים במיוחד — אבל גם אלה נעשו נדירים. נראה, שיש להם דאגות אחרות, יותר רציניות.

### בהלה אצל הפולנים

הפולנים חיים בפחד. אין מי שיתנגד לכנופיות. חיי הפולנים, גם בעיר, בסכנה.

משפחת ויביראצקי בונה לעצמה מחבוא להסתתר בו

שעה שהכנופיות תפרוצנה לעיר. בעיר הוכרז על עוצר: מתחילת הערב עד הבוקר אסור לאיש ציבילי להימצא ברחוב ולא — צפוי הוא לעונש מות.

הגב׳ ויביראצקה מביאה לנו ידיעות המהלכות בעיר. אילו היו אלה אמת, הרי שחרורנו קרוב. נראה לי, שגרעין של אמת ישנו בשמועות אלה על מפלתם הקרובה של הרוצחים.

בינתים נחלשנו באופן פיסי ונדכאנו באופן נפשי. לולא התקוות המשיבות את נפשנו, לא יכולנו להחזיק עוד מעמד.

גם מצילינו מחזיקים מעמד בזכות תקוות אלו. אבל לכול יש גבול, מוכרח לבוא קץ למצב.

כדי להשכיח דאגות וכדי להסיר כל חשד התחילה משפחת ויביראצקי לערוך מסיבות בלילות בביתם. היו מרבים בשתייה עד מאוחר בלילה. אז היו האורחים נשארים ללון. לפעמים היו פורצות מריבות. בלילות כאלה חרדנו שמא מחמת השיכרות יתגלה הסוד. פעם העירותי על כך לויביראצקי. הוא הרגיע אותי: „בייחס לסוד הזה — אני... לא שיכור״.

פעם חזר ויביראצקי מאיזה נשף שתוי מאוד. בנשף זה הוא אמר בפליטת־פה, שהוא מצפצף על הגרמנים ושאצלו בבית הוא מחזיק נשק וכן שני מקלטי ראדיו, שהחזקתם על־ידי איש ציבילי היתה אסורה. אחד מן הנוכחים מסר על פליטת־הפה לגרמנים. למחרת באו אנשי ס.ס. לחפש את הנשק. בבית היתה רק האשה.

שמענו את הקולות מהבית למטה. המחפשים דרשו, שתראה להם את מחבוא הנשק. היא הכחישה כל ידיעה על נשק, מעולם לא היה להם נשק. הגרמנים חיפשו בכול פינות הבית, דפקו על הקירות כדי להיווכח שאין הם כפולים, חפרו במרתף — ושם גילו את המחבוא שויביראצקי חפר כדי להסתתר מפני הבנדרובצים.

היינו בטוחים שכעת יגלו אותנו. התלבשנו בשקט, כדי שלא יובילו אותנו יחפים וערומים למחצה ברחובות העיר, — וחיכינו.

אנו שומעים שהפשפש המוביל לעלייה נפתח, אחר־כך מזיזים את הסולם, ולבסוף — הם יוצאים ומבטיחים שיבואו שנית.

עזבו את הבית ולעלייה לא עלו!

גדול הנס השני מן הראשון. אנו שומעים שהם מתרחקים. קשה לנו להאמין, שהם הפכו את כל הבית ולא עלה בדעתם לחפש בעלייה.

לאחר שעה קצרה עלתה אלינו ויביראצקה, כולה רועדת וזועמת על יחסם הברוטאלי של הגרמנים. היא אחוזת פחד שהם יבואו לחפש שנית.

ויביראצקי שב מהעבודה. הוא כבר ידע על החיפוש: הבן וולאדק היה אצלו בעבודה וסיפר לו הכל.

מצב הרוח מדוכא מאוד. כמעט בטוח, שהם יבואו שוב. יש למצוא עצה. קודם כול מחליטים, שלעת עתה אין להימצא בבית בשעות היום. הגרמנים עורכים עתה את חיפושיהם רק ביום. צריך, איפוא, שהבית יהיה סגור כל היום, ורק בערב תיפגש בו המשפחה.

סדר היום הוא עתה כזה: ויביראצקה קמה באמצע הלילה, מכינה את האוכל לארוחת צהריים. הם אוכלים מוקדם, כשבחוץ עוד חושך, ונותנים גם לנו את המרק, והולכים מהבית לכל היום. אם הגרמנים יבואו לחיפוש במשך היום — ימצאו את הבית נעול, ואז — או שיסתלקו כלעומת שבאו, או שיפרצו את הדלת. במקרה כזה בודאי ימצאו אותנו, אבל משפחת ויביראצקי תוכל עוד להציל את עצמה בבריחה.

עבר שבוע והגרמנים לא באו. משפחת ויביראצקי נרגעה. בינתים מצא ויבראצקי דרך להתוודע אל מפקדי ס.ס. אצל אשה פולניה, ליד כוסית משקה. הוא הזמין אותם לארוחת ערב לביתו ובהזדמנות זאת סיפר להם על החיפוש. מפקד ה־ס.ס. הצטער מאוד על אי־הנעימות שנגרמה. העיקר, וזה החשוב ביותר, אין עוד לפחד מפני חיפוש נוסף.

### מחנה ריכוז לאוקראינים

לא יצא זמן רב וצרה חדשה התרגשה ובאה.

ביתנו עמד בתוך גיא עמוק. מצידו האחד אפשר להגיע אליו בירידה במדרגות. מצידו האחר, גג ביתנו הוא בגובה הקרקע שעל שפת הגיא. הגיא ארוך מאוד, ואדמתו — אדמת חימר. לפנים היה במקום זה בית חרושת ללבנים, והגיא התהווה כתוצאה מחפירת החימר והוצאתו. מקום זה בחר הקומיסאר המחוזי הגרמני להקים בו מחנה ריכוז לאוקראינים, שהושיטו עזרה לבנדרובצים. שמועה אומרת, שכל התושבים מאותו איזור יועברו למקום אחר. אנו מיואשים. נחמתנו היחידה היא, שבסביבה זו גרים רק פולנים, שהגרמנים רוחשים עכשיו אמון להם. גם המשטרה היא כולה פולנית ואין לחשוד בהם בחיבה יתרה לאסירים האוקראינים.

לימים התברר שלא יפנו את התושבים מן המקום.

יום סתיו חמים. מבעלי הדירה שלנו אין איש בבית. אנו משקיפים דרך האשנב על הסביבה השקטה. פתאום מופיעה קבוצת אסירים אוקראינים מלווים גרמנים מזויינים, שמכניסים אותם לגיא, כ־50 מטר מביתנו. האוקראינים כורעים ברך ומצטלבים: הם בטוחים שהביאו אותם למקום זה כדי לירות בהם, כי זה דבר רגיל אצל הנאצים. אבל קבוצה זאת הובאה להקים את מחנה הריכוז — לגדור את הבקעה בחוטי תייל. במרכז השטח העמידו 4 עמודים ועליהם גג קרשים, בלי קירות.

כך הוקם מחנה ריכוז בדיוק מול האשנב שלנו.

במיכלאה מגודרת זו הוכנסו מאות איכרים אוקראינים, לרוב — גברים. מכל הצדדים שמרו עליהם משמרות של שוטרים פולנים. משמר אחד עומד ממש למראשותינו, באותו מקום בו גג ביתנו הוא בגובה הקרקע. אנו שומעים את קולותיהם וצעדיהם, אך איננו רואים אותם, כי מצד זה הגג סגור. אבל רואים אנו את המחנה ואת כל המתרחש בו.

הויביראצקים מעירים לנו, כי עלינו להיזהר מאוד, שהשומרים לא ירגישו בנו. בעיקר עלינו להישמר בלילות, כשהכל מסביב שקט, שהילדים לא ינחרו בשנתם. אני מתאמצת לא לישון בלילות ולהשגיח על הילדים בשנתם.

כל בוקר באים למחנה מספר גרמנים ועורכים מסדר של האסירים. אם מישהו אינו עומד בשורה: בקומה זקופה, או אם לא פנה בזריזות לפי פקודה, מצליפים עליו הגרמנים בפרגול. כשהגרמנים עוזבים את המחנה, מתפרקדים שוב האסירים על האדמה ורובצים כך כל היום.

#### חורף שני במחבוא

הסתיו נותן אותותיו. הגשמים יורדים לעיתים תכופות. בלילות גובר הקור. החורף ממשמש ובא. היתכן שעוד חורף אחד נחיה בעלייה זו?

הג' ויביראצקה משיגה מאיזה מקום עיתונים גרמנים ומביאה אותם לנו. אני קוראת אותם וחוזרת וקוראת פעמים אחדות. אני קוראת גם בין השורות. נדמה לי, שהם מודים במפלתם. הם מודיעים בקצף על ההפצצות „הבארבאריות", שהאוויריה האמריקנית־בריטית עורכת על „הערים הבלתי מוגנות" בגרמניה. מה מוזרות טענות אלה בפיהם של רוצחים וטורפי אדם אלה, שאבדו את צלם האדם! אנו מתנחמים, כי הגיע זמן השילם, ורוצים לקוות, כי עוד נזכה לראות את מפלתם הגמורה.

הגשמים גוברים. המחנה מוצף מים. האסירים נמצאים תחת כיפת השמים. כך נמשך המצב ימים אחדים, עד שמתחסל המחנה והאסירים נשלחים למחנות אחרים בפולין.

שוב שורר שקט בגיא ואנו יכולים לנוע ביתר חופש בכלוב שלנו. תוקף אותנו פחד בפני החורף, בו נצטרך ללבוש את בגדינו המזוהמים, שלבשנו בחורף שעבר. בקיץ השתחררנו במקצת מן הזוהמה. הילדים מסרבים ללבוש בגדים אלה. יש עוד זמן, הם טוענים. ובאמת כבר התרגלנו לקור. בינתים מתחיל הקור בכל עצמתו.

באחד הבקרים מתברר, שבני הבכור, יעקב, חולה. יש לו חום גבוה והוא חש דקירות בגופו. אני מיואשת ומספרת זאת לויביראצקה. אבל במה היא יכולה לעזור לי?

עוברים כמה ימים. מגיע ראש השנה הנוצרי (1944). בבית למטה רעש ותנועה. מזה ימים אחדים, מבשלת ויביראצקה ואופה. היא מעלה גם אלינו מן המאכלים הטובים שלה. אני ובני הצעיר שמואליק איננו טועמים מהם, אנו משאירים אותם לחולה. מזה הוא צריך להבריא. חומו יורד, אבל בצהרי־היום הוא מזיע הרבה. אני מכסה אותו בכול שאני מוצאת, אבל אנו הרי בחוץ ובכפור. אין להבין כיצד עלה בידו להבריא, ואף לא השתעל. בשיעול היתה סכנה רבה לנו, כי הוא היה מגלה את מקום הימצאנו.

המחלה נמשכה שבועות אחדים. הדבר היחידי שיכולנו לעשות בשבילו היה, להזין אותו במאכלים הטובים שקיבלנו אז ושמרנו אותם בשבילו.

כך התחיל החורף השני.

#### פארטיזאנים סובייטיים

אני מתארת לי, שאם כה נמאסנו על עצמנו כל שכן שנמאסנו על מצילינו. אף על פי כן פועם בנו רצון עז, שייסורינו לא יהיו לחינם, שנחיה ונראה נקמה ברוצחים. ומה רב הרצון לגמול למצילינו, לראות את הילדים משוחררים ומאושרים לאחר סבל כה רב! רצון עז זה עושה פלאות.

בעיתונים שמביאה לי ויביראצקה, משתקף מצבם הרע של הנאצים. המפלה ליד סטאלינגרד מתוארת בעיתונים בגילויי לב. בין הפולנים מהלכות שמועות, שהגרמנים מכותרים בכל החזיתות. יתכן שביום בהיר אחד נקום משנתנו — והרוסים בעיר.

ביערות הסמוכים נראים פארטיזאנים סובייטיים. בלילות הם מבקרים בכפרים, מחרימים אצל האיכרים מזון

ונעלמים. בעת ובעונה אחת פועלות גם כנופיות של בנדרה, שאין להם שום קשר עם הפארטיזאנים. נפוצו שמועות על מעשי חבלה של הפארטיזאנים נגד הגרמנים. הם מפוצצים רכבות ומחסני נשק. הגרמנים חסרי־ישע נגד פעולות אלה.

לאזנינו מתחיל להגיע הד של יריות תותחים ורעם של פצצות מתפוצצות — סימן שהחזית התקרבה.

רעש היריות גורם לנו שמחה רבה. אנו מקשיבים להם כמו לקונצרט.

אין כמעט גרמנים בעיר. לפי דעת ויביראצקה, ימיהם שם ספורים. לבקשתי, ביקרה ויביראצקה בבית הורי, בו גר עכשיו מכר שלה, פולני. רציתי להיוודע על שלום משפחתי. היא חזרה ובפיה הידיעה המעציבה, שהם כנראה הושמדו בימים הראשונים של ההשמדה הכללית. לא התאמתה תקוותי שאולי הם הגיעו להסכם עם השכנים הנוצרים. נראה, שלא היה להם אימון בשכנים, וכשראו שאלה הרגישו בהם — עזבו את המחבוא במחשבה להסתתר במקום אחר, וכך נפלו בידי הרוצחים.

מצבם של הגרמנים בחזית הוא בכי רע. ויביראצקה אומרת, כי אפשר לראות זאת בפניהם של הגרמנים שבעיר. הם מתהלכים מדוכאים ושותקים.

### ימי מעבר ואימים

הגיעה הבשורה הטובה: העיר פנויה מגרמנים. הם יצאו אותה בבהלה בלילה. העיר ריקה מגרמנים ומרוסים.

האוכלוסייה הכפרית השתמשה בשעת הכושר ועטתה על השלל. מחסני מזון ומלבושים, שהגרמנים נטשו, נפרצו. הכול נשדד. סמוך לביתנו נמצא דיר של חזירים, שנועדו לחיילי החזית. תוך שעות אחדות נשדדו החזירים והדיר שמם.

בעלי הבית שלנו אינם משתתפים בביזה. לא משום שהם רואים בכך פשע. אנו הגורמים לכך: הם חוששים שמא ישובו הגרמנים ויערכו חיפושים להשיב את הגזלה — אז נימצא בסכנה.

התנועה ברחוב רבה כל היום. הכול רצים ונושאים חלק מן הביזה. למחרת נראו בעיר פארטיזאנים. הם לבושי קרעים ויחפים. אנו רואים אותם דרך האשנב. הם מדברים בשפה בלולה — רוסית ואוקראינית. אין לדעת אם פארטיזאנים רוסיים הם, או „בנדרובצים". הם מבקרים בבתים, לוקחים מכל הבא ביד. אין מתנגדים להם. הם אומרים, שהם חלוצי הצבא האדום, למחרת יבוא הצבא עצמו.

הפארטיזאנים שוהים בעיר זמן מה, לוקחים לעצמם כל שצריכים ונעלמים.

מהכפרים נמשכות שיירות רבות של עגלות עמוסות ביזה. האיכרים נחפזים לשדוד. אם אין כבר חנויות של יהודים, הרי הם הורסים בתים של יהודים, מסירים דלתות, חלונות, פחים מגגות, מוצאים רהיטים מבתים בהם גרו גרמנים.

כשהחשיך היום ופסקה התנועה ברחובות, מופיעות כנופיות של בנדרובצים ובידם חמרי הצתה. הם מציתים בתים של יהודים, של פולנים ושל מוסדות הממשלה.

נורא לראות את העיר בוערת כולה. בנין הגימנסיה, שהוא בקרבת ביתנו, הוצת ובוער.

בבוקר אין זכר למציתים, והביזה נמשכת. מספרם של האיכרים מהכפרים הבאים לשדוד, הולך ורב. כל אחד ממהר ליהנות מן ההפקר. גם המציתים, כנראה, מפחדים שלא יספיקו לגמור את העבודה ומתחילים במלאכתם בעצם היום. דולקים בתים — ואין מכבה.

בעלי הבית שלנו לנים בבית אחיה של הגב' ויביראצקה, שהוא אוקראיני. מי יודע, יכולים עוד להצית הלילה את ביתנו, שהוא של פולני, אף כי הוא קטן וסמוך לבית של אוקראיני. גגות שניהם מכוסים קש — אם יוצת האחד, יעלה באש גם השני.

אנו שוכבים על העלייה. מי יודע מה מצפה לנו הלילה. אין אנו ישנים. אנו שומעים את צעקות השמחה של המציתים ומחכים לנס.

וגם הפעם קרה הנס — את ביתנו לא הציתו.

### הגרמנים חזרו

בא הבוקר. הגרמנים חזרו. הייאוש נורא. ברור לנו, שהם חזרו לא לזמן רב, אך סבלנותנו כבר פקעה.

הגרמנים הם אותם שהיו בעיר קודם לכן ועזבו, אבל חל בהם שינוי. הם אינם מגיבים על הביזה ועל כול שהתרחש בהיעדרם. הם שקטים, כאילו אחוזי־פחד.

המשפחות הפולניות יוצאות לפולין. הגרמנים מעמידים לרשותם אמצעי הובלה. בעלי־הבית שלנו מתכוננים אף

הם לנסוע לפולין. מה יהיה אתנו ? כל אותו היום הסתובבה הגב' ויביראצקה בין המשפחות הפולניות. התברר, שהגברים הפולנים נשארים. משפחת הגנן שליד ביתנו החליטה להישאר ולחכות. צר למצילינו לעזוב אותנו כשיום השיחרור קרב. הם מחליטים, שהבעל יישאר למספר ימים והמשפחה תסע.

הדיכאון והעצב גברו. ויביראצקה רגילה כבר לשאת בעול שלנו. כאשה היא גם יודעת את עבודת הבית והצרכים שלנו. אם יישאר הבעל — מי ידאג לנו ? ובפרט שויביראצקי נתון למצבי רוח שונים. אך אין לנו ברירה. ויביראצקה נפרדת מאתנו בלבביות ובתקווה שעוד נתראה. אם נחלצנו מסכנות כה רבות, ודאי נזכה לשיחרור.

ויביראצקי הבעל נכנס לתפקידו בתור בעלת בית. הוא זריז למדי. השכם בבוקר, כשעוד חושך בחוץ, אנו שומעים שהוא מכין את הכיריים לבישול. הוא מאכיל את העזים, חולב אותן, אוכל ארוחת בוקר, ולפני צאתו לעבודה — מקיש על פשפש העלייה — אות שהוא הכין בשבילנו אוכל. כל היום שורר שקט בבית.

לעת ערב הוא חוזר ושוב מתחיל בעבודת הבית, מטפל בעזים, מבשל מרק או קפה, אוכל ארוחת ערב ומגיש גם לנו קפה עם לחם או מרק. אנו שומעים שגיסו, או מישהו מהשכנים נכנס. אנו כבר מכירים את קולותיהם.

כך עוברים שבועיים ואין קץ לדבר: הגרמנים עודם בעיר.

### לבדנו — מופקרים לרעב

ביום ראשון אחד, בבוקר, עלה ויביראצקי אלינו. הבנתי שבפיו חדשות בשבילנו. הוא מוסר לנו, שבדעתו לנסוע לאשתו ולבנו בלבוב, בה הם הסתדרו. בעוד יומיים, ביום שלישי, יחזור. הוא משאיר לנו אוכל ליומיים. בעזים יטפל הגיס. הוא מרגיע אותנו שלא נפחד, העלייה תהיה סגורה, הגיס לא יעיז לפתוח דלת נעולה.

כאנשים מנוסים אנו מחלקים את האוכל לשלושה ימים, שמא יתעכב בדרך יום נוסף. עוברים יומיים וכן היום השלישי — הוא לא חזר. אולי נסע על מנת שלא לחזור ? האוכל שלנו אזל. רק יום אחד נוכל להחזיק מעמד ללא אוכל. אחרי כן ניאלץ לרדת. מנוי וגמור עמי, שאם הוא לא יחזור עד למחרת בלילה (ואני כבר כמעט בטוחה שלא יחזור), ארד בלילה ואנסה לבקש עזרה מגיסו, אף כי — לפי שתארו אותו — אין לתלות בו תקוות.

הגיע יום חמישי. הצרות משכיחות את הרעב. אנו שוכבים ללא תנועה, שקועים במחשבות נוגות. מרגיז אותי הגורל המר, שעלינו למות בשעה שהישועה כה קרובה. פתאום אנו שומעים שהשכנה מקדמת בברכה את ויביראצקי ושואלת אותו לשלום אשתו. אנו פורצים בבכי מרוב שמחה. לא עבר זמן רב והוא עלה אלינו לעלייה, הביא אוכל והצטדק על שהתעכב בדרך. הוא מבין, שלא אכלנו זמן רב. הוא לא יכול היה להקדים לבוא. הוא הביא אתו את בנו, שהתגעגע הביתה.

שובו של הילד הביתה גרם לנו מצב רוח טוב, כי הוא ילד טוב. דבר שקשה לנו לבקש מאת האב, אנו פונים לבן והוא ממלא את בקשותינו המעטות.

### בנדרובצים נגד פולנים

בימים האחרונים רבו ההתפוצצויות. התחזקו יריות התותחים. ויביראצקה האשה חזרה לכמה ימים. היא הביאה חדשות משמחות, שבכפרים בסביבה נמצאות כבר פלוגות הצבא האדום. היא חוששת שבימים האחרונים עוד יכולים הבנדרובצים לחדור. על כן היא לוקחת אתה את הבן. הבעל יישאר לעת עתה.

החשש של ויביראצקה התאמת. הבנדרובצים הוכיחו שוב את גבורתם.

בשבת לפנות ערב בא לבית ויביראצקי אורח פולני, שהביא לו מכתב מאשתו ונשאר ללון. בשתים בלילה התעוררתי מהשינה. שמעתי צעדים ושיחה באוקראינית. לאחר מזה שמעתי קריאה לעזרה ויריות אקדוחים. אני שומעת שהורסים את גדר התייל, אבל כנראה שאין זה עולה בנקל. פתאום השתרר שקט. נראה, שהלכו להם.

כשהעיר היום התברר, שהבנדרובצים פרצו לבתים של הפולנים ורצחו את כל שמצאו בהם. הקריאות לעזרה ששמעתי, היו מבית השכן הגנן. הזקנה נרצחה והצעירה נפצעה קשה. הגנן הצעיר, שהיה אותו לילה בשמירה בתחנת החשמל — ניצל. הרוצחים ניסו לפרוץ לתוך בית ויביראצקי, אבל גדר התייל הפריעה להם. זמן רב לא היה להם, והם הסתלקו מהר.

כך ניצלו ויביראצקי ואורחו הפולני ממוות בטוח.

ויביראצקי בא להודיע לנו, שכעת כל תושבי העיר הפולנים עוזבים את העיר. הוא משאיר לנו צרכי מזון, שיספיקו לכמה שבועות, עד שיבואו הרוסים. אני מודה לו. אבל, אומרת אני לו, הרי אי־אפשר שנישאר לבדנו בבית. כעבור יום יומיים יגלו אותנו. אני מבקשת ממנו, שיספר על אודותינו לגיסו ויבקש ממנו, שיעזור לנו בימים ספורים אלו, שעלינו עוד לסבול. ויביראצקי רואה, שבאמת אין מוצא אחר. אף כי אין לו אימון בגיסו, הוא קורא לו ולאשתו. הוא משביע אותם ליד האיקונין, שכול שיגלה להם עכשיו יישאר סוד כמוס עמם. הוא מספר להם על אודותינו ומוסיף שהוא בטוח שניצל הלילה מידי הבנדרובצים בזכותנו: זהו גמול מהשמים בעד המצווה שהוא עושה שהוא מציל אותנו. עכשיו, הימים עד השיחרור ספורים. הוא מבקש מהם שיסיימו את המעשה שהוא ואשתו עשו עד עתה. הם מסכימים. אנו נפרדים ממר ויביראצקי. הוא מקווה, שבקרוב ניפגש משוחררים.

### נסיון לצאת מן המחבוא

שוב עברו כמה ימים. הגרמנים עודם בעיר, אף כי בכפרים בסביבה נמצאים כבר הרוסים. אין אנו יודעים בבירור מי הם רוסים אלה: הצבא הרוסי הסדיר, או הפארטיזאנים שהתרבו ביערות בזמן האחרון.

האפוטרופסים החדשים שלנו התאכזבו. הם חשבו שהענין הוא ליום־יומיים, והנה כבר שבוע, והרוסים אינם נראים.

אשת הגיס עולה אלינו ומודיעה לנו, שבעלה אינו רוצה להסתכן עוד ואינו מוכן להוסיף לעזור לנו, כי מי יודע כמה זמן עלול עוד מצב זה להימשך. לדעתו, יכולים אנו כבר ללכת לביתנו, כי בעיר אין כבר כמעט גרמנים, ובביתנו גרים אוקראינים, השכנים שלנו מאז. הם בלי ספק יארחו אותנו ימים אחדים, עד שנשתחרר. (הם, האפוטרופסים שלנו, ידעו היטב במה כרוכה בשבילנו הליכה לביתנו, לצד השני של העיר).

מצבנו קשה מאוד. ללכת הביתה ולבקש עזרה אצל שכנים — זה כמעט כמו למסור את עצמנו בידי הגרמנים. אין לי אימון באוקראינים. מנסיוננו אנו יודעים, שהם מסוגלים למסור יהודים בידי הגרמנים תמורת דבר של מה בכך. שכנים אלה הלא שדדו את כל חפצינו ולא רצוי להם שנישאר בחיים. מאידך גיסא, אין אנו יכולים להישאר במקום. מי יודע, אולי האפוטרופוס שלנו — אם לא נשמע בקולו — ימסור אותנו. לאחר התיעצות ולאחר ששקלנו את הידיעות שבידינו על טיבו של הגיס — החלטנו להסתלק מהר. החלטנו, שאני אצא קודם לבדי. אם השכנים שבביתנו ירצו לעזור לנו, אשוב בערב ואקח אתי את הילדים.

לבשתי את מעילו של מר ויביראצקי, כי לי לא היה מעיל משלי, מאחר שבאנו להסתתר בתקופת הקיץ. על ראשי אני שמה צעיף סרוג ירוק. אני מורידה את הצעיף עד העיניים, שלא יכירו אותי. הילדים יורדים אתי ופותחים לי את הדלת. אני יוצאת. הילדים חזרו לעלייה ועקבו אחרי דרך החרכים.

באור היום אני רואה מה משונה המראה שלי במעיל הגבר הארוך ובנעלי הקיץ שלי, שנשארו חדשות, כי לא נעלתי אותן עד כה. אני מביטה סביב. האיזור זר בעיני לגמרי. הכל שרוף. חוטי תייל מתמשכים למרחק, שאיני רואה קצהו. איני מוצאת את הדרך בה עלי ללכת. כך אין אני יכולה ללכת. אני חוזרת לבית.

הילדים רואים שאני חוזרת ואצים לפתוח לי את הדלת. גם משפחת הגיס רואה אותי בדרכי חזרה. האשה באה לשאול מדוע חזרתי. אני מספרת לה את הסיבה ומוסיפה, שאיני מבינה מדוע נוכחותנו מעוררת בהם פחד. הלא אין אנו בביתם. משפחת ויביראצקי נסעה רק לפני כמה ימים, וברור שאנו בביתם. מלבד זאת אין מי שיבוא כעת לחפש אותנו. אין ספק, ששיחרורנו הוא שאלה של ימים ספורים. אם אין ברצונם לעזור לנו, נעזור אנו לעצמנו. יש לנו מזון בבית למטה. העיקר שהם לא ילשינו עלינו.

האשה מבטיחה לי, שלא יעשו זאת.

### לילה בדיר־חזירים

זה ימים אחדים אין איש עולה אלינו לעלייה. בבית למטה מונחים מצרכי מזון, שויביראצקי השאיר לנו. חלק מהם לקחה הגיסה לעצמה. מה שנשאר יספיק לנו לעת־עתה.

בלילה אני יורדת למטה. החלונות מכוסים נייר שחור עבה, שהאור לא יפרוץ החוצה. אני מדליקה אש בכיריים, אופה מהר על המחבת כמה פיתות, שיספיקו לנו לשני ימים. אני מרתיחה קומקום קפה וחוזרת מהר לעלייה, למחבוא.

עברו כבר שבועיים שאנו ברשות עצמנו. בד בבד עם הציפיה לשיחרור אני מרגישה שלפנינו עוד משבר לא קטן: הכעבר. מי יודע איך הוא יהיה.

לפנות ערב עלתה אלינו השכנה ומספרת, כי בעיר אין כבר גרמנים, וממקורות נאמנים נודע לה, כי הלילה ישרפו הבנדרובצים את שארית הבתים של הפולנים. על כן עלינו לעזוב מיד את המחבוא שלנו.

ברחוב חשיכה. כל הדלתות נעולות. פחד שורר גם בין האוקראינים. אנו יורדים מהעלייה ויוצאים החוצה. השכן שלנו, הגיס „הידיד", מסתובב עוד בחצר וגומר מהר את עבודתו. אני פונה אליו ומבקשת ממנו, שירשה לנו ללון הלילה בבור לאחסנת תפוחי אדמה שבחצר. הוא אינו מרשה.

עלה בזכרוני שסמוך לגיא מתגורר אוקראיני, שבזמנו עבד אצל הורי. אנו הולכים אליו. בחוץ אפילה גמורה. הדרך חלקלקה. אנו מגיעים בקושי לבית. בבית — חושך. אני דופקת על הדלת. אין קול ואין עונה. אנו עוברים לצד השני של הבית ודופקים על החלון. אין עונה. נראה, שאין איש בבית. אנו מוצאים, שפשפש הדיר פתוח, והדיר — ריק. בפנים עומד ארגז שבור ודלי. אנו מתיישבים עליהם, אבל הרגלים קופאות.

כך ישבנו כל הלילה. שקט בחוץ. לא נשמע קול של הולכים או נוסעים. נראה, שגם הבנדרובצים אינם מעיזים לבוא.

כשרק התחיל השחר לעלות, יצאנו את הדיר וחזרנו למחבוא, הנראה לנו כגן־עדן מול דיר החזירים.

### הרוסים באים

קפואים ועייפים נרדמנו. העירו אותי מהשינה שעטת סוס וקולו של פרש השואל ברוסית: „לאן נעלמו הגרמנים שלכם?" אנו קופצים ממשכבנו. סוף סוף הגענו לרגע המאושר. ה„ידידים" שלנו עולים להביא לנו את הבשורה הטובה, מביאים לנו ארוחת בוקר ושוב מתייחסים אלינו בידידות.

באותו יום ירדנו מן העלייה לקומה התחתונה של הבית. אנו עושים הכנות לדרך. אני יודעת כי עלינו למהר, כי במצב של מלחמה יכול שוב לחול שינוי והגרמנים יכולים עוד לחזור זמנית.

אבל אנו ליד החזית ואסור ללכת בלי רשיון הצבא. אני פונה אל לשכת קצין העיר של הצבא האדום. קצין העיר מקבל אותי בידידות, לאחר שאני מציגה את עצמי לפניו. הוא מתרעם עלי שאין לי אימון בכוחו של הצבא האדום, שאינו עוזב שטח שהוא כובש. הוא מייעץ לי ללכת הביתה ולהיות שקטה ובטוחה, אנו אזרחים שווים ואין לנו לפחד.

### היציאה מן המחבוא

אני חוזרת אל הילדים, אבל עדיין אין אנו יוצאים את ביתו של ויביראצקי. אנו לנים עוד לילה בבית.

למחרת מודיע לנו האוקראיני, ה„ידיד" שלנו, שאם לא נעזוב את הבית והגרמנים יחזרו — הוא ימסור אותנו בידיהם. אין הוא רוצה לסכן את חייו בגללנו.

באמת, הגיע הזמן לעזוב בית זה. ארזתי בחבילה דברי אוכל ומעט לבנים דלים שלנו — והלכנו.

המטה האזורי של הצבא הסובייטי היה בפרבר העיר — סקובלקה. שמנו את פעמינו לשם.

אותו לילה נשארנו ללון בביקתה אוקראינית, בה השתכנו מספר קצינים סוביטיים. למחרת בבוקר נסוגו הצבאות הסוביטיים. אנו נלווינו אליהם.

הגרמנים חזרו לעיר ונשארו בה עוד כשלושה חדשים.

נדמה כאילו יד ההשגחה הנחתה אותנו וברגע הנכון מילטה אותנו מן הסכנה האחרונה. אבל, כנראה, רב מדי היה החסד שגמל לנו הגורל... ברובנה, שישה חדשים לאחר השיחרור, נלקח ממני באופן אכזרי בני הצעיר שמואליק, בגיל 14 לחייו.

מדינת ישראל, 1952. (תירגם נ. זכאי)

# נורים בערגער / פונעם אנהייב ביזן סוף

זאָלן מיינע זכרונות פון יענע פינסטערע טעג זיין אַ מצבה פאַר מיינע נאָענטע און טייערע, טראַגיש אומגעקומענע:

מיין מאַן — ד ב  ב ר ג ר און מיין קינד ש מ ו א ל י ק;

מיין פאָטערס הויז — בית ח י י ם  ב ן־צ י ו ן  ר אַ ו ו י ט ש;

מיין מוטער ד י נ ה  ב ת  ר׳  ש מ ו א ל  א ה ר ן  כ ה נ א פון דובנע;

מיינע שוועסטער און ברידער: ל י י ב, פ י י ג ע, א ל י ע ז ר, ט ו י ב ע, ג י ־ ט ל און ש מ ו א ל;

מיין שוואָגער — ש מ ו א ל  ק אַ ל ט ש י נ ־ ס ק י מיט די קינדער ג ר ש ו ן און ל י י ב און שוועגערן ב ו ז י  ג ר ו ־ ב ע ר ־ ר אַ ו ו י ט ש מיט די קינדער א י י ז י ק און מ אַ ט י.

ווען איך האָב באַשלאָסן צו שרייבן מיינע דערינערונגען פון יענע שרעקלעכע טעג, האָב איך געמיינט אָנצוהייבן פון דער צייט פון אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג, ד. ה. פון יוני 1941. איך בין אָבער אומצייליקע מאָל געפרעגט געוואָרן פון פריינט און באַקאַנטע: וואָס איז די סיבה וואָס ייִדן, האָבנדיק די מעגלעכקייט, צו יענער צייט, האָבן זיך נישט געלאָזט מאַסנווייז מיט דער אָפּטרעטנדיקער רויטער אַרמיי צו די רוסישע גרעניצן — אַזוי אַרום וואָלט זיך אפשר אַ גרויסער פראָצענט פון זיי געראַטעוועט פון נאַציסטער פאַרניכטונג.

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָב איך מיין באַשרייבונג אָנגעהויבן פון אויסברוך פון קריג אין 1939 און פון אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין אונדזער געגנט.

ס׳איז געווען אין יולי 1939, באַלד נאָך דער באַרימטער דערקלערונג פון פוילישן מאַרשאַל ר י ד ז ־ ש מ י ג ל י אויף דער דייטשער נאָטע, אַז „קיין קנעפּל וועלן מיר נישט געבן”. די דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן פאַרפּלייצט די הימלען פון פוילן און האָבן אַראָפּגעוואָרפן אָן אומגעהייריקע צאָל באָמבעס אויף די באַן־ליניעס, מיליטערישע אָביעקטן, פאַבריקן און אויך אויף דער ציוויל באַפעלקערונג, און אַלץ מיט אַזאַ אומדערוואַרטעטער קראַפט און שנעלקייט, אַז שוין פון ערשטן טאָג איז דער פוילישער ווידערשטאַנד געווען געבראָכן.

די אומדערוואַרטעטקייט פון קלאַפּ האָט געבראַכט צו אַ כאַאָס און צעמישונג אין דער אַרמיי. שוין אין די ערשטע טעג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטלויפן פון דער פוילישער באַפעלקערונג פון זייערע היימען. די אַנטלויפנדיקע זיינען דער עיקר געווען די פוילישע עליטע: די פאַרשטייער פון די רעגירונג, באַאַמטע פון אַלע מיניסטעריומס, די רייכסטע „שליאַכטע”, אויסגעמישט מיט מיליטער.

שוין די ערשטע טעג איז אונדזער שטעטל האָרכיוו פאַרפלייצט געוואָרן פון די אַנטלויפענדיקע, וואָס האָבן זיך געצויגן צו די גרענעצן פון די שכנותדיקע לענדער: טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און רומעניע. טויזנטער עלעגאַנטע מאַשינען זיינען פאַרבליבן אויף די וועגן צוליב מאַנגל אין בענזין, וואָס איז אין דער צעמישונג נישט מעגליך געווען צו קריגן, און די מענטשן האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים, אמשייסטן צאָלנדיק די פויערין ריזיקע פרייזן פאַר פאַרשפּאַן, געלאָפן ווייטער.

אין יענע טעג זיינען אָנגעקומען אויך אַ סך ייִדישע היימלאָזע, דאָס רוב מענער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די שוין באַזעצטע דורך די דייטשן פוילישע שטעט.

אָן אימה האָט באַהערשט די ייִדישע באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט. די געפאַר פון דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך דערנענטערט מיט אומגעוויינלעכער שנעלקייט. „וווהין לויפן?” — האָט געמאַטערט די פראַגע, און אַז מען מוז אַנטלויפן — אין דעם איז דאָך קיין ספק נישט געווען. און אָט איז געקומען די אומדערוואַרטעטע אויסלייזונג: לויט אַ פאַרשטענדיקונג פון היטלערן מיט דער ראַטנמאַכט, איז מזרח־גאַליציע און מערב אוקראַינע איבערגעגעבן געוואָרן אויף אַ פרידליכן אופן דער ראַטנמאַכט, און מיר זיינען אַזויאַרום ניצל געוואָרן פון נאַצישע הענד.

די פרייד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אומבעשרייבלעך. עס זיינען גליקלעך די מענטשן וואָס זיינען געזעסן פאַר די אידעע פון קאָמוניזם אין די פוילישע טורמעס און זיינען ערשט נישט לאַנג באַפרייט געוואָרן. עס פרייען זיך אַלע ייִדן, אויך די וואָס זיינען ווייט פון קאָמוניזם. ווייל ווי עס זאָל נישט זיין איז יעדע מלוכה־

אָרדענונג בעסער פון היטלערן. יידן, דורך דורות דערצויגן אין גלות, האָבן דאָך אַ באַזונדערע פייאיקייט זיך צוצופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען — און שוין וועבן זיי פּלענער אויף דער צוקונפט ביי די נייע באַדינגונגען; לעבן דאָך אין סאָוויעט־רוסלאַנד 3 מיליאָן יידן, און יעדער האָט זיך זיין אַרבעט און זיין פּלאַץ געפונען, און ווי מען גיט איבער לעבן זיי גליקלעך. אָן ספק וועלן מיר זיך אויך אונדזער לעבן איינאָרדנען.

עס איז אַ שיינער זומערטאָג. פון גאַנץ פרי הערשט אין שטאָט אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג: לויט די ידיעות וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן, דאַרפן היינט אַריינמאַרשירן אין שטאָט די ערשטע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי. די קאָמוניסטישע יוגנט גרייט פּאַר זיי אַ פייערלעכן קבלת פנים.

אויסגעפּוצט אין די יום־טוב קליידער, מיט רויטע בלומען אויף דער ברוסט, באַמיען זיי זיך צו דעקאָרירן די באַלקאָנען פון די פּראָנטגאַסן מיט טעפּיכער און בילדער פון די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אַ דעלעגאַציע פון דער אַרבעטער פּאַרטיי, מיט שטראַלענדע פון גליק פּנימער, וואַרט אָפּ די ליבע געסט. זייער לעבנס טרוים ווערט יעצט אַזוי אומדערוואַרטעט פאַרווירקלעכט.

די ערשטע באַגעגעניש האָט אַביסל אַנטוישט. די אָנגעקומענע געסט זיינען, זעט אויס, נישט געווען גרייט צו דעם פייערלעכן קבלת פּנים. עס זיינען אַריינגעקומען אַ פּאָר צענדליק זעלנער, נישט אַלע אין מיליטערישע אוניפאָרמען, אָרעמע, נעבעכדיקע, הונגעריקע, מיט פינסטערע חשד־פולע בליקן, נישט אויפגעלייגטע פּאַר דעם גרויסן יום טוב. די פרייד איז געווען אַן איינזייטיקע.

דער ערשטער נישט אָנגענעמער איינדרוק האָט פונדעסטוועגן נישט געמינערט די פרייד פון דעם געשעענעם פאַקט.

קיין מיליטער איז אין יענע טעג מער נישט געקומען אין אונדזער געגענט. עס איז דאַמאָלס נישט נייטיק געווען קיין פאַרזיכטסמיטלען פון דער סאָוויעטישער מאַכט, ווייל עס איז קלאָר געווען, אַז די ערשטע אָפּמאַכן וועט היטלער זיכער רעספּעקטירן.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון רוסלאַנד באַאַמטע, פּאַרטיי־מענטשן, בכדי צו אָרגאַניזירן די שטאָטישע ציווילע מאַכט, עפענען די פאַרמאַכטע שולן, צוריק איינ־

שטעלן די אָרדנונג, וואָס איז אין פאַרלויף פון די פּאָר וואָכן פון איבערגאַנג צעשטערט געוואָרן. עס איז אָנגעקומען מיליץ. עס איז אָנגעקומען די נ.ק.וו.ד.

די נייע מאַכט באַמיט זיך, שריפטלעך און מינדלעך, צו באַקענען די באַפעלקערונג מיט איר פּראָגראַם און אָרדענונג.

די ווענט פון די הייזער ווערן פאַרדעקט מיט ריזיקע בילדער פון סטאַלינען און אויך פון אַנדערע סאָוויעטיש־פירנדיקע פּערזענליכקייטן, מיט פּלאַקאַטן און לאָזונגען: „זאָל לעבן די גלייכקייט און פרייהייט", „זאָל לעבן די ראַטנמאַכט, וואָס ברענגט פרייהייט און גליק דער מענטשהייט", „זאָל לעבן די אמת'ע דעמאָקראַטיע און איר פירער דער חבר סטאַלין", און א. וו.

עס ווערן איינגעאָרדנט מיטינגען, אויף וועלכע עס ווערט מיט פּאַטאָס געמאָלט, אין די שענסטע פאַרבן, דאָס לעבן פון פּויער און אַרבעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד. נאָך אַ ריי מיטינגען ווערן באַשטימט וואַלן אין די אָרטיקע אַנשטאַלטן און אויך אין אויבערשטן ראַט — אין קרעמל.

די קאַנדידאַטן וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט רופן אַרויס פאַרווונדערונג נישט נאָר ביי דער באַפעלקערונג סתם, נאָר אויך ביי די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. עס איז נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס זיינען די אַלע קאַנדידאַטן אַנאַלפאַבעטן, און אין פּאַרטייאישן זין — אומבאַוווסטזיניקע, אין דער צייט ווען עס פעלן נישט אין דער אָרטיקער אַרבעטער פּאַרטיי קיין אַנטוויקלטע מענטשן, וואָס וואָלטן זיכער געפּאַסט בעסער פון די אַנגעצייכנטע קאַנדידאַטן. אויף אַ ענגערע פאַרזאַמלונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן, וואַגט איינער פון די איינגעלאַדענע חברים צו באַרירן די פראַגע. ער קריגט אַ שאַרפן ענטפער, אַז די פאַרזאַמלונג איז נישט גערופן צו פירן וויכוחים, נאָר צו באַהאַנדלען און צוטיילן טעכניש די אַרבעט צו די וואַלן.

און עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די „דעמאָקראַטישע" וואַלן. די אויבן דערמאַנטע קאַנדידאַטן זיינען דורכגעגאַנגען מיט 95% שטימען.

נאָך די וואַלן האָבן זיך געעפנט די מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן. עס האָבן זיך ווידער געעפנט די שולן, און זיי גייען אַריבער פון פּוילישער אונטערריכטס־שפּראַך אויף

רוסישער. די „תרבות"־שולע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יידישע מיט יידיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך.

לערער פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מען אין די שולן נישט געברענגט. נאָר אין דער מיטלשולע איז דער דירעק־טאָר געווען אַ סאָוויעטישער, דאַקעגן די לערער זענען געווען פון די פריערדיקע רוסישע אינטעליגענץ, אפילו נישט קוקנדיק אויף זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג. אויך אין דער יידישער שולע איז ווי עס איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן דער לערער פּערסאָנאַל. דאָ האָט זיך די מאַכט יאָ גערעכנט מיט דער אָפּשטאַמונג, דערפאַר אָבער האָט זי אינגאַנצן פאַרציכטעט אויף דעם פאַך.

זייער שלעכט האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאָס עקאָנאָמי־שע טאָגטעגלעכע לעבן. די געשעפטן, וואָס זיינען צוריק געעפנט געוואָרן נאָכן איינשטעלן די נייע מאַכט, זיינען שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע באַ־אַמטע, וואָס האָבן אָן איבערקלייבן געקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געזעען אין אַזעלכע ריזיקע קוואַנטומס אַז די גרעסטע זאַפּאַסן וואָלטן זיך שנעל אויסגעלאָזט. ברענגען פרישע סחורות איז מעגלעך געווען נאָר פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייל די אָקופּירטע דורך דער ראַטנמאַכט ערטער זיינען געווען לאַנדווירשאַפטלעכע, דאַקעגן די אינ־דוסטריעלע צענטערן זיינען געבליבן אויף דער דייטשער זייט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע רייען ביים איינקויפן פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך. די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט אויפגעהערט פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן פאַר געלט און געפאָדערט סחורות. עס איז געוואָרן אַ מאַנגל אין אַלעמען. אין אוקראַינע, דער שפּייכלער פון אייראָפּע, האָט פאַרפעלט ברויט און מ'פלעגט אָפּשטיין לאַנגע שעהן אין די רייען בכדי אַהיים ברענגען אַ ברויט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן, דער כאַראַקטעריסטישער אין אַזאַ צייט געיעג צו מאַכן זאַפּאַסן פון כל מיני סחורות וואָס זיינען נאָר געווען צו קריגן. דאַביי האָבן די סחורות שוין נישט מער געהאַט קיין פרייז אין געלט, נאָר זיינען געטוישט געוואָרן, לויט די פריערדיקע פרייזן, אויף סחורות.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט פאַרזיכערט אַז זי וועט באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט אַלעמען, קיינער האָט אָבער נישט געגלייבט אין די צוזאָגן צוליב דער דורשטיקייט וואָס די סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן אַרויסגעוויזן צו אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געזעען.

אין דער צייט וואָס די באַפעלקערונג איז געווען פאַרטאָן אין איר טאָגטעגלעכקייט, האָט זיך דערווייל די נ.ק.וו.ד. געטאָן איר אַרבעט (די אַרבעטס־שטונדן פון די באַאַמטע אין דער אינסטיטוציע זיינען געווען פון 8 אין אָוונט ביז אינדערנאַכט). אין איין שיינעם טאָג האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ גרויסע צאָל יינגע מענטשן, פריש אָנגעקומענע, און דאַן לאַנגע אַבאַזן פון פויערישע פערד און וועגן צוזאַמענגעטריבענע פון דער גאַנצער געגנט. אין דער נאַכט זיינען פון שטח פון גאַנצן אָקו־פּירטן געביט אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבייט קיין סיביר אַלע פוילישע קאָלאָניסטן מיט זייערע משפחות. אויב אין הויז האָט זיך גראָד געפונען אַ גאַסט האָט ער אויך געמוזט מיטגיין. די מענטשן האָבן פון זייער פאַרמעגן געקענט מיטנעמען נאָר דאָס וואָס זיי האָבן באַוויזן צו פאַרפּאַקן אין משך פון אַ האַלבע שעה. עס זיינען געווען צוגעגרייט באַנוואַגאָנען, וואָס זיינען געגאַנגען פונעם אָרט פון איינשטייגן ביז דעם אָרט פון פאַרשיקונג — דעם וויטן סיביר — אָן איבערזעצן זיך.

דער פאַקט, ווי אויך דער אופן פון פאַרשיקונג האָט געמאַכט אַ זער שווערן איינדרוק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. עס איז נישט געווען צו פאַרשטיין מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט די קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געווען פּשוטע אַרבעטסזאַמע לאַנדווירטן, האָבן געפירט מוסטערהאַפטעווירטשאַפטן, דערגרייכטע מיט אייגענער, מיזאַמער אַרבעט. די ערד וואָס די קאָלאָניסטן האָבן גע־קריגן פון דער פוילישער רעגירונג נאָכ'ן אַנטשטייען פון פוילן, האָט פריער געהערט צו דער צאַרישער רעגי־רונג און צו דער קירכע.

עס זיינען אַוועק איניקע וואָכן נאָך דער ערשטער אויפטרייסלונג, און ווידער זיינען געקומען אַ סך פרעמדע געסט ווידער ציען זיך לאַנגע אַבאַזן פון פויערישע פערד און וועגענער. די סימנים זאָגן, אַז ווידער גרייט זיך עפּעס נייעס. און ווירקלעך, אויף דעם זעלבן אופן ווי דעם ערשטן מאָל, ווערן יעצט אַרויסגעשיקט אַלע משפחות פון די פוילישע אָפיצירן, וואָס זייערע מענער האָבן פאַר־לאָזט פוילן מיט דער אָפּטרעטנדיקער פוילישער אַרמיי. צו־זאַמען מיט זיי ווערן יעצט אויך אַרויסגעשיקט פון דעם גאַנצן באַזעצטן דורך דער ראַטן־מאַכט שטח אַלע וואַלד־

באַאַמטע און וואַלדוועכטער מיט זייערע משפחות, אָן אויסנאַם.

עס איז דאַמאָלס געווען אַ שווערער ווינטער, די רייזע אין ווייטן סיביר האָט געדויערט וואָכן און עס זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז פון די טראַנספּאָרטן זיינען פיל אַלטע לייט און קליינע קינדער אומגעקומען אויפן וועג, נישט דערפאָרנדיק אויפן אָרט.

עס זיינען שוין אַוועק עטלעכע מאָנאַטן זייט די סאָוויעטן זיינען ביי אונדז. די יידישע היימלאָזע פון פּוילן זיינען פאַרבליבן אויף די ערטער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען ביי זייער אָנקומען. אין משך פון דער צייט האָבן זיי באַוויזן זיך צו פאַרבינדן מיט זייערע משפחות פון דער דייטשער זייט. אין פיל פאַלן האָבן די פרויען געשריבן צו זייערע מענער און זון זיי זאָלן זען אַריבערצוקומען אַהיים. דאָס אַרומוואַלגערן זיך אין דער פרעמד איז זיכער געווען שווער און נישט אָנגענעם, און ווען עס זיינען נאָך געווען בריוו וואָס האָבן זיי אַהיים גערופן, האָבן זיך אייניקע פון די היימלאָזע געפרווט ווענדן צו דער מאַכט וועגן דערלויבענישן אַרויסצופאָרן צו זייערע משפחות. דאָס איז געווען מעגלעך צוליב דער דאַמאָלסדיקער פריינטשאַפט פון דער ראַטנמאַכט מיט דייטשלאַנד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די ווענדונגען, זיינען אין די גאַסן און אין די עפנטלעכע ערטער דערשינען אויפרופן וואָס האָבן גערופן אַלע מענטשן וואָס ווילן זיך אומקערן אַהיים קיין פּוילן זיך קומען רעגיסטרירן אין דער אָרטיקער מיליץ און מען וועט זייערע ביטעס דערפילן.

נישט פילענדיק זיך אין קיין שום חטא, זיינען די מענטשן געגאַנגען צו דער רעגיסטראַציע און האָבן פאַרשריבן זייער גענויע אַדרעסן.

ווידער זיינען אַוועק אייניקע וואָכן — און אין איין שיינער נאַכט זיינען די אַלע מענטשן אויפגעזוכט געוואָרן לויט זייערע אָנגעגעבענע אַדרעסן, און אויף דעם שוין באַקאַנטן אויפן — אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגסאַרבעט.

די אַרויסשיקונגען, ווי אויך דער אופן פון אַרויסשיקן, האָבן געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין צווישנצייט פלעגן אויך אַלע מאָל פאָרקומען אַרעסטן און אַרויסשיקונגען פון איינצעלנע מענטשן, און דווקא מענטשן וואָס האָבן זיך אַמווייניקסטן גערעכט דאַרויף.

אויב אין אָנהייב, נאָך די ערשטע אַרויסשיקונגען, האָט נאָר אַ געוויסער סאָרט בירגער געלעבט אין פחד אַרויסגעשיקט צו ווערן, איז יעצט דער פחד געוואָרן אַן אַלגעמיינער.

נישט לאַנג פאַרן אויסברוך פון קריג, זיינען פון די פּוילישע טורמעס באַפרייט געוואָרן אייניקע יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען אָפּגעזעסן אין טורמע לאַנגע יאָרן. צווישן זיי זיינען געווען צוויי לעדעראַרבעטער, וואָס האָבן אַמאָל איינגעוואַנדערט צו אונדז פון קאָנגרעס פּוילן. זיי זיינען געווען באַוווסטזיניקע קאָמוניסטן, וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן פלאַנצן די אידייע צווישן אונדזערע אַרבעטער, דאָס איז אויך געווען די סיבה פון זייער באַזעצן זיך ביי אונדז. זיי האָבן דערצויגן די אַרבעטער יוגנט.

אַט די צוויי יונגעלייט, וואָס עס האָט זיך געדאַכט אַז די ראַטנמאַכט וועט זיי באַלוינען פאַר זייערע ליידן אין די פּוילישע טורמעס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט אין אָרדנונג. עס איז נאָך דערווייל קיינער פון זיי נישט אַרעסטירט געוואָרן, אָבער זיי האָבן דאָס דערוואַרטעט יעדע נאַכט. איינער פון זיי האָט אפילו געביטן זיין וווינאָרט און איבערגעפאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט, בכדי אַזוי אַרום אפשר, אויסמיידן דעם אַרעסט.

צווישן די מיטגלידער פון דער אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס האָבן ביים אַנטשטייען פון דער ראַטנמאַכט געקריגן פּאָסטנס אין די שטאָטישע אַנשטאַלטן, האָט זיך אויך אָנגעהויבן פילן אַ דערדריקנדיקע שטימונג צוליב פלוצלינגע אַרעסטן צווישן זיי. איינער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר פאַרשפּעטיקן זיך צו דער אַרבעט, איינער פאַר כלומרשטער פאַרנאַכלעסיקונג אין דער בוכהאַלטעריע, אַנדערע אויך פאַר ענלעכע חטאים. די דערמאָנטע מענטשן זיינען געמשפּט און פאַרשיקט געוואָרן אויף פאַרשידנטערמיניקע צוואַנגסאַרבעט. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז עס פלעגן נישט זיין קיין פאַלן פון באַפרייט ווערן דורכן משפּט — ווער עס איז אין עפּעס באַשולדיקט געוואָרן, דער איז פאַראורטיילט און פאַרשיקט געוואָרן.

אין די אַרבעטסצימערן פון דער נ.ק.וו.ד. האָט מען דערווייל דעצידירט וועגן גורל פון פאַרשידענע מענטשן. עס איז אָנגעקומען די רייע אויף די „קולאַקעס", די רייכערע פּויערן וואָס האָבן באַזיצט מער ערד ווי זיי האָבן

אליין געקענט באַאַרבעטן און דעריבער זיך באַנוצט מיט געדינגענע הילף.

אויף דעמזעלבן אופן ווי די פריערדיקע טראַנספּאָרטן, אָרגאַניזירט אין איין נאַכט, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון גאַנץ מערב־אוקראַינע און מזרח־גאַליציע צענדליקער טויזנטער פויערן מיט זייערע משפחות.

עס זיינען געווען פאַלן ווען צווישן די משפחות האָבן זיך געפונען אַלטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי איבערלאָזן אויף די ערטער און זיי לאָזן שטאַרבן אויף זייער אייגענער ערד. אָבער דאָס זיינען געווען אומזיסטע געבעטן.

דאָס פאַרשיקן די פויערן האָט נאָך מער דערשלאָגן די אוקראַאינישע באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט באַגרייפן אין וואָס באַשטייט דער חטא פון די פויערן. די מענטשן האָבן דאָך זייער גאַנצן לעבן זער שווער געאַרבעט, געפירט אַ לעבן פון פּשוטע אַר־בעטסמענטשן, זיי זיינען נאָר פאַר זייער אַרבעט בעסער באַלוינט געוואָרן.

די אַטמאָספערע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן געדריק־טער. אַ שרעק האָט באַהערשט די גאַנצע באַפעלקערונג, עס האָט זיך פאַרלוירן דער באַגריף ווער איז אין אָרדנונג און וועמען דראָט די געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן. מ'האָט זיך באַהאַלטן אין די היימען. אין גאַס איז מען גע־גאַנגען נאָר ווען מ'האָט באַדאַרפט עפּעס דערליידיקן. שפּאַצירנדיקע מענטשן האָט מען נישט באַגעגנט.

די מאַכט האָט נאָך מער ווי אין אָנהייב פאַרשטאַרקט איר פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. די ווענט פון די הייזער זיינען נאָך מער פאַרפּלייצט געוואָרן מיט די שרייענדיקע לאָזונגען: „זאָל לעבן די ראַטנמאַכט, וואָס ברענגט גליק און פרייהייט! זאָל לעבן דער פירער פון דער גאַנ־צער פּראָגרעסיווער וועלט, דער חבר סטאַלין! זאָל לעבן די אמתע דעמאָקראַטיע און איר פירער!"... די שיינע ווערטער האָבן יעצט אויסגעזען ווי עמיץ האָט זיי אויף חוזק אָנגעשריבן, גאַנץ אַנדערש האָט מען זיך פאַרגע־שטעלט יושר און פרייהייט.

אויף די מיטינגען, וואָס פלעגן נאָך אָפטער איינגע־אָרדענט ווערן כדי אָן אויפהער צו שילדערן דאָס גליקליכע לעבן פון פויער און אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען אויפגעהערט צו קומען. עס איז נישט געווען מער ווער עס זאָל גלויבן אין דער ריכטיקייט פון די שיינע ווערטער.

יעדן מענטש האָט געמאַטערט דער פחד: ווער ווייסט וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגן.

אפילו אין די שולן האָט אַריינגעדרונגען דער פחד. אין איינע פון די עלטערע קלאַסן פון דער מיטלשולע, זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוויי שילער און ערגעץ אָפּגע־שיקט געוואָרן, נישט לאָזנדיק וויסן די עלטערן וווהין מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט.

אין אַזאַ צושטאַנד פון אַלגעמיינער אָנגעשטרענגקייט, האָט ווי אַ דונער אַ קלאַפּ געטאָן די ידיעה וועגן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג.

מיט דער אָפּטרעטנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי זיי־נען פון אונדזער שטעטל מיטגעגאַנגען נאָר צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער נ.ק.וו.ד. די גאַנצע באַפעל־קערונג האָט באַשלאָסן צו בלייבן, נישט קוקנדיק דעריף אַז ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט מיטפאָרן מיט די אָפּטרעטנדיקע אין ספּעציעלע לאַסט־אויטאָס.

פאַרשטייט זיך, ווען מ'זאָל געווען פאָרויסזען אויף וואָס עס וועלן פייאיק זיין די צעיושעטע נאַצישע מענטשן־פרעסער, וואָלט זיכער די גאַנצע באַפעלקערונג פון די באַזעצטע דורך דער ראַטנמאַכט געביטן, געווען מיטגעגאַנ־גען מיט די אָפּטרעטנדיקע, נישט קוקנדיק אויף די אַלע באַשריבענע פאַקטן. אַ פאַראורטיילטער צום טויט נעמט נאָך מיט צופרידנקייט אָן די ידיעה אַז דער פסק־דין איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכע טורמע.

די שוואַרצסטע פאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן די רציחה און מאָרד וואָס די נאַצישע בעסטיע האָט געזייט אויף איר בלוטיקן מאַרש איבער אייראָפּע.

ווען היטלער האָט איבערגעריסן זיין אָפּמאַך מיט סאָוויעטרוסלאַנד, איז אין ערשטן מאָמענט די ראַטנמאַכט נישט געווען גרייט צו שטעלן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד ביי די נייע גרענעצן. די קליינע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי האָבן גלייך אָנגעהויבן אָפּטרעטן, איבער־לאָזנדיק קליינע גרופּן זעלנער מיט דער נייטיקער באַ־וואָפנונג צו פאַרהאַלטן עטוואָס דעם טעמפּאָ פון די אָנ־גרייפער און אַזוי אַרום האָבן די מעגלעכקייט צוריק צו־ציען אין אָרדנונג.

ביי אונדז אין שטעטל זיינען פאַרבליבן אָפּאָר צענ־

דליק סאָוויעטישע זעלנער, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט שיסן פון מאַשינענגעווער אין דער ריכטונג פון די אַנקומענדיקע דייטשן. די דייטשן האָבן געענטפערט מיט קאַנאָנען־שיסעריי און אויך מיט מאַשינענגעווער אין דער זייט פון וואַנען עס איז געקומען דאָס שיסעריי, ד.ה. אין שטאָט אַריין.

די באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אין די קעלערס. אַ שיסעריי איז אַוועק אַ טאָג און אַ נאַכט, עס האָבן נישט אויפגעהערט די אויפרייסן פון שראַפּנעלן אין אַלע עקן פון שטאָט. ביי אַ צען מענטשן פון דער ציוויל־באַפעלקערונג זיינען געפאַלן. אויפן צווייטן פרימאָרגן איז שטיל געוואָרן דאָס שיסעריי. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די דייטשן זיינען שוין דאָ אין שטאָט.

עס איז נאָך גאַנץ פרי. מיר זיינען נאָר וואָס אַרויפגעקומען פון קעלער. איך שטיי ביים פענסטער פון פראָנטצימער. דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזט, נאָר איך זע אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין גאָס. עס איז נישטאָ קיין באַוועגונג, נאָר אַנטקעגן ביים ברונעם שטייען עטלעכע פוּיערטעס און נעמען וואָסער. אויף אַ באַנק נעבן אַ שכנותדיקן הויז זיצט אַ רוסישער זעלנער. קיין געווער האָט ער נישט. פון וועג קומען אָן צוויי דייטשן מיט געלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט. דער רוסישער זעלנער הויבט זיך אויף פון באַנק, הויבט אויף די הענט אין דער הויך און גייט אַ פאָר שריט פאָרויס. די דייטשן דערזעען אים ווי ער שטייט מיט די הענט אין דער הייך, און ביידע שיסן אויף אים גלייכצייטיק. דער זעלנער פאַלט אַ טויטער אויפן אָרט.

טראַכטענדיק יעצט פון די דאַמאָלסדיקע געשעענישן, שאַפט זיך ביי מיר די זיכערקייט, אַז חוץ פון דער שנאה צו יידן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ אין איר ווילדקייט און רציחה, האָט דער נאַצישער מענטשנפרעסער זיך באַמיט צו אַנטוויקלען אין די זעלנער אַ סאַדיסטישע בלוטדורשטיקייט און שטרעבונג צו רציחה, סתם, אָן שום צוועק.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די ערשטע פראָנטזעלנער זיינען אַריין אין שטאָט פון מזרח זייט, נאָך אין אָוונט. זיי זיינען אַריין אין די הייזער אויפן וועג, דאָס זיינען גראָד געווען נאָר קריסטלעכע הייזער, און האָבן פון דאָרט אַרויסגענומען אַלע מענער, זאָגנדיק דאַביי אַז זיי דאַרפן זיי אויף אַ פאָר שעה אַרבעט. די צאָל פון די פאַרנומענע איז געווען — 30 מאַן.

אויף איבער דער נאַכט האָבן זיי די צוזאַמענגעטריבענע מענטשן פאַרשפאַרט אין אַ שול. צומאָרגנס האָבן זיי זיי פון דאָרט אַרויסגעטריבן, צעטיילט אויף צוויי גרופּן, נישט איבערקלייבנדיק, איין גרופּע אַוועקגעשיקט, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, קיין פּוילן אין אַ לאַגער, און די צווייטע גרופּע אַרויסגעפירט אונטער דער שטאָט, זיי געהייסן גראָבן אַ גרויסן גרוב, און דאַן זיי אַלע אויסגעשאָסן.

אין דער אַנדערער זייט שטאָט, אין דרום זייט, האָט מען נאָך פון צייט צו צייט געהערט שיסן. ווי עס האָט זיך אַויסגעזען, זיינען דאָרט נאָך געווען רוסן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן די דייטשן געגעבן אַ באַפעל אַז אין משך פון אַ האַלבע שעה זאָל די גאַנצע באַפעלקערונג פאַרלאָזן זייערע הייזער, איבערלאָזנדיק די טירן אויפגעשלאָסן, און זיך פאַרזאַמלען אין פאַרק וואָס געפינט זיך ביי דער שטאָט. דער באַפעל איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעפירט געוואָרן.

באַלד האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַ גרויסע צאָל צינדבאָמבן אויף דעם שטח ווי עס האָבן זיך געזאָלט געפינען די רוסן.

די צינדבאָמבן האָבן אָנגעצינדן אַ ריזיקע שרפה אין שטאָט. די באַפעלקערונג האָט פון פאַרק זיך צוגעקוקט צו דער ברענענדיקער שטאָט. עס איז געווען דער איינדרוק אַז קיין איינציק הויז וועט נישט איבערבלייבן נאָך דער שרפה. עס האָט געדויערט אייניקע שעה, און דאַן איז דערלויבט געוואָרן אַהיים צו גיין. יעדער איז געלאָפן צו זיך אַהיים. פלאַמען האָבן געצוימט די וועגן, מען האָט זיך אַלעמאָל געמוזט אומקערן און זוכן וועגן אויף אויסמיידן די פלאַמען.

זער פיל משפחות זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און זיינען פאַרבליבן נאָר אין דעם וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך.

עס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן ביז'ן גרונט אייניקע גאַסן, ווידער צופעליק — קריסטלעכע. די צאָל יידישע הייזער וואָס זיינען דאַמאָלס אָפּגעברענט געוואָרן איז געווען, פאַרהעלטניסמעסיק, קליין.

אונדזער הויז, ווי מיר האָבן געוווינט, געפינט זיך גראָד אויך אין אַ קריסטלעכע גאָס — די פּאָסט גאָס, און

איז צופעליק נישט פאַרברענט געוואָרן, אָרום זיינען כמעט אַלע הייזער געווען פאַרברענט.

שרעקלעך זענען געווען די יללות פון די פויערטעס וואָס האָבן באַוויינט זייער האָב און גיטס, וואָס איז אין משך פון אַ פּאָר שעה אָפּגעווישט געוואָרן.

דער עיקר פּיינלעך איז געווען דאָס בילד פון די פערד און בהמות, וועלכע מ'האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון די שטאַלן און זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן.

היות אַז מיר זיינען געווען פון די גליקלעכע וואָס אונדזער הויז איז פאַרבליבן נישט גערירט, האָבן מיר באַלד אַריינגענומען צו זיך אין הויז איינע פון די שכנותדיקע קריסטלעכע משפּחות.

דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן.

דער פאַקט פון אויסשיסן דורך די דייטשן די גרופּע אוקראַינער, ווי אויך דער צופאַל וואָס פון דער שׂרפה האָבן דער עיקר געליטן דווקא אוקראַינער, האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע קנאה און אויפרעגונג ביי אונדזערע אוקראַינישע שכנים. ווי געווענלעך האָבן אין דעם געדאַרפט שולדיק זיין די יידן. יעדן פון אונדז איז גוט באַקאַנט ווי ווייניק מ'האָט באַדאַרפט כדי צו שאַפן אַ פּאָגראָם שטימונג ביים אוקראַינישן פאָלק, איבערהויפּט יעצט ווען מ'האָט געהאַט אַזאַ אידעאַלן אַנלען ווי די נאַצישע מערדער. עס האָט זיך שוין געפונען אַן עדות, וואָס האָט „אַליין געזען" ווי ביים קבר ווי מ'האָט די אוקראַינער אויסגעשאָסן זיינען געשטאַנען צוויי יידן (זיי האָבן שוין געפונען אויך די קרבנות: איינער אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן — ב ע ר ל צ י מ ע ר מ א ן, און דער צווייטער אַ יונגער בחור — ח נ ן ג ע ר ש פ ע ל ד) וועלכע האָבן קלאָמערשט עדות געזאָגט, אַז די אַלע פאַרהאַלטענע זיינען קאָמוניסטן, און אָט דאָס איז געווען די סיבה וואָס מ'האָט זיי אומגעבראַכט.

די צוויי יידן זיינען, פאַרשטייט זיך, אַרעסטירט געוואָרן. די ערשטע טעג זיינען אין שטאָט קיין דייטשן נישט געבליבן. פאַרבייגייענדיק האָבן זיי באַשטימט אוקראַינישע מיליץ וואָס זאָל האַלטן אָרדנונג אין שטאָט אַזוי לאַנג ווי דער פראָנט איז נאָך געווען נאָענט. אָט די מיליץ האָט אַרעסטירט די צוויי „פאַרברעכער".

וועגן די פּייניקונגען וואָס די צוויי אומגליקלעכע קרבנות האָבן דורכגעמאַכט ביז דער טויט האָט זיי אויסגעלייזט, האָט מען געוווסט נאָר פון די געשרייען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון הויז, וווּ זיי זייען געווען פאַרשפּאַרט.

צוויי וואָכן האָט געדויערט די הערשאַפט פון די אוקראַינישער מיליץ, קיין דייטשן האָט מען כמעט נישט געזען, חוץ איינצעלנע פראָנטזעלנער, וואָס האָבן זיך מיט דער באַפעלקערונג נישט אינטערעסירט. די מיליץ האָט געקענט טאָן וואָס זי האָט נאָר געוואָלט.

די מיליץ, וואָס האָט געהיט די אָרדנונג אין שטאָט, האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט. יעדן טאָג זיינען גערופן געוואָרן אין דער מיליץ עטלעכע יידן, דער עיקר אַזעלכע וואָס די מיליץ האָט געוווסט אַז זיי האָבן מיט וואָס זיך אויסצוקויפן, און פאַר זיי איז פאַרגעלייגט געוואָרן, פאַר יעדן באַזונדער, אַ באַשולדיקונגס־אַקט, לויט ידיעות וואָס די מיליץ האָט קלאָמערשט באַקומען וועגן די „פאַרברעכנס" וואָס יעדער פון זיי זאָל האָבן באַגאַנגען. דאָן האָט מען אָנגעהויבן פּייניקן די קרבנות אויף אַ זייער אַן אייגנאַרטיקן רוצחישן אופן. נאָך אַ פּאָר טאָג פון אַזאַ אַרעסט, זיינען געקומען פאַרמיטלער (אויך פון דער זעלבער מיליץ) צו דער משפּחה פון דעם אַרעסטירטן און אויסגעדריקט גרייטקייט אַרויסצוהעלפן אין דער נויט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען. די אַפּעטיטן פון די „גוטע מלאכים" זיינען געווען אַזעלכע אַז ס'זענען געווען פיל פאַלן ווען מ'האָט אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע וואָס מ'האָט פאַרמאָגט אום זיך פון זייערע הענט אַרויסצוראַטעווען. די באַפרייטע פון זייערע הענט זיינען דאַן וואָכנלאַנג געליגן קראַנק ביז זיי זיינען ווידער פייאיק געווען צו גיין אויף די פיס.

אַזאַ לאַגע האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן ביז עס איז אָנגעקומען אַ צייטווייליקער דייטשער קאָמענדאַנט. פון דאַן הויבט זיך ערשט אָן די קייט פון אומאויפהערלעכע דערנידערונגען, ליידן, פּיין און מאָרד פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט געהאַט זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דער צייטווייליקער קאָמענדאַנט האָט אויפגעפאָדערט צו שאַפן באַלד אַ יודענראַט און שוין אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ ריזיקע קאָנטריבוציע, וואָס האָט בעדאַרפט אין משך פון 48 שעה באַצאָלט ווערן.

אויף דער גיך איז געשאַפֿן געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָ־מיטעט און די קאָנטריבוציע איז מיט גרויס מאַטערניש צו דער צייט באַצאָלט געוואָרן.

עס איז פֿאַראָרדנט געוואָרן, אַז יעדער ייד פֿון 14 יאָר אָן מוז טראָגן אויף דער האַנט אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד, אַנדערש דאַרף ער זיך נישט ווייזן אין גאַס.

פֿאַרנומען מיט די גזרות וואָס האָבן זיך געשיט איינע נאָך דער אַנדערע, האָט מען כמעט ווי נישט באַמערקט ווי אין איינעם אַ פֿאַרמיטיק (דאָס איז געווען דעם 12 אויגוסט 1941) זיינען אין שטאָט אַריין צוויי לאַסט־אויטאָס, געפּאַקט מיט אוקראַינישע מיליץ און געסטאַפּאָ מערדער. אין משך פֿון געציילטע מינוטן זיינען צו זייער הילף געשטעלט געוואָרן די גאַנצע אוקראַינישע יוגנט, ווי עס זעט אויס זיינען זיי געווען צוגעגרייט דאַצו, און אין פֿאַרלויף פֿון בערך 2 שעה, האָבן זיי אויסגעכאַפּט אין די גאַסן און צוזאַמענגעטריבן פֿון די הייזער 300 מענער, צווישן זיי אויך 14־יעריקע קינדער. ביים אויסגעפֿינען די יידן האָט די אוקראַינישע יוגנט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל פֿלייס און ענערגיע אַז יעדע שילדערונג וועגן נידערטרעכטיקייט פֿון דעם פֿאָלק איז נאָך נישט די ריכטיקע.

ביי דער אַרבעט פֿון כאַפּן האָבן זיך די דייטשע מערדער בכלל נישט באַטייליקט, דאָס האָבן בשלמות אויסגעפֿירט אונדזערע שכנים, די אוקראַינישע מיטבירגער, וואָס האָבן דורות לאַנג געלעבט מיט די יידן צוזאַמען.

שילער פֿון דער מיטלשולע, זין פֿון דעם רוצחישן, פֿאָלק, זיינען געקומען שלעפּן זייערע יידישע חברים פֿון דער שולבאַנק; שכנים וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געלעבט פֿריינטלעך אַהויז אין אַהויז, האָבן זיך אין איין מאָמענט אַרויסגעוויזן פֿאַר ווילדע חיות צו זייערע יידישע שכנים. און אַזוי איז די אַרבעט איינס צוויי אָפּגעטאָן געוואָרן. די אומגליקלעכע קרבנות, צווישן זיי זיינען אויך געווען מיין מאַן דוב בערגער, מיין שוואָגער — שמואל קאַלטשינסקי און מיין ברודער שמואל ראַוויטש, זיינען צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אויפֿן הויף פֿון דער מיליץ, וווּ מ׳האָט זיי געהאַלטן איניקע שעה.

דערווייל האָט מען אַ גרופּע פֿון די מענער אַוועקגעפֿירט אין פּאַרק, ווי מ׳האָט זיי געהייסן גראָבן אַ גרויסן גרוב. ווען דער גרוב איז געווען פֿאַרטיק, האָט מען אַנגעהויבן פֿירן גרופּנווייז די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס האָבן נאָך אַלץ קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס עס וואַרט אויף זיי.

די אוקראַינישע מיליץ האָט אויסגעפֿירט איר אַרבעט בשלמות. קיינער פֿון די אומגליקלעכע איז נישט אַנטלאָפֿן. דאָס אויסשיסן די קרבנות האָבן שוין אויסגעפֿירט די דייטשע מערדער, מער פֿייאיקע אין דעם פֿאַך. 6 אַזייגער פֿאַרנאַכט איז אַלץ געווען געענדיקט, דער קבר מיט די נאָך לעבעדיקע מענטשן פֿאַרשיט און אויסגעגלייכט, און די מערדער זיינען אָפּגעפֿאָרן אין דער זעלבער ריכטונג פֿונוואַנען זיי זיינען אַנגעקומען.

די אַלע איינצעלהייטן האָבן מיר זיך דערוווסט אַ סך שפּעטער. אין יענעם פֿאַטאַלן טאָג זיינען מיר געזעסן אין די וווינונגען און זיך נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס. מיר האָבן געפֿילט אַז עפּעס שרעקלעכעס קומט פֿאָר, אַז נישט אַזוי נעמט מען מענטשן צו אַרבעט, ווי זיי האָבן אונדז געזאָגט נעמנדיק זיי. מיר האָבן געהערט דאָס שיסן, וואָס האָט זיך פֿון נישט ווייט געטראָגן, דאָס האַרץ האָט געציטערט פֿון שרעק. דאָך האָט מען זיך נישט געקענט פֿאַרשטעלן אַז דאָס שיסט מען די פֿאַרכאַפּטע מענער. ווי איז עס דען מעגלעך, אַז אָן אַ שום סיבה אַזאַ גרויסע צאָל אומשולדיקע מענטשן אויסצומאָרדן ? מען האָט זיך געפּרוווט טרייסטן : מיר ווייסן דאָך אַז אין פּוילן, וווּ די דייטשן זיינען שוין 2 יאָר, האָט מען אויך אָפֿט געכאַפּט מענטשן צו אַרבעט, אפשר אויך אויף אַזאַ ברוטאַלן אופֿן.

עס איז אַוועק דער שרעקלעכער טאָג און די נאָך שרעקלעכערע נאַכט. עס איז געקומען דער פֿרימאָרגן. מענטשן זיינען אַרויס אין גאַס. מען האָט שוין געוווּסט וועגן דעם קבר, וואָס איז געגראָבן געוואָרן. מיר זיינען אַוועק אַהין. אין וואַלד, וואָס האָט זיך געפֿונען נעבן דער שטאָט, איז געווען אַן אָפּגעצוימטער שטח, עמעצנס אַ פּרוכטגאָרטן. די גראָז איז דאָרט געווען הויך און גרין, און דאָריבער איז בולט געווען דער פֿלעק וואָס איז געווען פֿריש געגראָבן. אָבער דער שטח איז געווען אויסגעגלייכט מיט דער ערד און עס איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען גענוי וווּ און ווי גרויס איז דער קבר. אין דער זייט אויפֿן גראָז איז געווען סימנים פֿון פֿאַרברענטע פּאַפּירן — די דאָקומענטן פֿון די קרבנות. אַרום איז יעצט אַלץ געווען שטיל און רואיק. די נאַטור האָט געשוויגן וועגן דעם שרעקלעכן פֿאַרברעכן וואָס איז דאָ נעכטן פֿאַרגעקומען.

עס האט זיך אנגעהויבן א נאכלויפן נאך ידיעות צווישן די אוקראינער וואס האבן געוווינט אין דער סביבה. קיינער האט גארנישט געוויסט, אדער נישט געוואלט דערציילן, וואס מיט די מענטשן איז געשען. אן שום גרונט האט זיך אויסגעוועבט א לעגענדע, אז אין יענער נאכט האט מען די מענטשן אוועקגעפירט אויף ארבעט. וואס שייך דעם קבר (מען האט דאך נאך נישט געוווסט ווי גרויס ער איז) האט מען דאס שוין אויסגעטייטשט: עס זיינען אויסגעשאסן געווארן מענטשן וואס זיינען דאמאלס געזעסן אין תפיסה ביי די אוקראינישע מיליץ — א גרופע אוקראינער, וואס זיינען ארעסטירט געווארן פאר זייער מיטארבעט מיט די סאוויעטן, און די צוויי יידן, די קרבנות פון דער אוקראינישער פראוואקאציע. די צאל האט באדארפט זיין בערך 20 מענטשן. עס איז נישט מעגלעך געוועזן זיך פארצושטעלן אז אן שום סיבה האט מען אויסגעמארדעט אזא גרויסע צאל מענטשן.

ווי עס זעט אויס האבן זיך די מארדן פון די נאצישע חיות אנגעהויבן מיט דעם ארייננמארש זייערן אין די פריער אקופירטע דורך דער ראטנמאכט געגנטן, ביז דאמאלס איז זייער באנעמונג אין פוילן נאך געווען צום אויסהאלטן. וועגן דעם האבן עדות געזאגט די גרוסן וואס די היימלאזע פלעגן דערהאלטן פון דער היים.

נאכן פארכאפן פון אונדזערע מענער האבן אנגעהויבן אנקומען ידיעות פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך וועגן ענלעכע רציחות. מען האט דערציילט אז אין ראוונע האט מען אויסגעכאפט 15 טויזנט יידן, זיי ארויסגעפירט אונטער דער שטאט, און זיי אויסגעשאסן. אין לוצק האט מען ארויסגעהאנגען אויפרופן צו דער יידישער באפעלקערונג, עס זאלן זיך קומען רעגיסטרירן מענער פון 14 ביז 40 יאר. ווער עס איז געגאנגען, דער איז מער נישט צוריקגעקומען. די צאל אומגעקומענע איז דאמאלס געווען 2000 מענער. מיר האבן אנגעהויבן פארשטיין אז דער זעלבער גורל האט אויך געטראפן אונדזערע מענער.

דערווייל, נאך אפאר רעגנס, האבן זיך אפגעצייכנט די קאנטורן פון דעם קבר, וואס מיר האבן פריער נישט געקענט פעסטשטעלן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קבר איז גענוג גרויס איינצושלינגען די צאל מענטשן וואס זיי האבן פארכאפט. און חאטש אלע מאל פלעגן די אוקראינער ברענגען ליגנערישע גרוסן, אז מ'האט קלאמערשט דא און דארט געזען אין ארבעטסלאגערן אין פוילן אייניקע פון די פארכאפטע מענער, איז געווען קלאר אז ס'איז זיך נישטא וואס צו נארן, מיר האבן מער נישט אויף וועמען צו ווארטן...

טעג זענען געגאנגען. די צייטווייליקע מאכט האט זיך פארביטן אויף א סטאבילע. עס איז געקומען א געביטסקאמיסאר, זשאנדארמעריע — אלע מיטגלידער פון דער נאצישער פארטיי. די האפנונג פון דער יידישער באפעלקערונג אז עס וועט זיך איינשטעלן א וועלכע ס'איז ארדנונג איז צונישט געווארן. ערשט יעצט איז קלאר געווארן אז יידיש לעבן און פארמעגן זיינען אינגאנצן הפקר. עס איז נישט פאראן קיין פאל פון געוואלדטאט ווען א ייד קען אנקלאגן אן אריער — יידן זיינען אויסער דעם געזעץ.

עס איז געשאפן געווארן א יודענראט וואס זאל פארמיטלען צווישן יידן און די דייטשן און זאל שטענדיק גרייט זיין אויסצופילן זייערע באפעלן. ס'האבן זיך אנגעהויבן אומאויפהערלעכע פאדערונגען, וואס האבן געמוזט אן פראטעסט דערפילט ווערן, ווי: ארייננטראגן דאס גאנצע גאלד, זילבער, קאסטבארקייטן, פוטער־מאנטלען א.א.וו. ווען מען וואלט געווען געפונען, נאך דעם באפעל, ביי א ייד איינע פון די דערמאנטע זאכן, וואלט ער באצאלט מיטן לעבן.

עס זענען צוגענומען געווארן פון די יידישע הייזער אלע בעסערע מעבלן, אלע פיאנאס, ראדיא־אפאראטן, עלעקטרישע זשיראנדאלן. עס איז פארבאטן געווארן עלעקטריש ליכט פאר יידן.

מ'האט אנגעהויבן ריידן וועגן א געטא פאר יידן. אין אנהייב האט מען נישט געגלויבט אין דעם. ווי איז עס מעגלעך א געטא אין א קליין ארט ? מסתמא מיינט מען א געטא אין ווארשע, לאדזש און אנדערע גרויסע שטעט — מאכן שוין יידן דערווייל א פאניק.

נאר אט האבן עפעס די דייטשע בעלי בתים אנגעהויבן שפאצירן אין די הינטערגעסלעך פון שטאט, זיי מעסטן און צייכנען און אין א שיינעם דינסטיק איז ווי א דונער געקומען דער באפעל: ביז 5 אזייגער פארנאכט זאלן אלע יידן האבן פארלאזט זייערע הייזער, איבערגעפירט זייערע זאכן, און זיך באזעצט אין די גאסן וואס זיינען פאר זיי באשטימט געווארן: גארבארסקא, כלאדנא און זשימנא. נאך דער באשטימטער שעה וועט קיין ייד

נישט האָבן די רעכט זיך ווייזן אויף די אַנדערע גאַסן. (עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַזאַ לאַנגן טערמין פון אַרויסקלייבן זיך איז נישט געהערט געוואָרן אין קיין איין שטאָט — מ׳האָט געגעבן אַ האַלבע שעה צייט. ביי אונדז איז עס פשוט געווען אַ טעות פון געביטס־קאָמיסאַר וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע מיטן שאַפן די געטאָ). זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָך דער באַשטימטער שעה האָט קיין ייִד נישט די רעכט געהאַט איבערטרעטן די שוועל פון זיין הויז.

עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן די פּאַניק, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע באַפעלקערונג — דעם אופן פון אַרויסקלייבן זיך פון אייגענע היימען, און דעם אופן פון אַריינקלייבן זיך אין די אַרעמסטע הייזלעך, ווו עס האָט געוווינט דער אַרעמסטער טייל פון דער באַפעלקערונג, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן דער געטאָ. יעדער אַרעם שטייגל איז גערעכנט געוואָרן פאַר אַ צימער, ווו עס האָט געדאַרפט וווינען אַ גאַנצע משפחה, נישט קוקנדיק אויף דער צאָל מענטשן אין איר.

דער פּיין און געפּאַלנקייט פון די מענטשן לאָזט זיך נישט באַשרייבן. די הערצער האָבן געיאָמערט פון צער און צאָרן, פון באַליידיקטער מענטשנווירדע, פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט.

ווייזט אויס עס איז נישטאָ קיין אוממעגלעכס ווען עס הערשט טעראָר.

ביז 5 אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך נישט געפונען קיין ייִד אין שטאָט אויסער די באַשטימטע פאַר אים גאַסן. יעדער האָט פאַרנומען אַ ווינקל, און עס איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ.

צומאַרגנס איז דער געטאָ אַרומגענומען געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ טויער אַרויסצוגיין פון געטאָ. די הייזער וואָס זיינען מיט זייער פראָנט אַרויסגעגאַנגען אויף די פרייע גאַסן, זיינען אויך אַרומגענומען געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט און די פאָדערשטע טירן פון די הייזער זיינען פאַרקלאַפּט געוואָרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן אין געטאָ, דאָס לעבן פון אַרעסטאַנטן, באַרויבטע פון זייערע מענטשלעכע רעכט.

שוין דעם ערשטן טאָג האָבן מיר באַדאַרפט פאַרבייטן די ווייסע בענדער מיטן מגן־דוד, וואָס מיר האָבן געטראָגן ביז יעצט, אויף געלע לאַטעס — איינע אויפן רוקן און איינע אויף דער ברוסט (עס ציטערט די האַנט ביים שרייבן די ווערטער). מיר האָבן זיך איינער פאַר דעם אַנדערן געשעמט, ווי מיר וואָלטן עפּעס אַ פאַרברעכן באַגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך וועל נישט אַרויסגיין אויפן גאַס מיט דעם שאַנדעצייכן. עס האָט זיך אָבער נאָר אַזוי געדאַכט די ערשטע טעג. די שרעקלעכע ווירקלעכקייט און די ברוטאַלקייט און רציחה פון די נאַצישע חיות האָבן נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן וועגן איין צרה; עס האָבן געיאָגט איינע נאָך דער צווייטע, נישט לאָזנדיק איבערוויייטיקן קיין זאַך.

עס איז געווען דער צווייטער טאָג נאָכן אויפשטעלן פון געטאָ. צוויי קליינע קינדער, ייִנגעלעך אין עלטער פון 8 און 9 יאָר, זיינען אַדורכגעקראָכן די שטעכיקע דראָטן, וואָס זיינען געווען ביי זייער דירה, און האָבן פון אַ בנין, וואָס האָט זיך דערנעבן געבויט, אַוועקגעשלעפּט צוויי ברעטלעך, וואָס די מוטער האָט מסתמא באַדאַרפט צום איינאָרדנען די געלעגערס אין דער „נייער" וווינונג. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז ביי דעם „פאַרברעכן" האָט די קינדער געטראָפן דער געביטס־קאָמיסאַר אַליין. באַלד איז וועגן דעם איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודענראַט מיט אַ וואָרנונג, אַז אויב ביז צוויי שעה וועט דער יודענראַט נישט אַרויסגעבן דער זשאַנדאַרמעריע די צוויי „פאַרברעכער", וועלן דערשאָסן ווערן די ערשטע אין דער ריי 10 ייִדן. נישט האָבענדיק קיין אויסוועג, האָט די ייִדישע מיליץ, וואָס איז געווען אין דינסט ביים יודענראַט, געברענגט די צוויי קינדער אויף דער זשאַנדאַרמעריע, האָפנדיק דערביי אַז צוליב זייער מינדעריעריקייט וועלן די קינדער נישט באַשטראָפט ווערן. אין דער זעלבער צייט איז דער פאַרזיצער פון יודענראַט אַוועק אינטערווענירן צום געביטסקאָמיסאַר. ביז ער איז צוריק געקומען, זיינען ביידע קינדער געווען דערשאָסן.

דעם זעלבן טאָג האָט מען געבראַכט אויף דער זשאַנדאַרמעריע אַ ייִנג מיידל — ר אַ ד ל ע ר. זי האָט זיך עפּעס צעקריגט מיט אַ פּוילישער פרוי, וועלכע האָט זי פאַרמסרט פאַר דער זשאַנדאַרמעריע, אַז בעת די דייטשן זיינען אָנגעקומען האָט זיך דאָס מיידל געזאָלט אויסדריקן, אַז ווען זי וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט וואָלט זי אַלע דייטשן אויסגעשאָסן.

דאָס מיידל האָט אָפּגעלייקנט די אָנקלאַגע, טענה׳נדיק,

אז די פאלקע האט צו איר א פערזענלעכע שנאה און האט זי פאלש אנגעקלאגט.

דער קאמענדאנט האט אויסגעהערט די טענות און געפרעגט די פאלקע צי האט זי עדות דארויף. פארשטייט זיך אזא עדות האט זיך באלד געפונען — א צווייטער שכן, אויך א פאלאק, וואס האט אויך קלאמערשט געהערט ווי דאס מיידל האט זיך מיט שנאה אויסגעדריקט אויף די דייטשן. דאס מיידל איז פארהאלטן געווארן אין דער זשאנדארמעריע.

דיזעלבע נאכט האט מען פארנומען די גאנצע משפחה פון דער אנגעקלאגטער, זיי ארויסגעפירט אויף דעם בית הקברות און זיי אלע אויסגעשאסן. א ברודער פון דעם מיידל איז נישט געווען די נאכט אינדערהיים, ער איז געווען אויף ארבעט אין א וואלד א פאר צענדליק קילאמעטער פון שטאט. צומארגנס אין דער פרי האט מען דאס יינגל אויסגעזוכט ביי דער ארבעט און דארט דערשאסן.

ווען מען רעדט יעצט וועגן פארניכטונג פונעם יידישן פאלק דורך די נאצישע מערדער, איז צוזאמען מיטן ווייטיק פאראן ביי אונדזערע ברידער א פארדרוס צו די אומגעקומענע — פארוואס האבן זיי נישט ווירדיק רעאגירט, אפילו מיט כוח, אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען, קעגן דער ברוטאליטעט און מארד פון די רוצחים. די פריער דערמאנטע צוויי פאלן קענען טיילווייז באלייכטן די סיבות : פאר דעם קלענסטן ווידערשטאנד, אדער נישט צופאסן זיך צו זייערע ווילדע פאדערונגען, האט געדראט א געפאר נישט נאר דעם וואס האט דאס געוואגט צו טאן, נאר אויך דער גאנצער משפחה, אדער אפילו דער גאנצער קהילה. דאביי האט מען ביז דער לעצטער מינוט נישט געגלייבט אין דער אבסאלוטער מאסן־פארניכטונג.

אזוי האט זיך אנגעהויבן דאס לעבן אין געטא.

לויט א פאראָרדנונג פון געביטסקאמיסאר האט די גאנצע יידישע באפעלקערונג — פרויען פון 14 ביז 40 יאר און מענער פון 14 ביז 50 — געמוזט יעדן טאג גיין אויף צוואנגסארבעט. אין צוזאמענהאנג דערמיט האבן זיך געעפנט די ארטעלן וואס זיינען געשאפן געווארן נאך דורך דער ראטנמאכט, ד.ה. די האנטווערקער וואס פלעגן אמאל האבן זייערע זעלבסשטענדיקע ארבעטס־ווארשטאטן, האבן פאר דער ראטנמאכט געבילדעט קאלעקטיווע ארבעטס־ווארשטאטן, ווו עס פלעגן ארבעטן אין איין לאקאל א גרעסערע צאל האנטווערקער. די הכנסה איז געווען פאר דער רעגירונג, די ארבעטער פלעגן קריגן געהאלט פאר זייער ארבעט. אט די אלע ווארשטאטן האבן זיך יעצט ווידער געעפנט און די ארבעטער האבן יעצט געארבעט פאר די דייטשן, פארשטייט זיך — אן געהאלט. ווער עס האט נאר געהאט די מעגלעכקייט צו קריגן ארבעט אין אזא ארטעל איז געווען פון די גליקלעכע, נישט ווייל די ארבעט איז געווען א בעסערע, נאר ווייל דא האט מען זיך געפילט זיכערער, ווייניקער אויסגעשטעלט אויף געפאר ווי אין גאס. די ארטעלן זענען געווען אויסער דעם געטא, אין די פארלאזטע דורך די יידן וווינונגען. די מענטשן וואס האבן דארט געארבעט האבן געקראגן ספעציעלע גרינע בענדער אויפן ארם, אדאנק וועלכע זיי האבן זיך געקענט פריי באוועגן אויסער דעם געטא, דאס איז געווען דער צייכן פון „נוצלעכע יודן”. דער עיקר „נוצלעך” זענען געווען די גארבעריי־ארבעטער, וואס האבן געארבעט אין די לעדער פאבריקן און האבן פראדוצירט לעדער פאר דער ארמיי. אלע איבעריקע מענטשן וואס האבן נישט געארבעט אין די ארטעלן, האבן געארבעט ביי שווארצע ארבעט. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען אזוי פיל ארבעט פאר אזא מענגע מענטשן, וואס זענען יעדן טאג געשטאנען גרייט צו זייער דינסט. האבן זיי געשאפן פאר די קנעכט ארבעט וואס האט נישט געמוזט ברענגען קיין נוץ, נאר סתם זיי באשעפטיקט. מיר פלעגן, למשל, רייניקן די גאסן פון שניי, אפרוימען דעם גרוז פון די אפגעברענטע הייזער, פיל מאל איבערפירן פון ארט אויף ארט, ווייל ס'איז נישט געווען עפעס אנדערש צו שלעפן.

די שווארצע ארבעטער פלעגן זיך יעדן פרימארגן אויסשטעלן ביים טויער פון געטא, פון דארט זיינען זיי קאלאנען־ווייז אפגעפירט געווארן דורך אוקראינישע מיליץ צו דער ארבעט און אין דער זעלבער ארדנונג פלעגן זיי צוריקגעבראכט ווערן.

בכדי צו באשעפטיקן מער מענטשן אין די ארבעטס־ווארשטאטן, האבן די יידן זיך באמיט צו שאפן מער ארטעלן, וואס האבן אויסגעפירט פארשידענע ארבעטן, ווי : זאקן־שטריקן, בארשטן־אויסארבעטונג, האלץ־שניד און אנדערע ארטיקלען.

מיין ברודער האט געגרינדעט א כעמישע פאבריק,

וו ער פלעגט אויסאַרבעטן פאַר די דייטשן פאַרשידענע לאַקן, פאַסטעס פאַר פאַרקעט און שיך, פאַר וועלכע ער האָט נאָך געהאַט רוישטאָפן פון זיין פאַרבן געשעפט. מיר האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויס גליק, ווייל דאַמיט האָט ער געשאַפן אַרבעטס־פלעצער פאַר זיך, פאַר נאָך איין ברודער און אויך פאַר מיין זון, וואָס איז שוין דאַמאָלס אַלט געווען 15 יאָר און געמוזט גיין צו דער אַרבעט. מיט אַלע אַרטעלן האָבן אָנגעפירט צוויי יידן — משה פעלדמאַן און הערש צימערמאַן, וועלכע האָבן פאַר די דייטשן רעפּרעזענטירט די אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

מיט דעם אויפשטעלן פון געטאָ האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר די יידן די מעגלעכקייט צו קריגן לעבנסמיטל. עס פלעגט פאַרטיילט ווערן פאַר מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט — 300 גר׳ ברויט טעגלעך, און פאַר מענטשן וואָס האָבן נישט געאַרבעט — 150 גר׳. אויסער ברויט האָבן מיר גאָר נישט געקריגן פאַרטיילט. מען פלעגט דאַריבער איינשטעלן דאָס לעבן און פון דער אַרבעט עפּעס אַהיים ברענגען, ד.ה. עפּעס קויפן ביי די אוקראַאינער. כאַפּן עמעצן ביי אַזאַ פאַרברעכן האָט געשמעקט מיטן טויט. נישט געקוקט אויף דעם פלעגט מען זיך איינשטעלן, ווייל ווען נישט האָט מען באַדאַרפט שטאַרבן פון הונגער. עס זיינען אויך געווען אייניקע קריסטן וואָס פלעגן זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אין געטאָ און אַריינברענגען אַביסל לעבנסמיטל, פאַר וואָס זיי פלעגן קריגן גוט באַצאָלט מיט שטוב־זאַכן אָדער קליידער.

אָבער וואָס ווייטער איז אַלץ ערגער געוואָרן. די מיליץ האָט אָנגעהויבן מער צו היטן די טויערן פון געטאָ און מער אַכטונג געבן אויף די וואָס האָבן געאַרבעט אויסער דעם געטאָ. דאָס אַריינקריגן אַביסל לעבנסמיטל איז געוואָרן כמעט אוממעגלעך.

איין מוטער, וואָס האָט פריער געוווינט אויף דער פאַרשטאָט און האָט געהאַט קריסטלעכע שכנים מיט וועלכע זי האָט פריינטלעך געלעבט, האָט זיך אַנטשלאָסן צו שיקן אירע צוויי קליינע קינדער צו אירע געוועזענע שכנים צו קויפן עפּעס לעבנסמיטל. אָנגעטאָן זיינען די קינדער געווען ווי אוקראַאינישע קינדער, און די מוטער האָט געמיינט אַז די קינדער דראָט נישט קיין געפאַר, ווער קוקט זיך אום אויף אַזעלכע קליינע קינדער? אָבער נישט ווי זי האָט געמיינט איז געווען. ווי עס ווייזט אויס האָבן די „פריינטלעכע שכנים" אָנגעוויזן אויף די קינדער דער אוקראַאינישער מיליץ, און די קינדער זיינען אויפן וועג אַהיים דערשאָסן געוואָרן דורך זיי, נישט באַמיענדיק זיך אפילו צו ברענגען זיי אין דער זשאַנדאַרמעריע.

אין אַ יידיש הויז איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע דורך דער זשאַנדאַרמעריע. איינער פון די זיכערס האָט דערווייל דערזען אַז עס קאָכט זיך פלייש. אויף דער פראַגע וועמען דאָס פלייש געהערט, האָט איינע פון די פרויען, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, געזאָגט, אַז עס געהערט איר. מ׳האָט די פרוי פאַרנומען אויף דער זשאַנדאַרמעריע און דעם זעלבן טאָג איז זי דערשאָסן געוואָרן.

אַנאַנדער פרוי איז דערשאָסן געוואָרן ווייל מ׳האָט זי געטראָפן אויסער דער געטאָ מיט אַפּאָר בוראַקעס וואָס זי האָט ערגיץ געקריגן.

דאָס פאַרנעמען איינצעלנע יידן און זיי דערמאָרדן איז געוואָרן אַ טאָג־טעגליכע דערשיינונג, דער עיקר די אויף וועלכע מ׳האָט אָנגעוויזן אַז זיי זיינען געווען קאָמוניסטן. נישט קוקנדיק דאַרויף האָט מען געהאַפּט אַז ווער עס וועט איבערלעבן וועט נאָך דערלעבן אַ נקמה אין די רוצחים. אָט דאָס גלויבן האָט אָפּגעהאַלטן פון מאַסן־זעלבסטמאָרדן, וואָס איז געווען דאַמאָלס דער בעסטער אויסוועג.

עס האָבן אָנגעהויבן דערגיין ידיעות וועגן מאַסן־פאַרניכטונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פיל שטעט און שטעטלעך — מ׳האָט אויסגעכאַפּט מענטשן אין די גאַסן, פאַרנומען פון די הייזער, פון די אַרבעטס־פלעצער, ביי דער גאַסן אַרבעט, זיי אָפּגעפירט אין לאַסט־אויטאָס ערגעץ און אויסגעשאָסן.

איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פרויען ביי אַ הויז וואָס האָט זיך געבויט. מיר האָבן דערלאַנגט ציגל די מויערער. דער אָנפירער פון בוי איז געווען מיין מאַנס אַ גוטער באַקאַנטער, אַ פּוילישער אינזשיניער (מ׳האָט אים, אגב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן יידנפיינט). יעדן טאָג ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער מיך אָוועקרופן פון דער אַרבעט און איבערגעבן די לעצטע נייעס, וואָס זיינען מיט יעדן טאָג געווען שרעקלעכער. יעדן טאָג האָב איך געהערט פון ליקווידאַציעס פון גאַנצע יידישע קהילות. מיינע מיטאַרבעטערינס האָבן נישט געוואָלט גלייבן אין דער ריכטיקייט פון זיינע ידיעות, זיי האָבן

אין דעם אויך געזען אַ באַשטעטיקונג פון זיין פיינטלעכקייט — ער וואָלט זיכער געוועזן צופרידן ווען דאָס אַלץ איז אמת. אויב עס איז ווירקלעך דאָ און דאָרט עפּעס געשען איז מסתמא געווען עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע, און נישט אַלע זיינען מסתמא אומגעבראַכט געוואָרן. מיר קענען דאָך שוין גוט די מערדער, אונדזער לעבן איז ווירקלעך הפקר, אָבער זיי וועלן דאָך נישט אומברענגען אַלע יידן. דער פאַקט איז, אַז ווי שרעקלעך עס איז נישט געווען אונדזער לאַגע, האָבן מיר דאָך נישט געגלויבט, אַז די חיות וועלן פּייאיק זיין אויף אַזאַ אומבאַגרייפלעכע רציחה.

אָבער אָט איז דורך אַ געהיימניספולן אופן דערהאַלטן געוואָרן אַ בריוו פון לוצק, פון איינעם אַ יידן ד י ק ־ ש ט י י ן. ער שרייבט צו זיין ברודער די שרעקלעכע נייעס: אין לוצק זיינען נישטאָ מער קיין יידן, אויך זיין פאַמיליע האָט ער נישט מער. ער אַליין איז צופעליק בעת דעם אומגליק געווען צוליב דער אַרבעט ביי אַ קריסט און געפינט זיך נאָך ביז יעצט ביי אים. ער ראָט די יידן: ווער עס קען נאָר — זאָל זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ און פּראָבירן אַנטלויפן אין די נאָענטע וועלדער.

יעצט האָט מען שוין געגלייבט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די טעג זענען געציילטע. מען האָט עפּעס געדאַרפט טאָן אום זיך פּרובירן צו ראַטעווען.

עס האָט דאָך נישט געקענט זיין, אַז אַלע זאָלן קענען אַנטלויפן אין די וועלדער. וועגן דעם האָט געקענט טראַכטן נאָר אַ טייל פון דער יוגנט. האָט מען אָנגעהויבן פיבערהאַפט אַרבעטן ביי שאַפן באַהעלטנישן און בונקערס אין די אָרעמע וווינונגען אין געטאָ. יעדער האָט עפּעס אַנדערש אויסגעטראַכט: מען האָט געגראָבן אונטער דער ערד, און דעם אַריינגאַנג פאַרמאַסקירט; מ׳האָט פאַרמויערט און פאַרמאַסקירט אַ צימער אין אַ וווינונג, און משפחות האָבן זיך געזאָלט דאָרט באַהאַלטן; מ׳האָט איבערגעצוימט דעם בוידעם פון הויז און דעם אַריינגאַנג פאַרמאַסקירט — און ווידער האָט מען זיך געפּרוווט נאָרן און האָפן.

מיין משפחה האָט נאָך עפּעס „קלוגערס" אויסגעטראַכט. ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט מיין ברודער אויפגעשטעלט אַ כעמישע פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון מיינע עלטערן אויסער דעם געטאָ. דער גאַנצער פאַרטער פון הויז איז געווען פאַרנומען און באַוווינט פון קריסטן (פּאָליאַקן), וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיטן אַנטשטיין פון געטאָ. אויפן שטאָק האָט זיך געפונען די פאַבריק. זייענדיק אַזוי־אַרום ביי זיך אינדערהיים האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די בעסטע באַהעלטעניש וועט זיין אין פאַבריק, ווייל זי איז אויסער דעם געטאָ. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ געהיים קעמערל, וואָס האָט באַדאַרפט אַריינגעמען די גאַנצע משפחה — מיין מוטער, שוועסטער און ברידער מיט זייערע קינדער, צוזאַמען 14 פּאַרשוין.

עס איז נישט געווען קיין משפחה וואָס האָט נישט געמאַכט קיין באַהאַלטעניש. מען האָט זיך געראָטן מיט די שכנים, מען האָט געהאָלפן איינער דעם צווייטן. עס איז נישט געווען קיין סוד צווישן די יידן. דער אַלגעמיינער אומגליק האָט אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט פון פאַראַט.

יעצט ווען איך טראַכט וועגן דעם, גלויבט זיך מיר נישט, אַז מיר זיינען געווען אַזוי נאַיוו און געגלויבט אַז עס זיינען פאַראַן באַהעלטנישן פון די מערדער. דער כוח פון לעבן איז זעט אויס אַזוי גרויס, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין לאָגיק. מיר האָבן בייגעוווינט דאָס פאַרכאַפּן פון אונדזערע מענער באַלד נאָכן אַריינקומען פון די מערדער, דאַמאָלס האָבן זיי פאַרכאַפּט נאָר די וואָס זיינען זיי געקומען אין די הענט אַריין, האָט מען זיך יעצט געפּרוווט נאַרן, אַז אויב די ערשטע מינוט וועלן זיי נישט אָנטרעפן אויף קיין קרבנות, וועט מען זיך, אפשר, אַזוי אַרום רעטן און ווייטער שלעפּן, מיט דער האָפענונג אַז עס דערנענטערט זיך די הילף. ווייל גלייכצייטיק מיט די פאַרצווייפלטע ידיעות בנוגע אונדזער גורל, זיינען אַלעמאָל דערנאָנגען דערפרייענדיקע ידיעות וועגן די מפלות פון די דייטשן אויף דעם פראָנט און וועגן אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונג וואָס די ענגליש־אַמעריקאַנישע עראָפּלאַנען פירן דורך אויפן גאַנצן שטח פון דייטשן רייך.

די לעצטע טעג זיינען זייער אומרואיקע. מען ברענגט אַלעמאָל ידיעות וועגן ליקווידאַציעס פון די יידישע געטאָס אין די שכנות׳דיקע שטעט און שטעטלעך. מען פּרוווט דערציילן לעגענדעס, אַז אונדזער געביטס־קאָמיסאַר איז געפּאָרן אונטערהאַנדלען ביי די העכערע אינסטאַנצן וועגן אָפּלייגן די ליקווידאַציע פון אונדזער געטאָ אויף 3 מאָנאַטן און אַז ער האָט, קלאָמערשט, אַזאַ פּראָלענגאַטע גע־

קריגן. מיר פאַרשטיין אַז דאָס איז נישט אמת. עס זיינען נישטאָ קיין שום סיבות צו גלויבן, אַז דער מערדער וואָלט פייאיק געווען עפּעס ענלעכעס פאַר יידן צו טאָן. דאָך זיינען פאַראַן איינצעלנע וואָס גלייבן אין דעם, למשל די גאַרבעריי אַרבעטער. ווירקלעך האָבן די אַרבעטער גע־האַט קליינע פּריווילעגיעס ביז יעצט. דאָס האָט באַ־וויזן, אַז זיי זיינען נויטיק די דייטשן. אויך די וואָס האָבן פאַרמיטעלט צווישן די אַרבעטער און די דייטשן האָבן גע־מיינט אַז זיי וועלן געשוינט ווערן. זייערע נאַאיווע טרוימען האָבן אפשר געבראַכט דאַצו, אַז זיי זיינען געווען די ער־שטע קרבנות.

עס איז אַ שבתדיקער פאַרמיטאָג. איך בין היינט נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט — מיט אַ טאָג פריער האָב איך דאַרויף געקריגן אַ דערלויבעניש פון אונזער אויפזער, דעם פוילישן אינזשיניער. ער האָט מיר אויך פאַרגעלייגט, אַז אין קריטישן מאָמענט זאָל איך מיט מיינע צוויי קינדער קומען צו אים אין הויז און ער וועט זיך באַמיען אונדז צו העלפן.

מיט אַ שנעלקייט פון אַ בליץ פאַרשפרייט זיך פּלוצ־לינג די ידיעה, אַז די געסטאַפּאָ איז דאָ. דאָס הייסט אַז אונדזער ריי איז שוין געקומען.

עס ווערט איבערגעריסן די ארבעט אין די אַרטעלן און קיינער באַמערקט דאָס נישט. די מענטשן אין געטאָ לויפן אַרום ווי פאַרסאַמטע. איך בין ביי מיין מוטער און באַראַט זיך מיט איר צי זאָל איך נישט אָננעמען דעם פאַר־שלאַג פון דעם אינזשיניער און זיך אַריבערקריגן מיט די קינדער צו אים. זי ראָט מיך נישט, זי קען אים פאַר אַ יידנפיינט און גלויבט אים נישט. מיר מאַכן אַ חשבון אַז דאָס קעמערל וואָס מיר האָבן צוגעגרייט איז צו קליין און עס איז נישט מעגלעך מיר זאָלן אַלע זיך אַהין אַריינ־שטופּן.

פּלוצלינג פאַלט מיר איין אַ נייער געדאַנק.

אין דער צייט וואָס די ראַטן־מאַכט איז ביי אונדז געווען, האָט מיין מאַן געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אייניקע סטאָלעריי־וואַרשטאַטן. דאָרט האָט אַלס סטאָלאַר געאַרבעט אַ פּאָליאַק, וויבעראַצקי. ער פלעגט דאַ־מאָלס אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער אַרבעט קומען צו אונדז, און מיין מאַן פלעגט אים יעדעס מאָל מכבד זיין מיט אַ ביסל בראָנפן (ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט דאַצו). ביז דאַמאָלס האָב איך דעם מענטש נישט געקענט און אפילו צופעליק נישט באַגעגנט. יעצט האָב איך געוווּסט, אַז ער וווינט אין אַ קליין הייזל הינטער דער שטאָט. אָט צו דעם פּאָליאַק האָב איך באַשלאָסן צו שיקן מיין זון — ער האָט געאַרבעט אין שטאָט אין אַ קריסטלעכן וואַר־שטאַט — און אים בעטן ער זאָל קומען צו מיר אין דער פאַבריק פון מיין ברודער — איך וויל מיט אים עפּעס רעדן.

דער מענטש האָט מיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און איז געקומען. איך האָב אים פאַרגעשטעלט אונדזער לאַגע, ער האָט געוווּסט אַז מיין מאַן איז שוין נישטאָ, און האָב אים געבעטן אַז אויב ער קען זאָל ער אונדז אויף אַפּאָר טאָג נעמען צו זיך — ווען דער שטורעם וועט אַי־בערגיין וועלן דאָך נאָך זיכער איבערבלייבן יידן אין געטאָ, וועלן מיר דאַן צוריק איבערגיין. ער האָט מיר גע־ענטפערט אַז ער פערזענלעך וויל מיטן גאַנצן האַרצן העלפן דער משפחה פון ה' בערגער (ער האָט זער געשעצט מיין מאַן), אָבער ער מוז דאָך פרעגן די פרוי צי זי איז מסכים. ער וועט אַ היים גיין און אויב די פרוי האָט נישט דאַקעגן, וועט זי קומען אונדז נעמען.

ער איז אַוועקגעגאַנגען. איך בין דערווייל אַראָפּ־געגאַנגען אין גאַס. ביים יודענראַט האָט זיך געקאַכט ווי אין אַ קעסל. מען האָט געבראַכט פון די נאָענטע וועל־דער די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט — עטלעכע הונדערט מענטשן — דאָס האָט מען זיי שוין צו דער שחיטה געבראַכט. אַ גרופּע יוגנט האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן בגנבה די געטאָ און זיך לאָזן לויפן אין די נאָענטע וועלדער. די פּאַניק איז געווען שרעקלעך.

איך בין צוריק אַריין אין דער פאַבריק וואַרטן אויף מיין אוסלייזערין. לאַנג האָב איך געוואַרט. דער זייגער איז שוין געווען 5 נאָכמיטאָג, איך האָב שוין געוואָלט פאַרלאָזן די פאַבריק און צוריקגיין אין געטאָ כדי זיך אָנהייבן צוגרייטן צום אַריינגאַנג אין אונדזער באַהעלטניש, וואָס איז געווען אין דער פאַבריק. עס קען דאָך נאָך שפּעט ווערן און אוממעגלעך זיין אַריבערצוגיין. אין דעם קומט אַריין אַ פרוי פון אַ יאָר 35, מיט זייער אַ סימפּאַטישן אויסזען. זי שטעלט זיך פאָר אַלס פרוי וויבעראַצקאַ. זי אַנטשולדיקט זיך פאַרן פאַרשפּעטיקן — זי איז נישט געווען אינדערהיים ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען און ער האָט נישט געוווּסט ווו זי צו זוכן. זי איז גרייט אונדז צו העלפן. מיר דאַרפן זיך שוין לאָזן גיין. היות איך

ווייס נישט גענוי ווי עס געפינט זיך זייער הייזל, און אויך די קינדער ווייסן נישט, מוזן מיר גיין מיט איר. פאַרשטייט זיך, אין אַ געוויסן מרחק, כדי עס זאָל קיינעם נישט איינפאַלן אַז מיר גייען מיט איר. אויך די קינדער דאַרפן נישט גיין מיט מיר, נאָר פון דערווייטן אַכטונג געבן וווהין זיי דאַרפן גיין.

איך בין שנעל אַוועק אין געטאָ זיך געזעגענען מיט מיין מוטער, שוועסטער און ברודער. מיר האָבן זיך געזעגנט, וויסנדיק אַז מיר זען זיך דאָס לעצטע מאָל. דער טויט האָט שוין פאַרשפּרייט זיינע פליגל אויף דעם יידישן געטאָ.

די פרוי וויבעראַצקאַ האָט געוואָרט אויף אונדז אין דער פאַבריק. קיין זאַכן האָבן מיר נישט גענומען מיט זיך כדי עס זאָל נישט זיין אויפפאַלענד. די פרוי וויבעראַצקאַ האָט זיך געזאָלט באַלד אומקערן און פאַרנעמען די זאַכן וואָס מיין ברודער וועט איר געבן.

לויטן אָפּגערעדטן פּלאַן, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין. דער וועג איז געווען אַ גענוג ווייטער. מיר זיינען געגאַנגען דורך אייניקע קריסטלעכע גאַסן און דאַן מיטן פרייען פעלד. ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אויפן הויף פון די וויבעראַצקיס וווינונג. ביי זייער הייזל איז געווען אַ הייזל פון דער פרוי וויבעראַצקאַס ברודער, אַן אוקראַינער (די מוטער פון דער פרוי וויבעראַצקאַ האָט געהאַט צוויי מענער: דער ערשטער איז געווען אַ פּאָליאַק, דער פרוי וויבעראַצקאַס פאָטער, און דער צווייטער איז געווען אַן אוקראַינער — דער פאָטער פון איר ברודער). אויף אונדזער גליק איז קיינער פון דעם שכנותדיקן הייזל נישט געווען אין הויף ווען מיר זיינען אָנגעקומען. מיר זיינען אומגעשטערט און אומבאַמערקט אַריין אין דער וווינונג.

דאָס קליינע הייזל איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיך. אַ קליינער פאָדערצימער, האָט אָפּגעטיילט דאָס צימער פון קיך. אין דער לענג פון פאָדערצימער איז געווען אָפּגעצוימט אַ קליין קעמערל, דאָס איז געווען דער אַרויפגאַנג אויפן בוידעם, מיט דער הילף פון אַ לייטער וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

אין אייניקע מינוטן נאָך אונדזער איבערטרעטן די שוועל פון דער וווינונג, האָבן מיר זיך שוין געפונען אויפן בוידעם. עס האָט נאָך געקענט אַריינקומען עמיץ פון די שכנים און אונדז באַמערקן, האָבן מיר דערפאַר זיך נישט געוואָלט פאַרהאַלטן אין צימער, איך האָב געבעטן די פרוי וויבעראַצקאַ זאָל צוריקגיין אין דער פאַבריק און פאַרנעמען אונדזערע זאַכן. ביז זי איז אַהין געקומען איז שוין די פאַבריק געווען געשלאָסן, און זי איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בערך אַ שעה נאָך אונדזער פאַרלאָזן דעם געטאָ, האָט מען אָנגעהויבן באַוואַכן די טויערן פון געטאָ. לויט ווי מיר האָבן אויסגערעכנט, האָט אונדזער משפּחה זיך שוין באַוויזן צו באַהאַלטן אין דער צוגעגרייטער באַהעלטעניש ביי דער פאַבריק.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אין אונדזער נייער אומדערוואַרטעטער וווינונג. אונדזערע בעלי־בתים האָבן געהאַט אַ פּאָר ציגן. פאַר זיי איז געווען צוגעגרייט אויף ווינטער אַ ביסל היי אויפן בוידעם. אָט דאָס היי איז געוואָרן אונדזער געלעגער.

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט. די שטילקייט ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון ביקסן־שיסעריי, און ווידער איז שטיל און רואיק. איך ליג אויף מיין נייעם געלעגער און קען נישט איינשלאָפן. איך טראַכט וועגן מיינע נאָענסטע מיט וועלכע איך האָב זיך היינט צעשיידט. וואָס טוען זיי יעצט ? האָב איך גוט געטאָן וואָס איך האָב מיטגענומען מיט זיךביידע קינדער ? ווער ווייסט ווער עס וועט איבערבלייבן ! אפשר וואָלט איך באַדאַרפט איין קינד לאָזן דאָרט מיט מיינע אייגענע ? אָבער וועגן דעם האָב נישט איך דעצידירט, וויל איך זיך באַרואיקן, דאָס האָבן די קינדער אַליין באַשלאָסן. זיי זיינען שוין גרויסע — י ע ק ב איז שוין 16 יאָר אַלט און ש מ ו א ל י ק — 13, די איבערלעבונגען האָבן זיי נאָך מער רייף געמאַכט. זיי טראַכטן ווי דערוואַקסענע מענטשן. זיי ווילן נישט מיר זאָלן זיך שיידן, וואָס עס וועט באַשערט זיין זאָל געשען מיט אונדז אַלע.

יעצט ווען איך טראַכט וועגן דעם, קלער איך ווי מיכונה דאַרפן אויסזען ביי מענטשן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען מיינע געדאַנקען וואָס איך האָב דאַמאָלס געהאַט — אַ מוטער וויל זיך שיידן מיט איינעם פון אירע צוויי קינדער אין אַזאַ מאָמענט ! נאָר די וואָס האָבן אויך דאָס זעלבע איבערגעלעבט וועלן דאָס פאַרשטיין.

איך טראַכט וועגן מיין מוטער, וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון בעט נאָך אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג. אפשר וואָלט געווען גלייכער זי זאָל געווען שטאַרבן פון

דער קרענק. ווער ווייסט צי דערוואַרט איר נישט אַ פּיל שרעקלעכער טויט? איך טראַכט וועגן מיין מאַן, וואָס איז אפשר גליקלעכער פון אונדז, ווייל ער האָט זיין טויט געפונען אומדערוואַרטעט און איז נישט דורכגעגאַנגען אונדזערע ליידן.

מיינע געדאַנקען ווערן אַלע מאָל איבערגעריסן דורך שיסערייען, וואָס ווערן אַלע מאָל עפּטער און האָבן זיכער געמיינזאַמס מיט אונדזערע ברידער.

אַזוי איז אַוועק די נאַכט. אין דער פרי דערציילט מיר די פרוי וויבעראַצקאַ אַז דאָס שיסעריי איז געווען אויף יידן וואָס האָבן די נאַכט פּראָבירט פאַרלאָזן דעם געטאָ.

דאָך האָבן זיך אין דער נאַכט ביי 200 יינגע מענטשן אַרויסגעגנבעט פון געטאָ דורך דער זייט פון טייך און האָבן זיך געלאָזט אין די נאָענסטע וועלדער אַריין. (פון דער גרופּע זיינען לעבנגעבליבן נאָר 5—6 פּערזאָן. די איבעריקע זיינען אָדער אויסגעשטאָרבן פון הונגער אין וואַלד, אָדער אַרויסגעגעבן און דערשאָסן געוואָרן דורך די אוקראַינער).

זונטיק איז שטיל געווען אין שטאָט. „ערלעכע קריסטן" היטן אָפּ דעם הייליקן טאָג און פאַרשווערכן אים נישט מיט קיין אַרבעט. פאַרנאַכט איז געקומען אַ באַפעל אַז מאָנטיק זאָל די גאַנצע „אַרישע" באַפעלקערונג קומען מיט לאָפּאַטעס צו דער אַרבעט — גראָבן דעם גרויסן קבר פאַר די קרבנות פון די נאַצישע מענטשן־פרעסער.

מיר האָבן געוווסט פון די אַלע צוגרייטונגען און דאָך נאָך געוואַרט אויף עפּעס אַ נס. אינטערעסאַנט אַז נישט נאָר מיר האָבן אויף אַ נס געוואַרט. אונדזער רעטערין, די פרוי וויבעראַצקאַ, וואָס איז אַן ערלעכער מענטש און צו־פעליק אויך באַשאַנקען מיט אַ רייכע פאַנטאַזיע, איז אַלע מאָל אַרויפגעקומען צו אונדז זיך טיילן מיט אירע באַאָבאַכטונגען: עס דרייען זיך עפּעס אַרום פיל עראָ־פּלאַנען. דאָס זיינען זיכער, נאָך איר מיינונג, ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע. זיי ווייסן זיכער וואָס דאָ גרייט זיך און עס איז ביי איר קיין ספק נישטאָ, אַז זיי וועלן צו דעם אומגליק נישט דערלאָזן.

אויך די דייטשן דרייען זיך עפּעס אַרום אַנדערע ווי געוויינלעך, זי איז איבערצייגט אַז עס וועט געשען אַ נס.

ליידער איז קיין שום נס נישט געשען. די נאַצישע חיות מיט דער ענערגישער מיטהילף פון די נישט ווייניקער מערדערישער אוקראַינישער מיליץ האָבן בשלמות אויסגעפירט זייער אַנגעצייכנטן פּלאַן. אויך די וועלט, וואָס אויף איר יושר און געוויסן האָבן אַזוי פיל געהאָפט און אין די הערצער געבעטן, האָט נישט קיין צי־טער געטאָן, זי האָט זיך רואיק צוגעקוקט און געשוויגן, בייזוויליק געשוויגן.

דינסטיק גאַנץ פרי האָט זיך אַנגעהויבן דער מאַסנ־מאָרד, וואָס קיין ענלעכן ווייסט נישט די געשיכטע פון אַלע דורות.

ביז מיין לעצטן אָטעם וועט מיר בלייבן אין זכרון דאָס קרעכצן פון די גרויסע לאַסט־אויטאָס באַרג אַרויף אויפן שאָסיי, נישט ווייט פון אונדזער באַהעלטניש, וואָס האָבן געפירט די קדושים צו דער שחיטה. און האָבן ווי געקלאָגט אויפן שרעקלעכן גורל פון די אומגליקלעכע.

די אַנגעלאָדענע אויטאָס האָבן שנעל אַראָפּגעוואָרפן זייער לאַסט און זיך ווידער שנעל אומגעקערט מיט פרישע קרבנות, נישט אויפהערנדיק יאָמערלעך צו קרעכצן.

וואָס טראַכטן יעצט די אומגליקלעכע? שרייען זיי צו גאָט, וואָס איז אַזוי גרויזאַם און קען דערלאָזן אַזעלכע רציחות? אָדער, אפשר, צו דער וועלט, וואָס זעט אַלץ און שווייגט אַזוי אוממענטשלעך?

דריי טעג האָט געדויערט דער מאָרד. דאַן איז שטיל געוואָרן. וואָס טוט זיך יעצט אין געטאָ? איז נאָך עמיץ לעבן געבליבן? לויט ווי עס דערציילט מיר אונדזער רעטערין, איז קיינער נישטאָ. אפשר זיינען נאָך פאַראַן מענטשן אין די באַהעלטנישן? די מערדער אַליין האָבן קיינעם נישט איבערגעלאָזט, ד. ה. אויך די „נוצלעכע יודן" זיינען נישט מער נוצלעך געווען.

עס זיינען אַוועק אייניקע טעג. די פרוי וויבעראַצקאַ ברענגט אונדז אַלעמאָל נייעס פון שטאָט. אין געטאָ באַלע־באַטעווען די אוקראַינער. מ'זוכט, מ'נישטערט אין די יידישע הייזער, מ'טיילט זיך מיט יידיש פאַרמעגן, וואָס די דייטשן האָבן שוין פאַר זיי געלאָזן. עס איז קלאָר אַז קיינער איז ביים לעבן נישט געבליבן.

איך טראַכט וועגן מיין משפחה. זיי זיינען דאָך באַ־האַלטן אויסער דער געטאָ, דאָרט האָט דאָך קיינער נישט געזוכט, זיי לעבן נאָך זיכער דערוויל.

און וואָס וועט זיין מיט אונדז? מיר זיינען געקומען

אַהער אויף אייניקע טעג, איך האָב אַליין אַזוי געבעטן, אָבער ווי די לאַגע זעט יעצט אויס האָבן מיר מער נישט וווהין צו גיין.

אונדזערע רעטער זיינען זער פאַרדאגה'ט. ס'זענען אַרויסגעהאַנגען באַקאַנטמאַכונגען, אַז יעדער קריסט וואָס וועט ביי זיך באַהאַלטן אַ ייד און וועט אַנטדעקט ווערן, וועט ער דער ערשטער (פאַרן ייד) דערשאָסן ווערן.

ס'איז אַוועק נאָך אייניקע טעג. מיר הערן אַז פון הינטן אין דער ווינונג קומען פאַר קריגערייען. מיר ווייזט אויס אַז מיר זיינען די סיבה דערפון. אויך די פרוי וויבראַצקאַ גיט מיר אַביסל אַנצוהערן אַז מיין פאַרשטעלונג איז נישט אינגאַנצן פאַלש.

איך בעט זי זיי זאָלן ביידע אַרויפקומען צו אונדז כדי מיר זאָלן זיך באַראָטן וואָס מיר זאָלן טאָן. זיי קומען אַרויף צווישן טאָג און נאַכט. איך זאָג זיי אַז מיר איז זער פיינלעך דאָס באַוווסטזיין, אַז מיר זענען זיי גורם צרות. זיי ווייסן דאָך גלייך מיט מיר, אַז מיר האָבן נישט געקענט פאַרויסזען, אַז עס וועט זיך שאַפן אַזאַ לאַגע אַז קיין ייד וועט נישט איבערבלייבן. איך בעט זיי, אַלס פרייע מענטשן, געפונען עפעס אַן אויסוועג. מיר שמועסן אַ לענגערע צייט און טראַכטן וועגן פאַרשידענע וועגן זיך אַריבערצוקריגן אין אַ דאָרף צו באַקאַנטע פויערן. אָבער אַלע וועגן זיינען אַ זיכערער טויט אין יעצטיקן מאָמענט.

זיי גייען אַוועק מיט דעם אַז זיי וועלן נאָך טראַכטן.

צומאָרגענס זאָגט מיר די פרוי וויבראַצקאַ, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אַז דערווייל זאָלן מיר בלייבן אויפן אָרט. זיי וועלן אונדז אויף גאַנץ הפקר נישט אַרויסלאָזן. אפשר וועט זיך מאַכן עפעס אַ געלעגנהייט מיר זאָלן זיך קענען ערגעץ אַריבערקריגן אָן דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מערדער. דערווייל ווען די זוכונגען זיינען נאָך אין גאַנג זאָלן מיר דאָ איבערבלייבן. זיי האָפן אַז אויף זיי איז קיין שום חשד נישט פאַראַנען, און מ'וועט צו זיי נישט קומען זוכן.

מיר זיינען געריִרט פון זייערע הויך־מענטשלעכע געפילן, וועלכע זער ווייניקע באַזיצן.

די פרוי וויבראַצקאַ דינט אונדז ווי אַ געטרייע מוטער. עס איז נישט לייכט צו באַדינען 3 מענטשן וואָס זיינען צוגעשמידט צו דעם אָרט און טאָרן נישט טאָן קיין איין טריט, ווייל זיי קענען נאָך דורך עמיצן באַמערקט ווערן.

דריי מאָל אין טאָג ברענגט זי אונדז אַרויף עסן. ווען האָבן מיר נאָר איין מאָל איבערצובייטן, (ווי איך האָב שוין דערמאָנט האָט די פרוי וויבראַצקאַ אונדזערע זאַכן נישט געבראַכט), זי מוז דעריבער אַלע מאָל וואַשן פאַר אונדז. זי ברענגט אונדז אויך וואַסער זיך אַביסל צו וואַשן, און נאָך פיל אַרבעטן, וואָס נאָר אַ מוטער טוט עס גערן.

עס גייען לאַנגזאַם די טעג. די קינדער אַנטדעקן עפעס אַן אוצר אויפן בוידעם — אַ קאַסטן מיט אַלטע בלעטער, זשורנאַלן, ביכער אַן אַן אַנהייב און אַ סוף, אייניקע אויך גאַנצע, די ביבל, אַ קאָך־בוך. מיט איין וואָרט — אַ אמת'ער אוצר.

מיר דערפרייען זיך שטאַרק דאָמיט. עס איז שוין דאָ מיט וואָס די צייט צו פאַרברענגען.

אונדזערע באַוועגונגען דאַרפן זיין זייער פאָרזיכ־טיקע. מיר הערן כמעט אַלץ וואָס עס קומט פאַר אונטן אין דער ווינונג, אויך דאָרט הערט מען יעדן גערויש פון אויבן.

דער ברודער, די שוועגערן ווי אויך די אַלטע מוטער פון דער פרוי וויבראַצקאַ — פון דעם שכנות'דיקן הייזל — דרייען זיך אַ גאַנצן טאָג אַריין און אַרויס צו די וויבראַצקיס. ווען עס פאַלט, חלילה, עמיצן פון זיי איין אַרויפגיין אַ פאָר שטאַפל פון לייטער, וואָלטן מיר באַלד אַנטדעקט געוואָרן, אַזוי אָפן איז דער בוידעם פון הייזל. ווען מיר הערן טריט אין קעמערל ווערן מיר פאַר־גליווערט.

די פרוי וויבראַצקאַ אַרבעט יעצט אַלס קעכין ביים געביטס־קאָמיסאַר. זי אַרבעט נאָר ביז מיטאָג. ווען זי גייט אַוועק, איז אַמייסטן דאָס הייזל פאַרשלאָסן. וויִ־בעראַצקי אַרבעט אין שטאָט און קומט ערשט ביי נאַכט פון דער אַרבעט. דער איינציקער זון זייערער, דער 11־יעריקער וו ל אַ ד ע ק, איז אָפט דער איינציקער היטער אונדזערער. עס איז צו באַוווּנדערן ווי פאַרשטענדיק און ערנסט דאָס קינד איז. ווען די עלטערן זיינען נישטאָ אין דער היים, באַמיט ער זיך צו האַלטן דאָס הייזל פאַר־שלאָסן. ער גייט אַוועק פאַשען די ציגן אָדער ער גייט אַוועק צו חברים.

אין די צייטן ווען די פרוי וויבראַצקאַ איז דאָ אינ־דערהיים פאַרנעמט זי זיך אַ ביסל מיט שניידעריי. עס קומען צו איר אויך דייטשן, וואָס ברענגען איר וועש צו

נייען און אויך צו פֿאַרריכטן. ווען מיר דערהערן די פֿאַרהאַסטע שפּראַך ווערן מיר פֿאַרציטערט, און באַרואיקן זיך ערשט דאַמאָלס ווען מיר הערן שוין דעם גאַסט אַוועקגיין.

עס דערנענטערט זיך דער ווינטער. מיר זיינען זייער לייכט אָנגעטאָן. דאָס היי וואָס איז געווען אויפֿן בוידעם ווען מיר זיינען אָנגעקומען, איז שוין כמעט אויסגענוצט פֿאַר די ציגן. דער בוידעם איז נאָך מער אָפֿן און ליכטיקער געוואָרן און דראָט מיט געפֿאַר.

דער ה׳ וויבעראַצקי קלויבט זיך אָפּצוימען אַ טייל פֿון בוידעם און מאַכן פֿאַר אונדז אַ קעמערל, וואָס וועט אונדז אויך אין אַ געוויסער מאָס שיצן פֿון קעלט, אָבער דאָס קלייבן זיך געדויערט לאַנג — ער מוז ערשט קריגן די נויטיקע ברעטער עס זאָל זיין פֿון וואָס צו מאַכן.

ענדלעך צו די ניי־יאָר יום־טובים האָבן מיר זיך אַריינגעקליבן אין דער נייער „וווינונג״. דאָס איז געווען אַ קעמערל בערך $1\frac{1}{2}$ מעטער די ברייט, די לענג איז געווען די גאַנצע ברייט פֿון דעם הייזל. ווען מ׳איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן בוידעם אָן אַ חשד אָדער אָן אַ צוועק צו מאַכן אַ רעוויזיע, האָט מען גאָר נישט געקענט באַמערקן. אָבער דורכגיין אַ רעוויזיע — איז אַ גרויסער ספֿק: מיר האָט זיך געדאַכט אַז דער בוידעם זעט אויס אויפֿפֿאַלענד קליין, אַז די ברעטער פֿון וועלכע עס איז באַשטאַנען דאָס ווענטל זיינען פֿאַרשידענע — נייע און אַלטע. מיט איין וואָרט, אונדזער באַהעלטניש איז זער גוט אויב עס וועלן נישט זיין קיין רעוויזיעס.

צוליב זיכערקייט־טעמים איז אויסגעקומען דאָס קעמערל צו מאַכן אין צפֿון זייט פֿון בוידעם. די זון איז דאָרט קיינמאָל נישטאָ. דורך די שיטערע שפּאַרעס צווישן די ברעטער הוליעט דער ווינט און עס וויעט דער שניי. קיין פֿענסטער איז אין דער זייט נישטאָ און אינעווייניק איז כמעט אינגאַנצן פֿינסטער.

די פֿרוי וויבעראַצקאַ האָט אונדז אַרויפֿגעבראַכט 2 קישן און איין איבערבעט. דאָס ביסל היי וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן, האָבן מיר אויסגעשפּרייט אויף די ברעטער און איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך. בכדי די פֿעריגע זאָל אונדז אַלעמען קענען דינען, האָבן מיר זי געלייגט אין דער ברייט. חוץ דעם האָבן מיר נאָך געקריגן 3 קאָצן — יעדן איינעם אַ קאָץ. אַזוי האָבן מיר בעגעגענט דעם ווינטער.

די פֿרעסט זיינען שרעקלעכע. יעדער נאַכט ווערן מיר פֿאַרשיט מיט שניי וואָס דרינגט אַריין דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער. עס איז נישט צו פֿאַרשטיין, ווי קען דורך אַזעלכע שמאָלע שפּאַרעס אַריינדרינגען אַזוי פֿיל שניי. מיר באַמיען זיך צו פֿאַרשטאָפּן די שפּאַרעס מיט שמאַטקעס וואָס מיר זוכן צענויף אויף דער צווייטער זייט בוידעם. דער עיקר מאַכן מיר דאָס צוקאָפּנס — צופֿיסנס האָבן מיר דאָך די פֿעריגע. אונדזער גליק איז וואָס דער דאַך פֿון הייזל איז אַ שטרויענער. ווען ער וואָלט געווען פֿון בלעך וואָלטן מיר פֿאַרפֿרוירן געוואָרן.

דאָס טיילווייזיקע פֿאַרשטאָפּן די שפּאַרעס, שאַפֿט כמעט אַ פֿאַלקאָמענע פֿינסטערקייט און נעמט צו די מעגלעכקייט צו לייענען, אָבער ביסלעכווייז געוווינען מיר זיך צו, און אין די פֿרימאָרגן־שעהן ווען דאָס ליכט אין שטאַרקער — נעמען מיר זיך ווידער צו אונדזער „ביבליאָטעק״, וואָס מיר האָבן אין דער צווייטער זייט. ווען אין הייזל איז שטיל, ד.ה. עס איז קיינער נישטאָ און עס איז פֿאַרשלאָסן, גייט עמיץ פֿון אונדז אַריבער צו ברענגען עפּעס פֿון דער „ביבליאָטעק״. דער אַריינגאַנג צו אונדז אין קעמערל איז דורך אַן אויסשניט אין אַ ברעט, וואָס די לענג איז בערך 70 סאַנטימעטער און די ברייט בערך 35. דאָס טירל פֿאַרמאַכט זיך נאָר אינעווייניק. אין דער זייט פֿון בוידעם איז עס פֿאַרמאַסקירט אַז מ׳באַמערקט דאָס נישט. איך גיי זער לייכט אַדורך דורך דעם טירל. אין משך פֿון די פֿאַר מאַנאַטן האָב איך פֿיל אָפּגענומען, און האָב זיך צו דעם קליינעם טירעלע צוגעפּאַסט. די קינדער — איז קיין רייד נישט.

די פֿרוי וויבעראַצקאַ ברענגט אונדז דערפֿרייענדיקע ידיעות: די לאַגע פֿון די דייטשן אויפֿן פֿראָנט איז זער שלעכט; מ׳שמועסט און מ׳האָפֿט אַז עס איז נאָענט זייער סוף. אַזעלכע ידיעות, וואָס זיינען ווייניק באַגרינדעט, ברענגען אַריין אַ מונטערקייט אין אונדזערע דערשלאָגענע הערצער. מיר הייבן אָן טרוימען פֿון נקמה אין די מערדער. מיר טראַכטן וועגן אונדזערע נאָענטע, אַז עס איז מעגלעך אַז זיי לעבן אויך ערגעץ אין זייער באַהעלטניש. מסתמא האָבן זיי זיך פֿאַרשטענדיקט מיט זייערע שכנים, די פּאָליאַקן, און זיי באַקומען פֿון זיי הילף.

איך טראַכט ווי אַזוי וועל איך קענען באַלוינען

אונדזערע רעטער, וואָס שטעלן איין זייער לעבן צוליב אונדז. דורכן געדאַנק לויפן דורך פאַרשידענע פּלענער און טרוימען — די טרוימען איז דאָך דאָס איינציקע וואָס מיר קענען זיך דערלויבן.

אויך אונדזערע רעטערין פעלט נישט קיין פאַנטאַזיע. זי שטעלט זיך פאָר, אַז נישט נאָר די ייִדן פון דער גאַרער וועלט וועלן זיך אינטערעסירן מיט די מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל מוט און מענטשן־ליבע, נאָר אויך די יושרדיקע, דעמאָקראַטישע מלוכות וועלן, מסתמא, באַשטימען באַלוינונגען פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס זייער צאָל איז זיכער נישט זער גרויס.

אָט די טרוימען מאַכן לייכטער איבערצוטראָגן די ליידן, קעלט, אומריינקייט און מאָראַלישע געפאַלנקייט.

עס איז אַ קאַלטער פרימאָרגן. מיר ליגן שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע אין אונדזערע געדאַנקען. פּלוצלינג הערן מיר ווי אין דער וווינונג פון אונטן איז עפּעס אַ מאָדנע באַוועגונג און דאָביי הערט מען דייטש. עס גיט אַ קלאַפּ אין האַרצן, אָבער באַלד באַמיען מיר זיך צו באַרואיקן: מסתמא איינער פון די קליענטן פון דער פרוי וויבעראַצקאַ, וואָס נייט עפּעס ביי איר. עס דויערט אַ היפּשע ווײַלע, דאַן הערן מיר ווי עס עפנט זיך די טיר פון קעמערל, וואָס פירט אויפן בוידעם, און באַלד נאָך דעם — דאָס געשפּרעך אויף דייטש מיט וויבעראַצקין (ער האָט געדעדט דייטש) נאָענט נעבן אונדז. מיר פאַרהאַלטן דעם אָטעם און רירן זיך נישט פון אָרט. מיר הערן ווי דער דייטש שלעפּט אַרויס אַלץ פון די קאַסטנס, וואָס שטייען אויפן בוידעם. ער קוקט אַריין אין יעדן ווינקל און באַמערקט אַ זאַק מיט עפּעס אָנגעשטאָפּט און אַרייַנגעשטופּט אין אַ לאָך וואָס פירט אין אונדזער קעמערל, וואָס צוליב נאַכלעסיקייט איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן. ער פרעגט וויבעראַצקין וואָס איז פאַראַן אין דעם זאַק. מיר הערן ווי עס ציטערט דאָס קול ביי ה׳ וויבעראַצקי, און ער ענטפערט אַז ער קען זיך נישט דערמאָנען. דער דייטש שלעפּט אַרויס דעם זאַק, וואַרפט אַרויס וואָס דאָרט איז פאַראַן — ים־גראַז, איבערצייגט זיך אַז עס איז נישטאָ דאָס וואָס ער זוכט און לאָזט זיך אַראָפּגיין פון בוידעם, נישט באַמערקנדיק דעם לאָך וואָס דער זאַק האָט פאַרשטעקט.

דאָס איז געווען אַ נס. ווי אַזוי איז עס געשען אַז ער האָט נישט באַמערקט דעם לאָך, וואָס איז געבליבן נאָכן אַרויסשלעפּן דעם זאַק?

די דייטשן זיינען אַוועק. עס זיינען באַלד אַרויפגעקומען די וויבעראַצקיס. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז דאָס איז געווען אַ רעוויזיע פון דער זשאַנדאַרמעריע, וואָס איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו זוכן ביי אַלע שכנים אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גנבה וואָס איז פאָרגעקומען ביי אַ דייטש. דער נס וואָס מיר זיינען נישט באַמערקט געוואָרן דורכן זשאַנדאַרם נאָכדעם ווי ער האָט געעפנט דעם לאָך אין אונדזער קעמערל איז אַ סימן, נאָך זייער מיינונג, אַז אונדז וועט שוין קיין שלעכטס נישט געשען.

מיר קענען זיך נישט באַרואיקן. עס דאַכט זיך אונדז אַז עס איז געווען אַ חלום, נישט אַז ס׳איז ווירקלעך דער נס געשען. איך בין גליקלעך נישט אַזוי צוליב דעם וואָס מיר זיינען ניצל געוואָרן בדרך נס, נאָר דער עיקר צוליב דעם וואָס עס זיינען ניצל געוואָרן אונדזערע רעטער, וואָס וואָלטן געפאַלן די ערשטע קרבנות פאַר זייער מענטשלעכקייט.

עס שלעפּט זיך לאַנגזאַם דער ווינטער מיט שנייען און ווינטן. עס נעמט נישט קיין סוף צו די שטאַרקע פרעסט. מיר זיינען זיך אַליין נמאס פאַר אונדזער אומבאַהאָלפנקייט און שמוציקייט. איך באַמי זיך אויפמונטערן די קינדער, אַז די הילף איז שוין נישט ווייט און אונדזערע ליידן וועלן שוין לאַנג נישט דויערן.

די וויבעראַצקיס ברענגען ידיעות, אַז אין די דערפער האָבן זיך געשאַפן באַנדעס פון אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן אונטער דער אָנפירונג פון איינעם בענדעראַ, וואָס פירן דורך אָנפאַלן אויף קליינע גרופּעס דייטשן, און אין עטלעכע דערפער זיינען זיי אַריין באַנאַכט אין די פּויליש הייזער און אויסגעמאָרדעט אויף אַ באַרבאַרישן אופן גאַנצע משפחות.

די דרייסטקייט פון די אוקראַינער ווערט דורך אונדז אויך אויסגעטייטשט ווי אַ סימן פון דער ביסערער לאַגע פון די דייטשן אויפן פראָנט — די אוקראַינער ווילן צום סוף פון דער מלחמה לאָזן הערן וועגן זיך. אויך זיי האָבן מיט די דייטשן געקעמפט און עס קומט זיי אויך דערפאַר צו באַצאָלן.

אויך דאָס רעאַגירן פון די דייטשן אויף די אָנפאַלן, וואָס קאָסטן זיי שוין פיל קרבנות, איז אַנדערש ווי פריער.

זיי מאַכן פון צייט צו צייט רעוויזיעס אין די דערפער, פאַרשיקן אַ פּאָר פויערן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער נישט אַזוי האָבן זיי רעאַגירט אין אָנהויב פון קריג אויף דעם קלענסטן חשד פון סאַבאָטאַזש.

ענדלעך ענדיקט זיך דער ווינטער. עס האָבן אויפגעהערט די פרעסט. פון די צעגאַנגענע שנייען פליסן מיט רעש די וואַסערן אין די טאָלן. מיר קענען זיך שוין פריי באַוועגן אין אונדזער פינסטערער נאָרע. לכבוד דעם ליבן פרילינג האָבן אונדזערע רעטער באַשלאָסן צו שאַפן אונדז אַ ביסל פרייד און מאַכן ליכטיק אין אונדזער קעמערל.

איינמאָל אין אַ זונטיקדיקן טאָג, ווען דער ה׳ וויבעראַצקי איז דאָ אין דער היים, הערן מיר ווי ער קלעטערט אויף אַ לייטער אויפן גאַס אין אונדזער זייט, און אין משך פון אַ פּאָר מינוט איז אויסגעשניטן אין איינעם פון די ברעטער פון אונדזער קעמרל, כמעט ביים שפּיץ פון דאַך, אַ לאָך אין דער פאָרם פון צוויי דרייעקן. אין קעמערל ווערט מיט אַמאָל אַזוי ליכטיק, אַז מיר דערשרעקן זיך די ערשטע מינוט פאַר דער ליכטיקייט.

מיר וואַשן זיך אַביסל און דערפרישן זיך אויף וויפל עס איז מעגלעך אין אונדזער לאַגע. מיר נעמען זיך ווידער צו אונדזער „ליטעראַטור״. איך בעט די פרוי וויבעראַצקי זי זאָל מיר געבן עפּעס אַרבעט, און זי געפינט פאַר מיר יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש — נייען, שטריקן, פאַרריכטן. איך בין זער צופרידן פון דער אַרבעט. ערשטנס ווייזט זיך מיר אויס אַז איך העלף איר דאָמיט, און צווייטנס האָב איך מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן.

וואָס ווייטער שטאַרקן זיך אַלץ די אוקראַיִנישע באַנדעס. די אָנפאַלן אויף די פּאָליאַקן אין די דערפער נעמען אָן אַ כאַראַקטער פון אַ אָרגאַניזירטער פולקאָמענער אויסראָטונגס־אַקציע. ווי עס זעט אויס ווילן זיי נישט איבערלאָזן קיין איין פּאָליאַק. אין דערפער וווּ פּאָליאַקן זיינען נאָך געבליבן ביים לעבן לויפן זיי אין שטאָט אַריין, וווּ זיי קריגן שוץ ביי די דייטשן.

יעצט ווען עס איז געבראַכן דער צוטרוי צו די אוקראַיִנער, שאַפן די דייטשן מיליץ פון דער פּוילישער יוגנט. פיל פּאָליאַקן גייען פרייוויליק מיט דעם ווילן צו נעמען נקמה אין די אוקראַיִנער פאַר זייערע ברידער, וועלכע זיינען דורך זיי מאַסנווייז אויסגעשאָכטן געוואָרן.

עס ערשיינען פלוצלינג באַקאַנטמאַכונגען אין גאַס וועלכע אַ אומבאַקאַנטע האַנט האָט אויפגעהאָנגען. אין דער באַקאַנטמאַכונג ווערט מיטגעטיילט, אַז די נאַכט וועט די „נאַציאָנאַלע אוקראַיִנישע אַרמיי״ באַפאַלן די שטאָט.

די צאָל פון דייטשן אין שטאָט איז זייער קליין. די ידיעה וועגן איבערפאַלן די שטאָט האָבן זיי אָנגענומען גאַנץ ערנסט און זיך פאַרבאַריקאַדירט אַלע צוזאַמען אין איין הויז, וואָס האָט געפּאַסט דאַצו.

די באַנדע איז טאַקע די נאַכט געקומען. די גאַנצע אימפּרעזע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם געסל וווּ מיר האָבן זיך געפונען. ליגנדיק אויפן בוידעם, הערן מיר דאָס פייפן פון די קוילן איבער אונדזערע קעפּ. אין משך פון אַ פּאָר שעה האָט נישט אויפגעהערט דאָס שיסן, דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ סיגנאַל, און זיי האָבן שנעל פאַרלאָזט די שטאָט.

אין דער פרי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען די גאַנצע אוקראַיִנישע מיליץ מיטן געווער וואָס זיי האָבן געהאַט. מיט דער הילף פון אָט דער מיליץ, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין די געווער מאַגאַזינען און זיי אויסגעליידיקט.

מיר האָבן געמיינט אַז נאָך דעם פאַל וועט קומען מיליטער אין שטאָט אַריין און עס וועט עפּעס געטאָן ווערן אין צוזאַמנהאַנג דאָמיט. אָבער עס איז נישט געווען אַזוי. צומאָרגנס נאָך דעם איבערפאַל האָבן די דייטשן גענומען מאַכן דראָטפאַרצוימונגען וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס פערטל וווּ זיי האָבן געוווינט, צווישן דעם אויך אונדזער הייזל.

די אַרבעט ביי די שוץ־דראָטן האָט געדויערט עטלעכע טעג. מיר באַטראַכטן דורך דעם קליינעם פענסטערל די געשאַפענע שוץ־ליניע, וואָס איז שוין פאַרענדיקט, פלוצלינג הערן מיר ווי וויבעראַצקי קומט אָן פון ערגעץ און רעדט מיט עפּעס אַ דייטש (דאָס איז געווען דער געביטס־קאָמיסאַר). זיי דערנענטערן זיך צום הייזל און באַטראַכטן די דראָטן.

דער דייטש באַטראַכט דאָס הייזל, באַמערקט דעם אויסשניט פון בוידעם (אונדזער פענסטערל) און זאָגט צו וויבעראַצקין: „דאָס איז אַ גוטער קוק־לאָך, פון דאָ קאָן מען זען די אָנקומענדיקע באַנדעס״. מיר ווערן פאַרגלי־

ווערס. ער וועט, מסתמא, וועלן ארויפגיין אויפן בוידעם און זען ווי ווייט מ׳קען זען דורך דעם „קוק־לאך״. מיר זיינען דאן אלע פארלוירן! אין דעם הערן מיר ווי דער קליינער וולאדעק פארשליסט די טיר און לויפט אוועק, און וויבעראצקי זאגט צום דייטש: „אך, דאס ווילדע יינגל, ער איז אוועק מיט׳ן שליסל פון שטוב און יעצט קען איך נישט אריינגיין״.

זיי דרייען זיך נאך ארום אביסל אין הויף און דאן גייט דער דייטש אוועק.

פון דעם טאג אן האט דאס פענסטערל אין אונדזער באהעלטניש אוועקגערוקט אויף א לאנגע צייט ביי אונדז דאס לעצטע ביסל רו. יעדעס מאל ווען מיר האבן געהערט די פארהאסטע שפראך, האט זיך אונדז געדאכט, אז דאס גייט מען באטראכטן דעם וויכטיקן בעאבאכ־טונגס־פלאץ — דאס פענסטערל פון אונדזער בא־העלטניש.

דער פרילינג איז געקומען מיט זיין גאנצער פראכט. ביים שפיץ פון דאך האבן זיך פייגעלעך זייער נעסט געבויט — פונקט קעגן אונדזער צוקאפנס. מיר באטראכטן זייער מיזאמע ארבעט. זיי מסתמא, זען אונדז נישט, אדער זיי ווייסן אז מיר וועלן זיי נישט שטערן. זיי זענען זי־כערער פון אונדז, און דערפאר רואיק.

קעגנאיבער אונדזער הייזל וווינט א גערטנער משפחה. זיי זיינען פאליאקן. יעצט טיילט אפ די הייזלעך די דראט־פארצוימונג. יעדן פרימארגן ארבעטן די פרויען אין גארטן. אויך די פרוי וויבעראצקא האט א קליינעם שטח ערד, וואס זי באארבעט. די פרויען טיילן זיך מיט די נייעס וואס זיי האבן געהערט. מיר הערן זייערע שמועסן. זיי זיינען פול מיט דאגות וועגן דעם וואס דער מארגן וועט ברענגען. די אוקראאינישע באנדעס ווערן אלע מאל דרייס־טער און צאלרייכער. די צאל דייטשן אין שטאט איז קליין. אין די דערפער און אין דער גאנצער געגנט איז שוין לאנג קיין זכר פון קיין דייטשן נישט פאראן. האלטן עטלעכע דייטשן אין די דערפער — זיינען זיי אויסגע־שטעלט אויף א זיכערן טויט, און האלטן א גרויסע צאל — קענען זיי זיך נישט דערלויבן. האבן זיי זיך קאנצענטרירט אין די שטעט. די רעוויזיעס און שטראפן, וואס זיי פירן אויס פון צייט צו צייט אין די דערפער, קומען פאר נאר בייטאג דורך מיליטער־גרופעס, וואס ווערן צוליב דעם ספעציעל געבערענגט, אבער דאס געשעט זעלטן. ווי עס זעט אויס איז דאס יעצט ביי זיי קלייניקייטן, מיט וועלכע עס איז נישט כדאי זיך צו פארנעמען — זיי האבן גרעסערע דאגות.

די פאליאקן לעבן אין שרעק. עס איז כמעט נישטא ווער עס זאל ווארפן א שרעק אויף די באנדעס, און עס קומט אויס אז אויך אין שטאט איז דאס לעבן פון די פא־ליאקן נישט זיכער.

די וויבעראצקיס האבן זיך פארנומען מיט בויען א בונקער פאר זייער משפחה אין פאל ווען די באנדע וועט זיך ארייננרייסן אין שטאט. עס איז פארארדנט אויסנאמס־צושטאנד — פון פארנאכט ווען עס ווערט טונקל ביז עס ווערט ליכטיק דארף זיך קיין ציווילער מענטש נישט געפינען אין גאס. אויב ס׳געפינט זיך עמעצער דראט אים טויט־שטראף.

די פרוי וויבעראצקא ברענגט אונדז ידיעות וואס גייען ארום צווישן דער באפעלקערונג. ווען די שמועות זאלן אמת זיין וואלט אונדזער באפרייונג געווען א פראגע פון טעג. דאך גלויבן מיר, אז אין די לעגענדעס איז פאראן א גרויסער פראצענט אמת, און עס איז נישט ווייט דער טאג פון די מערדערס מפלה.

מיר זיינען אויסגעשעפט פיזיש און גייסטיק. ווען נישט די האפנונגען, וואס דערפרישן אביסל אונדזערע הערצער, וואלט נישט מעגלעך געווען ווייטער זיך צו האלטן.

אויך אונדזערע רעטער האלטן זיך אדאנק דער האפנונג. מענטשן־ליבע און געדולד האבן דאך אויך א גרענעץ. עס מוז דאך אמאל נעמען א סוף צו דער שווערער לאגע.

כדי זיך אביסל צו פארגעסן און אויך אפווענדן יעדן חשד אז עפעס איז אפשר ביי זיי נישט אין ארדנונג, האבן די וויבעראצקיס אנגעהויבן איינארדנען אפטע אויפנאמעס ביי זיך אין די אוונטן.

נישט ווייניק פלעגט געטרונקען ווערן ביז שפעט אין דערנאכט. (די געסט פלעגן שוין אויך נעכטיקן ביי זיי). אפט פלעגן אויך אויסברעכן סקאנדאלן. אין אזעלכע נעכט פלעגן מיר ציטערן עס זאל נישט בעת שיכרות ארויסגע־דעקט ווערן דער סוד. איך האב עס אויך אמאל געזאגט וויבעראצקין. האט ער מיך בארואיקט און געזאגט, אז בנוגע „דעם״ סוד איז ער קיין מאל נישט שיכור.

איינמאָל איז ה׳ וויבעראַצקי אַהיים געקומען שיכור פון עפּעס אַן אונטערהאַלט. דאָרט זאָל ער זיך האָבן דורך שיכרות אויסגעדריקט, אַז ער פּייפט אויף די דייטשן און אַז ביי אים אין דערהיים האָט ער באַהאַלטן געווער און אויך צוויי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן (דאָס איז אויך דאַמאָלס געווען פאַרבאָטן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג).

איינער פון די אַנוועזנדיקע האָט דאָס דערטראָגן די דייטשן. צומאָרגנס איז די ס.ס. געקומען אויף אַ רעוויזיע, זוכן דאָס געווער, וואָס לויט זיינע אייגענע רייד האָט ער באַהאַלטן.

אינדערהיים איז געווען נאָר די פרוי וויבעראַצקאַ. מיר האָבן געהערט די קולות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון היגנטן — פון דער וווינונג. די זוכערס האָבן געפאָדערט די פרוי זאָל זיי ווייזן ווו עס איז באַהאַלטן דאָס געווער. זי האָט געטענה׳ט, אַז זי ווייסט נישט פון קיין שום געווער, זיי האָבן קיין מאָל קיין געווער נישט געהאַט.

די ס.ס.־לייט האָבן איבערגעקערט די וווינונג, געקלאַפּט אין די ווענט צו זיינען זיי נישט קיין טאָפּלטע, געגראָבן אין קעלער און געפונען דעם בונקער וואָס די וויבעראַצקיס האָבן געמאַכט פאַר זיך צו באַהאַלטן קעגן די בענדעראָוועצעס. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז יעצט איז געקומען די ענדע. מיר האָבן זיך שטילערהייט אַנגעטאָן, זיי זאָלן אונדז נישט שלעפּן באָרוועסע איבער די גאַסן, און געוואַרט.

אָט הערן מיר ווי עס עפענט זיך די טיר פון קעמערל, וואָס פירט אויפן בוידעם. מיר הערן ווי זיי רוקן אָפּ דעם לייטער פון אָרט און קלאַפּן עפּעס דאָרט. דאַן הערן מיר ווי זיי גייען אַרויס פון קעמערל. מיט אַן אָנזאָג, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל קומען, פאַרלאָזן זיי דאָס הויז. זיי זענען אויפן בוידעם נישט אַרויפגעגאַנגען.

דער נס איז פיל גרעסער ווי דער ערשטער. אויב ביי דער רעוויזיע פון דער זשאַנדאַרמעריע איז נאָך מעגלעך געווען מיר זאָלן נישט אַנטדעקט ווערן, איז דאָס ביי די ס.ס.־לייט געווען פולשטענדיק זיכער. זיי זאָלן נאָר געווען אַרויפקומען אויפן בוידעם, וואָלטן זיי אונדז באַלד געפונען.

מיר הערן ווי זיי גייען אַוועק און גלייבן נישט אונדזערע אייגענע אויערן. ווי איז עס מעגלעך — איבערקערן דאָס גאַנצע הויז און נישט געדענקען אַז עס איז פאַראַן אַ בוידעם?

די פרוי וויבעראַצקאַ וואַרט נאָך אָפּ אַ שטיקל צייט און דאַן קומט זי אַרויף צו אונדז. זי איז זער אויפגערעגט פון זייער ברוטאַלער באַנעמונג. דער נס וואָס זיי זיינען נישט אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם איז טאַקע נישט צו באַגרייפן, אָבער זי האָט מורא אַז זיי וועלן קומען נאָכאַמאָל.

עס קומט פון דער אַרבעט דער ה׳ וויבעראַצקי. ער ווייסט שוין וועגן דער רעוויזיע — דער קליינער וולאָדעק איז שוין געווען ביי אים אין אַרטעל און אים דערציילט וועגן אַלעמען.

די שטימונג איז אַ שרעקלעכע — עס איז כמעט זיכער אַז זיי וועלן קומען זוכן נאָכאַמאָל, מ׳מוז באַטראַכטן עפּעס אַן עצה. קודם ווערט באַשלאָסן אַז דערווייל דאַרף מען זיך בייטאָג נישט געפינען אינדערהיים, (רעוויזיעס פירן די דייטשן דורך נאָר בייטאָג), דעם גאַנצן טאָג זאָל די וווינונג זיין פאַרשלאָסן און ערשט אין אָוונט זאָל מען זיך צוזאַמענקומען אַ היים.

עס ווערט איינגעפירט אַזאַ אָרדנונג: די פרוי וויבעראַצקאַ שטייט אויף אין מיטן דער נאַכט און קאָכט עפּעס אַ געקעכטס וואָס זאָל זיין דער מיטאָג. עס איז נאָך פינצטער ווען זיי עסן אָפּ און געבן אויך אונדז אַרויף די זופּ, וואָס מיר עסן אויך אָפּ גאַנץ פרי. דאַן גייען זיי אַוועק ביז אויף דער נאַכט. אויב אין משך פון טאָג וועלן די דייטשן קומען זוכן, און זיי וועלן טרעפן די טיר פאַרשלאָסן, וועלן זיי אַדער אַוועקגיין, אַדער זיי וועלן אויפרייסן די טיר און אַריינגיין זוכן, כאָטש די בעלי בתים זיינען נישטאָ. אין דעם פאַל וועלן זיי אונדז שוין זיכער געפינען, דאָקעגן די וויבעראַצקיס וועלן זיך נאָך קענען ראַטעווען מיט אַנטלויפן.

אַזוי גייט אַוועק אַ וואָך און קיינער קומט צו אונדז נישט מער אויף קיין רעוויזיעס. די וויבעראַצקיס באַרואיקן זיך אַביסל. דערווייל געפינט דער ה׳ וויבעראַצקי אַ וועג זיך צו באַקענען מיטן פירער פון די ס.ס. ביי אַ גלעזל בראָנפן אין הויז פון אַ פוילישער פרוי. ער פאַרבעט זיי צו זיך אויף אָוונטברויט, און דאַן — ווידער ביי אַ ביסל משקה — ווערט די פריינשאַפט דערגענצט. מען רעדט וועגן דער רעוויזיע וואָס איז פאָרגעקומען, און דער דייטש באַדויערט זער וואָס מ׳האָט פאַרשאַפט אומאָנגענעמלעכקייט אונדזערע בעלי־בתים. דער עיקר איז וויכטיק, אַז מער איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

אָבער עס גייט נישט אַוועק קיין לאַנגע צייט און עס קומט אַ פרישע צרה.

איך האָב שוין דערמאָנט אַז אונדזער הייזל שטייט אין אַ טאָל, אַ גאַנץ טיפן. פון איין זייט גייט מען אַראָפּ אויף עטלעכע טרעפּ כדי צוצוקומען צום הייזל. אָט אין דער זייט איז דער דאַך פון אונדזער הייזל גלייך מיט דער ערד פון אויסער דעם טאָל. דער טאָל ציט זיך אויף אַגאַנץ גרויסן שטח. דער באָדן אין דאָ אַ ליימיקער — אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז דאָ געווען אַ ציגל־פאַבריק און פון דעם האָט זיך געשאַפן דער טאָל. אָט דעם פּלאַץ קלויבט אויס דער געביטס־קאָמיסאַר אויפצושטעלן אַ קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר די אוקראַאינער, וואָס ווערן באַשולדיקט אין מיטאַרבעט און געבן הילף די בענדע־ראַווצעס.

עס פאַשפרייט זיך אַ קלאַנג אַז פון דער געגנט וועט עוואַקואירט ווערן די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג. מיר זיינען די נאָענטסטע אין דעם אַנגעמערקטן פּלאַץ. מיר זיינען פאַרצווייפלט. די איינציקע האָפנונג בלייבט וואָס דאָ ווינען כמעט נאָר פאָליאַקן, צו וועלכע די דייטשן האָבן יעצט פולן צוטרוי, און אויך וואָס די מיליץ איז יעצט אין גאַנצן אַ פּוילישע. עס קען דאָך נישט זיין קיין חשד אויף מיטגעפיל פון די פאָליאַקן צו די אַרעסטירטע אוקראַאי־נישע מערדער.

צום סוף ווערט קלאָר, אַז די באַפעלקערונג וועט נישט עוואַקואירט ווערן.

עס איז אַ וואַרעמער האַרבסט־טאָג. פון אונדזערע בעלי־בתים איז קיינער נישטאָ אינדערהיים. מיר שטייען ביים פענצטערל און באַטראַכטן די שטילע געגנט. פּלוצ־לינג באַווייזט זיך אַ גרופּע אַרעסטירטע אוקראַאינער, גע־פירט פון עטלעכע דייטשן. זיי גייען אריין אין טאָל און געפינען זיך ביי אַ 50 מעטער ווייט פון אונדזער הייזל. זיי פאַלען אַלע אויף די קני און הייבן זיך אָן צו צלמן. זעט אויס, אַז זיי קלערן אַז מ'האָט זיי געבראַנגט אַהער בכדי זיי אויסצושיסן. מיר מיינען אויך אַזוי. עס איז אַזאַ געוועגלעכע דערשיינונג ביי די נאַציסטישע מענטשן־פרעסער, אפילו אויך קעגן נישט־יידן, אַז באַלד זעט מען פאַר די אויגן דעם טויט.

אָבער דאָסמאָל איז נישט אַזוי. די גרופּע איז אַהער געבראַנגט געוואָרן צו מאַכן דעם געפּלאַנטן לאַגער, ד. ה. אַ גרויסער שטח אין טאָל איז פאַרצוימט געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט, אין דער מיט פון דעם שטח האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ מין ביידל — 4 סלופּקעס געדעקט מיט אַ דעכל פון ברעטער, קיין ווענט איז נישט געמאַכט גע־וואָרן. אָט דאָס איז געווען דער לאַגער, וואָס איז גראָד קעגנאיבער אונדזער פענסטערל, אין אַ מרחק פון בערך 30—40 מעטער. אַהער האָט מען אַריינגעטריבן עטלעכע הונדערט פויערן, אַממייסטן מענער. פון אַלע זייטן איז דער לאַגער באַוואַכט דורך פּוילישער מיליץ.

אַ וואָך שטייט האַרט נעבן אונדזער צוקאָפּנס, אין דער זייט ווו דער דאַך פון הייזל איז גלייך מיט דער ערד פון דעם טאָל.

מיר הערן זייערע טריט און זייערע שטימען. זען קענען מיר זיי נישט — די זייט פון דאַך איז פאַרמאַכט. דאַקעגן דעם לאַגער זען מיר און אויך אַלץ וואָס קומט דאָרט פאָר.

די ווײבעראַצקיס מאַכן מיך אויפמערקזאַם, אַז מיר דאַרפן זיין זער פאָרזיכטיק מ'זאָל אונדז נישט דערהערן, דער עיקר דאַרף איך אַכטונג געבן ביי דער נאַכט, ווען אַרום איז שטיל, צו כראָפּן נישט די קינדער אין שלאָף. איך באַמי זיך ביי נאַכט נישט צו שלאָפן און אַכטונג געבן אויף די קינדער ווען זיי שלאָפן.

יעדן פרימאָרגן קומען אין לאַגער עטלעכע דייטשן. די פויערן ווערן דאַן אויסגעשטעלט צו אַפּעל און איבער־געציילט, אויב איינער שטייט נישט גענוג שטייף, אָדער ער האָט זיך נישט גענוג פלינק אומגעדרייט, קריגט ער אַ פּאָר שמיץ מיט דער שפּיצרוט פון איינעם פון די דייטשן. ווען די דייטשן פאַרלאָזן דעם לאַגער, לייגן זיך די פויערן ווידער אויס אויף דער ערד און ליגן אַזוי גאַנצע טעג.

דער האַרבסט לאָזט זיך אַלע מאָל מער פילן. עס רעגנט אָפּט. אין די אָוונטן איז שוין זייער קאַלט. עס דער־נעענטערט זיך דער ווינטער.

איז עס מעגלעך אַז מיר וועלן נאָך אַ ווינטער דורכמאַכן אויפן בוידעם ?

די פרוי ווײבעראַצקאַ באַקומט ערגעץ דייטשע צײ־טונגען און ברענגט זיי אונדז. איך ליין זיי עטלעכע מאָל. איך ליין אויך צווישן די שורות, און עס דאַכט זיך מיר אַז זיי זיינען זיך מודה אין זייער מפּלה. מיט שום אויף די ליפּן מעלדן זיי וועגן די „באַרבאַרישע" באָמבאַרדירונג, וואָס די ענגליש־אַמעריקאַנישער עראָ־

פּלאַנען פירן דורך אויף די אָפענע שוצלאָזע שטעט אין דייטשלאַנד. ווי משונה עס קלינגען אַזעלכע טענות פון מויל פון רוצחים און מענטשן־פרעסער, וואָס האָבן די קלענסטע אַנונג פון מענטשלעכקייט פאַרלוירן! אָבער מיר הערן, אַז עס איז שוין געקומען די שעה און זיי ווערט שוין באַצאָלט, און עס ווילט זיך האָפן אַז מיר וועלן נאָך זען זייער אַבסאָלוטע מפּלה.

ס'הויבן זיך אָן שטאַרקע רעגנס. דער לאַגער ווערט ממש פאַרטרונקען פון די וואַסערן וואָס קומען פון אויבן. די אַרעסטירטע אין לאַגער פויערן ליגן אונטער דעם פרייען הימל, אונטער דעם גאָס־רעגן.

און אַזאַ צושטאַנד געפינען זיי זיך עטלעכע טעג, דאַן ווערט דער לאַגער ליקווידירט, און די פויערן ווערן אָפּגעשיקט קיין פּוילן אין בעסערע לאַגערן.

ווידער ווערט שטיל ביי אונדז אין טאָל, מיר קענען זיך ווידער אַביסל פרייער באַוועגן אין אונדזער שטייגל. עס באַנעמט אַ שרעק ווען מיר שטעלן זיך פאָר דעם ווינטער וואָס קומט ווידער אָן און אַז מיר וועלן מוזן צוריק אַרויפשלעפּן אויף זיך די שמוציקע קליידער, וואָס מיר האָבן פאַריקן ווינטער געטראָגן. זומער האָבן מיר זיך אַביסל באַפרייט פון דער אומריינקייט.

עס איז שוין קאַלט אין די אָוונטן און אין די פרימאָרגנס, אָבער די קינדער ווילן נישט הערן פון אָנטאָען זיך. עס איז נאָך דאָ צייט, מען פרירט נאָך נישט — טענה'ן זיי. אויסער דעם זיינען מיר שוין גוט פאַרהאַרטעוועט און האָבן שוין נישט מורא פאַר קעלט.

מיט די טענות האָבן זיך דערווייל אָנגעהויבן די פרעסט. איין פרימאָרגן שטייען מיר אויף און עס ווייזט זיך אַרויס אַז י ע ק ב, מיין עלטערער זון איז קראַנק — ער האָט גרויסע היץ און עס שטעכט אים אין דער זייט. מיין פאַרצווייפלונג איז נישט צו באַשרייבן. וואָס טוט מען יעצט? איך דערצייל וועגן דעם דער פרוי וויבעראצקא, אָבער וואָס קען זי מיר העלפן?

עס גייען אַוועק איניקע שווערע טעג. ביי די קריסטן איז ערב ווייַנאַכטן. אונטן אין דער וווינונג רעש'ט זיך און רודערט זיך. די פרוי וויבעראצקא קאָכט און באַקט שוין אַ פּאָר טעג. זי ברענגט אויך אונדז אַרויף די גוטע יום טוב מאַכלים. איך און ש מ ו א ל י ק עסן דאָס נישט, מיר באַהאַלטן דאָס אינגאַנצן פאַר דעם קראַנקן. מיט דעם

הייל איך אים פון זיין קרענק. די היץ פאַרקלענערט זיך, אָבער יעדן טאָג אין די נאָכמיטאָג־שעה'ן שוויצט ער שרעקלעך. איך דעק אים איין וויפיל איך קען נאָר אָבער מיר זיינען דאָך אויפן גאָס און אויפן פראָסט! עס איז נישט צו באַגרייפן ווי אַזוי ער איז געזונט געוואָרן און אויך ווי אַזוי ער האָט נישט געהוסט (דאָס וואָלט דאָך פאַר אונדז געווען געפערלעך), כאָטש איך בין זיכער געווען אַז דאָס איז אַ לונגען־אָנצינדונג.

די קרענק האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן. דאָס איינציקע וואָס איך האָב פאַר אים געקענט טאָן איז געווען דאָס וואָס מיר האָבן אים אָוועקגעגעבן דאָס נאַרהאַפטסטע עסן, וואָס מיר האָבן געקריגן פאַר אַלע דריי.

אַזוי האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן דער צווייטער ווינטער אויפן בוידעם.

מיר שטעלן זיך פאָר ווי מיר זיינען שוין נמאס אונדזערע רעטערס, ווען מיר זיינען זיך אַליין שוין אַזוי נמאס, אין דערזעלבער צייט ווילט זיך אָבער אַזוי עס זאָלן נישט אומזיסט זיין אונדזערע ליידן, עס ווילט זיך אַזוי דערלעבן די נקמה אין די מערדער. עס ווילט זיך אויך האָבן די מעגלעכקייט צו באַדאַנקען אונדזערע רעטער, עס ווילט זיך זען די קינדער באַפרייטע און גליקלעכע, נאָך די אַלע נישט באַגרייפלעכע ליידן.

אָט דער שטאַרקער ווילן שאַפט וווּנדער.

אין די צייטונגען וואָס די פרוי וויבעראצקא ברענגט אַ מאָל, זען מיר די קללה פון די נאַצישע מערדער. די מפּלה ביי סטאַלינגראַד איז געשילדערט אַזוי אָפנהאַרציק, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין דייטשע צייטונג. צווישן די פּאָליאַקן גייען אַרום ידיעות, אַז אויף אַלע פראָנטן ווערן די דייטשן אַרומגערינגלט און עס איז אפילו מעגלעך מיר זאָלן אין אַ שיינעם טאָג אויפשטיין און אין שטאָט וועלן זיין די רוסן.

אין די וועלדער אין דער געגנט האָבן זיך באַוויזן גרויסע גרופּעס רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי קומען אָפּט ביינאַכט אין די דערפער און נעמען צו ביי די פּויערן בהמות, מעל, קאַרטאָפל און פאַרשוווּנדן ווידער.

אין דער זעלבער צייט זיינען פאַראַן אין די וועלדער באַנדעראָווצעס, וואָס האָבן קיין געמיינזאַמס מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער.

מ'דערציילט וועגן טעראָר אַקטן וואָס די סאָוויעטישע

פארטיזאנער פירן אויס אין אנדערע ערטער: זיי רייסן אויף באנען, געווער־מאגאזינען א. א. וו., קעגן אזעלכע אקטן זיינען די דייטשן הילפסלאז.

מיר האבן אנגעהויבן הערן קאנאנען־שיסערייען, אדער באמבן־אויפרייסן. מיר קענען נישט גענוי אונטערשיידן. עס איז א סימן אז דער פראנט איז שוין נאענט. דאס שיסעריי פארשאפט אונדז פרייד. מיר הערן עס ווי א גוטע מוזיק. נאר דער וואס האט אזעלכעס איבערגעלעבט קען דאס באגרייפן.

אין שטאט זיינען כמעט נישטא קיין דייטשן, נאך דער מיינונג פון דער פרוי וויבעראצקא זיינען זייערע טעג געציילטע.

אויף מיין ביטע איז די פרוי וויבעראצקא געווען אין הויז פון מיינע עלטערן. עס ווינען דארט אירע באקאנטע, אויך פאליאקן. איך האב געוואלט זי זאל פראבירן זיך עפעס דערוויסן וועגן מיינע נאענטע. און אט ברענגט זי מיר די טרויעריקע ידיעה: עס ווייזט זיך ארויס, אז נאך אין די ערשטע טעג זיינען זיי אומגעקומען. מיין אויסרעכנונג, אז זיי האבן זיך אפשר פארשטענדיקט מיט די שכנים — איז געווען א פאלשע. ווייזט אויס, אז זיי האבן נישט געהאט קיין צוטרוי צו זיי און ווען זיי האבן דערפילט אז די שכנים האבן זיי באמערקט, האבן זיי אין דער נאכט פארלאזט די באהעלטניש, זיכער מיט דעם געדאנק זיך צו באהאלטן ערגעץ אנדערש. דאן זיינען זיי ארייגעפאלן אין די הענט פון די מערדער.

די לאגע פון די דייטשן אויפן פראנט ווערט מיט יעדן טאג ערגער. די פרוי וויבעראצקא זאגט, אז מען דערקענט עס אויך אויף די דייטשן וואס געפינען זיך אין שטאט — זיי זיינען שווייגנדיקע און דערשלאגענע.

און אט האבן מיר דערלעבט די גוטע בשורה: די שטאט איז ריין פון דייטשן. זיי זיינען אוועק ביינאכט און אלץ איבערגעלאזט. אין שטאט איז קיינער נישטא, נישט די דייטשן און נישט קיין רוסן.

עס קומט פאר דאס, וואס געשעט יעדעס מאל אין אזא פאל: עס ווערן אויפגעריסן שלעסער פון מאגאזינען מיט פראדוקטן און קליידונג, וואס די דייטשן האבן איבערגעלאזט. אלץ ווערט צעראבירט. אין שכנות פון אונדזער הייזל געפינט זיך א גרויסער שטאל פון חזירים וואס זיינען באשטימט געווען פארן פראנט. אין משך פון א פאר שעה איז דער שטאל צעראבירט. עס ראבירן אלע אן אויסנאם. אונדזערע בעלי בתים שטייען פון ווייטן און באטייליקן זיך נישט, כאטש זיי האלטן אויך אז דאס איז נישט קיין פארברעכן. דא זיינען אויך מיר די סיבה — עס איז דאך מעגלעך, אז די דייטשן וועלן צוריקקומען, עס וועלן דאמאלס זיכער זיין רעוויזיעס, עס וועט זיך דערטראגן ווער עס האט ראבירט, און דאמאלס זיינען מיר דאך אין געפאר. אזוי דערקלערט מיר די פרוי וויבעראצקא.

א גאנצן טאג רודערט זיך אין גאס. מ׳האלט אין איין לויפן און טראגן רויב. אויפן צווייטן טאג באווייזט זיך אין שטאט א גרופע פארטיזאנער. זיי זיינען אפגעריסן, כמעט בארוועסע. מיר זען זיי דורך אונדזער פענסטערל. זיי רעדן האלב רוסיש, האלב אוקראיניש. עס איז נישטא די זיכערקייט צי דאס זיינען רוסישע פארטיזאנער אדער די בענדעראוועצעס. זיי גייען אריין אין די הייזער, נעמען צו וואס עס לאזט זיך נאר — שיך, קליידער, מען שטעלט זיך זיי נישט אנטקעגן. זיי זאגן אז זיי זענען די חלוצים פון דער רויטער ארמיי, מארגן וועלן זיי שוין זיין ביי אונדז.

די פארטיזאנער דרייען זיך אביסל ארום אין שטאט, פארזארגן זיך מיט וואס זיי איז נויטיק און דאן פארשווינדן זיי.

און ווידער איז די שטאט הפקר. פון די דערפער ציען זיך גאנצע אבאזן מיט פויערישע פערד און וועגן, וואס האבן ווי די חיות דערשמעקט דאס הפקרות און איילן צום רויב. עס זיינען שוין נישט פאראן קיין ידישע געשעפטן, צענעמט מען ידישע הייזער. מען פירט טירן, פענסטער, בלעכן פון דעכער. פיל האבן נאך באוויזן צו פאקן מעבלען אין די הייזער ווו עס האבן געוווינט די דייטשן.

ווי עס ווערט נאר פינצטער און עס הערט אויף די באוועגונג אין גאס (מ׳איז שוין געוווינט צו דעם אויסנאמס־צושטאנד), באווייזן זיך באנדעס פון די בענדעראוועצעס, וואס קומען מיט ברען מאטעריאלן און צינדן אונטער יעדעס מאל אן אנדער הויז. דער מיין איז — די פוילישע און ידישע הייזער און רעגירונגס־געביידעס. עס פאלט א פחד צו קוקן אויף דער ברענענדיקער שטאט. עס ברענט דער פרעכטיקער בנין פון דער נייער גימנאזיע, וואס איז כמעט אין שכנות מיט אונדזער הייזל. אין דער פרי איז ווידער

נישטאָ קיין זכר פון די אונטערצינדער, דאָקעגן הייבט זיך ווידער אָן דאָס ראַבירן. די צאָל פויערן איז נאָך גרעסער ווי דעם ערשטן טאָג. יעדער איילט זיך צו געניסן פון דער פרייהייט מיט דער ברייטער האַנט. אויך די אונ־טערצינדערס קוקן זיך, ווייזט אויס, אַרום, אַז זיי האָבן נאָך אַ סך אַרבעט און מען קען זיי נאָך שטערן, און זיי הייבן אָן די אַרבעט בייטאָג.

עס פלאַקערן ווידער אויף הייזער — פוילישע און יידישע, קיינער שטערט זיי נישט, קיינער וואָגט נישט צו לעשן.

אונדזערע בעלי בתים נעכטיקן ביים ברודער, דעם אוקראַינער, ווער ווייסט צי ווען זיי די נאַכט נישט אונטערצינדן אונדזער הייזל, כאָטש עס איז קליין און עס שטייט האַרט נעבן אַן אוקראַיניש הויז?ביידע זיינען זיי געדעקט מיט שטרוי, און ווען עס זאָל ברענען איינס פון זיי — מוז אויך ברענען דאָס צווייטע. מיר ליגן אויפן בוידעם, ווער ווייסט וואָס עס וואַרט אויף אונדז די נאַכט?

פאַרשטייט זיך, מיר שלאָפן נישט. מיר זען ווי עס פלאַקערן אויף הייזער, מיר הערן די ווילדע געשרייען פון די אונטערצינדער, און מיר וואַרטן אויף אַ נס.

דער נס איז טאַקע געשען. זיי האָבן אונדזער הייזל דורכגעלאָזט.

עס איז ווידער געקומען דער פרימאָרגן.

ווו זיינען אַהינגעקומען די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע באַוויזן? ווו זיינען די רוסן? דעם זעלבן טאָג זיינען צוריקגעקומען די דייטשן. ווי שרעקלעך איז די אַנטוישונג!

מיר פילן אַז יעצט איז דאָס שוין אויף נישט לאַנג, אָבער די אומגעדולד איז נאָך שווערער ווי פריער.

די דייטשן זיינען דיזעלבע, וואָס זיינען אַוועקגע־גאַנגען, נאָר עפּעס זיינען זיי שוין אַנדערש. זיי רעאַגירן בכלל נישט אויף דעם וואָס עס איז אין די פּאָר טעג פון זייער אָפּוועזנקייט געטאָן געוואָרן. זיי זיצן שטיל, און ווי עס זעט אויס — אין פּחד. די פוילישע משפחות, וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט פאָרן אַרויס קיין פוילן. די דייטשן העלפן זיי ביים טראַנספּאָרט. אונדזערע בעלי בתים קלייבן זיך אויך צו פאָרן. וואָס וועט דאַן זיין מיט אונדז?

אַ גאַנצן טאָג גייען אַרום די וויבעראַצקיס צווישן די פוילישע משפחות וואָס גרייטן זיך אין וועג אַריין. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ טייל פון די פּאַליאַקן האָבן באַ־שלאָסן אַרויסצושיקן זייערע משפחות, און די מענער בלייבן נאָך דערווייל. די גערטנער משפחה וואָס וווינט קעגנ־איבער אונדז, האָט בכלל באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן און דער־ווייל זאָלן אַלע בלייבן. אונדזערע רעטער איז אַ שאָד אונדז צו לאָזן אומקומען פונקט פאַר דער באַפרייונג. זיי באַשליסן אַז אויך ה׳ וויבעראַצקי וועט בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג. די משפחה וועט אַוועקפאָרן. איין מענטש קען זיך אויך לייכט אויסבאַהאַלטן אין פאַל פון אַנפאַל פון די בענדעראָווצעס.

אונדז ווערט זער שווער אויפן האַרצן, די פרוי וויבע־ראַצקאַ איז שוין געוווינט צו דעם עול, וואָס דער גורל האָט איר אָנגעוואָרפן. דאָצו איז אַ פרוי געוווינט צו דער שטוב אַרבעט, צוגרייטן עסן און דערלאַנגען דאָס עסן. ווי וועט עס יעצט זיין, אַז די באַלעבאָסטע ווערט ה׳ ווי־בעראַצקי? אמת מיר האָפן, אַז עס איז אַ פראַגע פון עטלעכע טעג, אָבער ווער ווייסט צו וועט ער עס אויס־האַלטן? דאָצו ווייסן מיר פון דער פרוי וויבעראַצקאַ, אַז ער איז אַ מענטש מיט שטימונגען...

אָבער קיינער גיט אונדז נישט אויסצוקלייבן.

די פרוי וויבעראַצקאַ געזעגנט זיך מיט אונדז האַרציק. זי האָפט, אַז מיר וועלן זיך נאָך ווידערזען. אויב מיר זיינען איבערגעגאַנגען אַזוי פיל געפאַרן און זיינען ניצל געוואָרן, איז זיכער אַז מיר וועלן שוין דערלעבן די באַ־פרייונג.

דער ה׳ וויבעראַצקי גייט אַריין אין זיין נייער ראָלע פון אַ באַלעבאָסטע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אויסערגעוויינלעך געשיקט. גאַנץ פרי, עס איז נאָך פינ־צטער, הערן מיר ווי ער מאַכט די פליטע און שטעלט עפּעס קאָכן. דאַן גיט ער עסן די ציגן, מעלקט זיי, עסט אַליין פרישטיק און דאַן, פאַרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט, הערן מיר אַ קלאַפּ אויפן בוידעם — דאָס איז אַ סימן אַז ער האָט אונדז אַרויפגעשטעלט עסן. עס ווערט שטיל אין הייזל אויפן גאַנצן טאָג. עס איז שוין פאַרנאַכט ווען ער קומט צוריק. ער מאַכט ווידער פייער, קאָכט קאַווע אָדער ווידער עפּעס אַ זופּ, ווידער הערן מיר ווי ער אָרדנט איין די ציגן. דאַן גיט ער אונדז ווידער אַרויף עסן (קאַווע מיט ברויט אָדער זופּ), און איז שוין פרײַ.

מיר הערן ווי עס קומט אַריין דער שוואָגער אָדער

עמעצער פון די שכנים. מיר דערקענען זיי שוין אין קול. אמאל גייט ער צו זיי.

אזוי פארגייען צוויי וואכן און אלץ איז נאך נישט קיין סוף. די דייטשן זיינען נאך אלץ דא.

איינמאל זונטיק אין דער פרי, קומט ארויף וויבעראצקי אויפן בוידעם. ער קלאפט אן צו אונדז אין קעמערל. איך עפן דאס טירל. איך פארשטיי, אז ער האט זיכער עפעס נייעס פאר אונדז. ער זאגט מיר, אז ער האט באשלאסן צוצופארן צו דער פרוי און קינד קיין לעמבערג, ווען ווי זיי האבן זיך איינגעארדנט, איבערמארגן ד.ה. דינסטיק, איז ער דא צוריק. ער לאזט פאר אונדז עסן אויף די צוויי טעג. די ציגן וועט באזארגן דער שוואגער. ער באַרואיקט אונדז מיר זאלן נישט מורא האבן. דער בוידעם וועט זיין פארשלאסן. דער שוואגער וועט נישט וואגן צו עפענען א פארשלאסענע טיר.

ווי פראקטישע מענטשן מאכן מיר דעם רעכנונג אז דאס עסן דארפן מיר איינארדנען עס זאל קלעקן ביז מיטוואך. ווער ווייסט, אפשר פארהאלט ער זיך נאך א טאג.

עס גייט אוועק דער אפגערעדטער דינסטיק, עס גייט אויך אוועק דער מיטוואך. וויבעראצקי קומט נישט צוריק. אפשר איז ער אוועקגעפארן אויף נישט צוריקצוקומען ?

אונדזער עסן איז שוין אויסגעגאנגען. וואס בלייבט אונדז צו טאן ? נאך איין טאג וועלן מיר קענען זיין אן עסן און דאן וועלן מיר מוזן אראפגיין. איך קלער, אז ביז מארגן ביינאכט וועלן מיר ווארטן, און אויב ער וועט נישט קומען ביז דעמאלס (איך בין שוין כמעט זיכער אז ער וועט נישט קומען) וועל איך אליין אראפגיין ביינאכט און זיך פראבירן ווענדן נאך הילף צו וויבעראצקיס שוואגער. כאטש לויט ווי זיי האבן אים מיר פארגעשטעלט, איז נישטא וואס צו האפן אויף זיין הילף.

עס איז שוין דאנערשטיק. די צרות מאכן פארגעסן אין הונגער. מיר ליגן אומבאוועגלעך, יעדער פארטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאנקען. עס פארדריסט אויף דעם ביטערן גורל וואס האט אונדז אזוי פארפירט און לאזט אונדז יעצט אומקומען — אזוי נאענט פאר דער ישועה.

פלוצלינג הערן מיר ווי די שכנה באגריסט זיך מיט וויבעראצקין, פרעגט אים אויף דער פרוי. מיר גלויבן נישט אונדזערע אויערן.

מיר זיינען שוין אזוי געווען זיכער, אז ער האט אונדז פארלאזט, אז מיר צעווייגען זיך פון פרייד.

עס האט נישט לאנג געדויערט און ער איז ארויפגעקומען צו אונדז און אונדז געבראכט עסן. ער האט זיך פארענטפערט וואס ער האט זיך פארהאלטן אונטערוועגס ער פארשטייט, אז מיר האבן שוין פון לאנג נישט וואס צו עסן, ער האט אבער נישט געקענט פריער קומען. ער האט מיטגעברענגט דעם זון. דאס יינגל האט זער געבענקט אהיים און אים נישט געוואלט אפלאזן, ביז ער האט אים געמוזט מיטנעמען.

דאס צוריקקומען פון דעם יינגל איז פאר אונדז אויך זער באקוועם, ער איז זער א ווויל קינד. וואס מיר איז שווער צו בעטן דעם פאטער, בעט איך דאס קינד ער זאל מיר טאן, כאטש מיינע פאדערונגען זיינען זער קליינע. אבער מיר זיינען אין א לאגע וואס מיר קענען זיך אליין נישט העלפן.

די לעצטע טעג הערן נישט אויף די באמבן־אויפרייסן אין דאס קנאלן פון די הארמאטן. מען שמועסט, אז עס איז זער נאענט די הילף. ווי שווער איז דאס ווארטן אין געפענגניש !

די פרוי וויבעראצקא איז אויך אהיים געקומען אויף א פאר טעג. זי ברענגט אונדז פיל גוטע נייעס : אין די ארומיקע דערפער זענען דא אפטיילונגען פון דער רויטער ארמיי (זי ווייסט עס פון זיכערע קוועלן), זי האט מורא אז די לעצטע טעג קענען זיך נאך ארייכנאפן די בענדעראווצעס און דערפאר נעמט זי צוריק מיט זיך דאס קינד. דער מאן וועט דערווייל איבערבלייבן.

דאס פארויסזען פון די פרוי וויבעראצקא האט זיך פארווירקלעכט. די בענדעראווצעס האבן נאך אמאל אויסגענוצט זייער גבורה צו באווייזן.

עס איז שבת פארנאכט. צו וויבעראצקין איז געקומען א גאסט — א פאליאק. ער דארף זיך דא פארהאלטן איין טאג. ער האט געברענגט א בריוו פון דער פרוי וויבעראצקא. ער בלייבט דא נעכטיקן און צוליב אים נעכטיקט אויך וויבעראצקי נישט ביים שוואגער, ווי ער איז זיך נוהג די לעצטע טעג. נאר בלייבט מיט דעם גאסט אינדערהיים.

עס איז אַ זייגער 2 אין דער נאַכט. פון שלאָף האָבן מיך אויפגעוועקט טריט פון מענטשן און זייער געשפּרעך וואָס זיי האָבן געפירט אין אוקראַיניש. באַלד נאָך דעם האָבן זיך דערהערט הילפרופן און רעוואָלווער־שאָסן און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן. דאַן הער איך ווי מען רייסט און מען קלאַפּט איבער די דראָטן־פּאַרצוימונג, אָבער דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט. און זיי גייען שנעל אַוועק.

ווען עס איז געוואָרן טאָג און מען האָט געקענט אַרויסגיין פון די הייזער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די נאַכט האָבן די בענדעראָווצעס זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, וווּ עס זיינען נאָך געווען פּאָליאַקן. וועמען זיי האָבן געטראָפן — האָבן זיי אויסגעשאָכטן. די הילפסרופן וואָס איך האָב געהערט פון שכנותדיקן הויז, זענען געווען פון דער גערטנערין. עס איז דערמאָרדעט געוואָרן די אַלטע גערטנערין און די יונגע איז שווער פאַרוווּנדעט. דער זון, וואָס איז גראָד די נאַכט געווען אויף שמירה ביי זיין אַרבעט אויף דער עלעקטרישע סטאַציע, איז אַזוי אַרום געבליבן לעבן. די מערדער האָבן פּראָבירט זיך אַריבערקריגן צו די וויבעראַצקיס, נאָר די דראָט־פּאַרצוימונגען האָבן געשטערט. לאַנג פאַרהאַלטן זיך האָבן זיי, ווייזט אויס, מורא געהאַט — עס זיינען דאָך נאָך געווען דייטשן אין שטאָט, און זיי זיינען שנעל אַוועק.

אַזוי־אַרום איז וויבעראַצקי מיט זיין גאַסט ניצל געוואָרן פון זיכערן טויט.

דער הער וויבעראַצאַקי קומט צו אונדז מודיע זיין, אַז יעצט פאַרלאָזן אַלע פּאָליאַקן, וואָס זיינען נאָך געבליבן, זייערע היימען און פאָרן נאָך היינט אַרויס. ער זאָגט מיר, אַז ער לאָזט פאַר אונדז לעבנסמיטל, וואָס וועט אונדז קלעקן אויף אייניקע וואָכן, יעדנפאַלס זיכער ביז עס וועלן קומען די רוסן. איך דאַנק אים זער דערפאַר, אָבער עס איז דאָך נישט מעגלעך מיר זאָלן בלייבן אַליין אין הויז — עס וועט נישט אַוועק קיין איין טאָג און מיר וועלן אַנטדעקט ווערן. איך בעט אים ער זאָל וועגן אונדז דערציילן דעם שוואָגער און אים בעטן ער זאָל אונדז העלפן די פּאָר טעג וואָס מיר האָבן נאָך צו ליידן. אויך וויבעראַצקי זעט אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, כאָטש ער האָט זער ווייניק צוטרוי צו אים.

עס איז נישטאָ קיין צייט לאַנג צו טראַכטן, וויבעראַצקי רופט אַריין דעם שוואָגער מיט דער שוועגערין צו זיך. ער באַשווערט זיי ביים הייליקן בילד וואָס הענגט אויף דער וואַנט, אַז אַלץ וואָס ער וועט זיי דערציילן זאָל בלייבן אַ סוד. און דאַן דערציילט ער זיי וועגן אונדז. ער זאָגט זיי, אַז דאָס וואָס ער איז די נאַכט ניצל געוואָרן פון טויט איז — לויט זיין מיינונג — אַ לוין פון גאָט פאַר אונדז. יעצט זיינען דאָך די טעג זיכער געציילטע, די דייטשן זענען שוין כמעט נישטאָ, און ער בעט זיי זיך נישט אָפּזאָגן צו פאַרענדיקן וואָס ער האָט אָנגעהויבן, און אונדז מיטהעלפן די פּאָר טעג. זיי זיינען מסכים.

מיר געזעגנען זיך מיט וויבעראַצקין. ער איז פול מיט האָפנונג, אַז מיר וועלן זיך אינגיכן זען באַפרייטע.

עס זיינען אַוועק אייניקע טעג אָן ענדערונגען. די דייטשן זיינען נאָך אַלץ דאָ אין שטאָט, כאָטש אין פיל דערפער אַרום זיינען שוין דאָ די רוסן. מיר קענען נישט גענוי וויסן ווער די רוסן זענען, צו זיינען עס די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך די לעצטע טעג זער פאַרמערט אין די נאָענטסטע וועלדער, אָדער דאָס זיינען טאַקע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי.

אונדזערע נייע אַפּוטרופּסים האָבן זיך שוין אַנטוישט. זיי האָבן געמיינט, אַז עס איז אַ פראַגע פון 2 טעג, און אַט איז שוין אַוועק אַ וואָך און אַלץ זעט מען נאָך נישט די רוסן אין שטאָט.

עס קומט אַרויף צו אונדז די פרוי, די שוועגערין פון די וויבעראַצקיס, און גיט מיר איבער זייערע באַשלוסן : דער מאַן אירער וויל מער זיך צוליב אונדז נישט איינשטעלן און וויל אונדז מער נישט העלפן. ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערן ? ער רעכנט, אַז מיר קענען זיך שוין דערלויבן אַהיים צו גיין. היות אין שטאָט איז כמעט קיין דייטשן נישטאָ און ביי אונדז אין הויז וווינען יעצט אוקראַינער, אונדזערע פריערדיקע שכנים, זאָלן מיר אַהיים גיין און זיי וועלן אונדז זיכער איבערהאַלטן די פּאָר טעג ביז די דייטשן וועלן אינגאַנצן פאַרלאָזן די שטאָט.

זיי, די אַפּוטרופּסים אונדזערע, האָבןביידע גוט געווּסט וואָס עס הייסט פאַר אונדז יעצט זיך לאָזן איבערגיין אַהיים אין דער צווייטער זייט שטאָט. אויך די צאָל דייטשן וואָס זיינען דאָ אין שטאָט איז פאַר אונדז נישט וויכטיק — אפילו איינער קען זיך מיט אונדז אַנ׳עצה געבן.

אונדזער לאַגע איז זייער אַ שווערע. לאָזן זיך גיין

אהיים און בעטן הילף ביי אונדזערע שכנים, איז כמעט דאס זעלבע, ווי זיך איבערגעבן די דייטשן, איך האב נישט קיין צוטרוי צו די אוקראינער, נישט געקוקט אויף די פריינטשאפט וואס זיי פלעגן אמאל ארויסווייזן. פון די לעטצע דערפארונגען ווייס איך, אז יעדער פון זיי איז פייאיק צוליב א פאר נישטיקע זאכן וואס ער האט געקריגן פון א ייד צובאהאלטן ביי זיך, אים איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן. מיינע שכנים האבן דאך זיכער מיינע זאכן, וואס זיינען פארבליבן אין הויז. דערפאר אליין דארפן זיי אונדז נישט זען. מיר קענען אבער דא אויך נישט בלייבן, ווייל ווער ווייסט צו קלערט נישט אונדזער בעל סוד אונדז אויסוגעבן אויב מיר וועלן אים נישט פאלגן און נישט אוועקגיין.

נאך לאנגע איבערלייגן באשליסן מיר, אז לויט די אינפארמאציעס וואס מיר האבן פון וויבעראצקין וועגן זיין שוואגער, זיינען דאך אונדזערע שכנים לייטישער פון אונדזער יעצטיקן באשיצער און מיר דארפן זיך פון דאנען זען ארויסקריגן.

מיר האבן באשלאסן אז פריער וועל איך גיין אליין. אויב די שכנים וועלן אונדז וועלן העלפן, וועל איך צו ריקקומען פארנאכט, ווען מען קען נאך גיין אין גאס, און וועל נעמען די קינדער.

איך טו זיך אן אין א מענער־מאנטל פון ה׳ וויבעראצקי (איך אליין האב נישט קיין מאנטל ווייל מיר זיינען דאך געקומען זומער). אויפן קאפ א גרין געשטריקט טיכל. איך רוק עס אראפ איבער די אויגן, כאטש עס וואלט מיך זיכער קיינער נישט דערקענט, אזוי פארענדערט בין איך. די קינדער שליסן מיר אויף די טיר, און איך לאז זיך גיין.

די קינדער זיינען באלד צוריק ארויף אויפן בוידעם און דורך די שפארעס קוקן זיי מיר נאך.

אין דער ליכט פון טאג אויפן גאס, זע איך מיר אליין אויס אזוי משונה מיט דעם לאנגן מענער־מאנטל ביז דער ערד, מיט די נייע זומער שיך, וואס זיינען געבליבן ניי ווייל איך האב זיי נישט געטראגן.

איך קוק זיך ארום. די געגנט איז מיר אינגאנצן פרעמד. ארום איז אלץ אפגעברענט. עס ציט זיך א לאנגער פאס פון דראט־פארצוימונגען, וואס איך ווייס נישט ווו איז זייער ענדע. איך אריענטיר זיך אבסאלוט נישט וווהין איך דארף גיין. איך זע אז איך קען זיך נישט לאזן גיין אין אזא צושטאנד, אויב איך וויל נישט אומקומען.

איך לאז זיך גלייך צוריק אין אונדזער הייזל.

די קינדער דערזען ווי איך גיי צוריק און לויפן גלייך מיר עפענען די טיר. אויך אונדזערע „נייע פריינט" זען מיך אומקערן. די פרוי קומט מיך פרעגן פארוואס איך בין נישט געגאנגען. איך דערצייל איר פארוואס, און זאג איר דאביי, אז איך זע נישט קיין סיבה וואס זיי זאלן דארפן מורא האבן צוליב אונדז. מיר זיינען דאך נישט ביי זיי אין הויז, וויבעראצקי איז ערשט צוריק מיט א פאר טעג אוועקגעפארן און עס איז קלאר, אז מיר זענען געווען ביי אים. חוץ דעם פארוואס וועט מען יעצט פלוצלינג קומען זוכן, ווען ס׳איז שוין כמעט נישטא ווער עס זאל קומען. עס איז דאך נישט קיין ספק, אז עס איז יעצט א פראגע נאר פון אייניקע טעג, אויב זיי ווילן אונדז מער נישט העלפן, וועלן מיר זיך אליין מוזן עפעס שאפן אין דער נאכט. מיר האבן דאך פראדוקטן אונטן אין דער וווינונג. איך בעט זיי נאר זיי זאלן אונדז נישט אויסגעבן. זי זאגט מיר צו, אז זיי וועלן דאס נישט טאן.

שוין עטלעכע טעג ווו קיינער קומט צו אונדז נישט ארויף. אונטן אין קיך איז פאראן פראדוקטן וואס וויבעראצקי האט פאר אונדז געלאזט. אטייל פון זיי האט שוין וויבעראצקיס שוועגערן צוגענומען. דאס וואס איז געבליבן האבן מיר דערווייל אויף נישט צו הונגערן. ביינאכט גיי איך אראפ אין קיך. די פענסטער זיינען פארהאנגען מיט שווארץ גראב פאפיר. עס זאל נישט דורכדרינגען קיין ליכט (אזוי איז פארארדנט נאך פון אנהייב קריג). איך מאך פייער אין פליטע. באק שנעל אפ אויף א פאטעלניע עטלעכע פלעצל עס זאל קלעקן אויף 2 טעג. איך קאך אויף א קריגל מיט קאווע און אייל זיך מיט דעם עסן צוריק אין דער באהעלטעניש.

עס זיינען אוועק צוויי וואכן זייט מיר זיינען אויף אייגענע קעסט. צוזאמען מיט דער דערוואַרטונג אויף דער נאענטער באפרייונג פיל איך אז אונדז שטייט נאך פאר, מסתמא, א קריזיס — דער איבערגאנג. ווער ווייסט ווי ער וועט אויסזען. און אט אין א פארנאכט קומט ארויף צו אונדז די שכנה און דערציילט אונדז, אז אין שטאט

זיינען שוין נישטאָ די דייטשן און אַז פון אַ זיכערע קוועלע ווייסט זי אַז די נאַכט וועלן די בענדעראָווצעס פאַרברענען די אַלע נאָך פאַרבליבענע פוילישע הייזער. מיר מוזן באַלד פאַרלאָזן אונדזער באַהעלטניש.

אויפן גאַס איז שוין טונקל. אַלע טירן זיינען שוין געשלאָסן. עס הערשט אַ פחד אויף צווישן די אוק־ראַינער.

מיר גייען אַראָפּ פון בוידעם און אַרויס אויף דער גאַס. דער שכן, „אונדזער פריינט", דרייט זיך נאָך אַרום אין הויף און פאַרענדיקט שנעל זיין אַרבעט. איך בעט אים ער זאָל אונדז דערלויבן די נאַכט איבערנעכטיקן אין קאַרטאָפּלגרוב וואָס געפינט זיך אויפן הויף, אָבער ער דערלויבט דאָס נישט. וואָס טוט מען? מען דאַרף שנעל עפּעס באַשליסן. איך דערמאָן זיך, אַז די פרוי וויבעראַצקאַ האָט מיר אַמאָל אָנגעוויזן אויף אַ הייזל נישט ווייט פון זיי, אַז דאָרט וווינט אַן אוקראַאינער, וואָס פלעגט אָפּט אַרבעטן ביי מיינע עלטערן. מיר לאָזן זיך גיין צו אים.

עס איז שוין אינגאַנצן פינצטער און גליטשיק. מיר דער־קריכן קוים אַהין. אין הייזל איז פינצטער. איך קלאַפּ שטיל אין דער טיר. קיינער ענטפערט נישט. מיר גיין אַריבער אין דער צווייטער זייט און קלאַפּן ווידער. עס איז שטיל אין הייזל, זעט אויס עס איז קיינער נישטאָ. אַ טירל פון אַ נידריק שטעלכל איז אָפן. דאָס איז אַ קעמערל פון חזירים. יעצט איז עס ליידיק. מיר בויגן זיך איין און גיין אַריין אינווייניק. דאָ בלייבן מיר נעכטיקן. עס שטייט אַ צעבראָכן קעסטל און אַ שאַף. מיר זעצן זיך ווי עס איז אַנידער. דער ווינט קלאַפּט מיט'ן טירל, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרמאַכן. דער פראָסט איז נישט זער שטאַרק, דאָך פרירן שרעקלעך די פיס. אַזוי זיצן מיר די גאַנצע נאַכט.

עס איז שטיל, מ'הערט נישט קיינעם גיין אָדער פאָרן. עס זעט אויס, אַז אויך די בענדעראָווצעס וואָגן יעצט נישט צו קומען. ווי עס הויבט נאָר אָן בלויען אויף טאָג פאַרלאָזן מיר שטיל דאָס שטעלכל און גייען צוריק אין אונדזער באַהעלטניש, וואָס זעט אונדז יעצט אויס ווי אַ גן־עדן נאָך דעם „האָטעל" פון דער נאַכט.

דערפרוירענע און מידע פון דער נאַכט זיינען מיר איינגעשלאָפן. פון שלאָף וועקט מיך פּלוצלינג אַ טופּען פון פערד און אַ קול פון רייטער אויף רוסיש: „ווו זיינען אַהינגעקומען אייערע דייטשן?"

מיר שפּרינגען אויף. ענדלעך האָבן מיר דערלעבט די גליקלעכע מינוט! אונדזערע „גוטע פריינט" קומען אַריין אונדז אָנזאָגן די גוטע בשורה. זיי ברענגען אונדז פרישטיק און זיינען ווידער פריינטלעך צו אונדז.

דעם טאָג דרייען מיר זיך שוין אַרום אין שטוב. די פענסטער זיינען פאַרהאַנגען מען זאָל אונדז נישט זען (צוליב די וויבעראַצקיס ווילן מיר נישט מ'זאָל וויסן ווו מיר זיינען געווען). מיר מאַכן פאַרבערייטונגען זיך לאָזן אין וועג אַריין.

איך ווייס, אַז מיר דאַרפן זיך איילן, ווייל עס איז קריג און עס קענען נאָך פאַרקומען צייטווייליקע ענדערונ־גען. עס קענען נאָך צייטווייליק צוריקקומען די דייטשן. עס איז אָבער ביים פראָנט און זיך לאָזן גיין אַן אַ דערלויב־ניש פון מיליטערישע מאַכט קענען מיר נישט. איך אינפאָר־מיר זיך ביים שכן ווו עס געפינט זיך דער סאָוויעטישער שטאָט־קאָמענדאַנט און לאָז זיך אַליין אוועק אַהין.

דער קאָמענדאַנט פון שטאָט נעמט מיך אויף באַזונדערס פריינטלעך, נאָך דעם ווי איך שטעל זיך פאָר ווער איך בין. איך דערקלער אים מיין ביטע — דערמע־גליכן מיר מיט די קינדער זיך אַריבערבעקומען אין הינ־טערלאַנד. איך מאָטיוויר עס אָפּנהערציק ווי איך האָב עס פאַרשטאַנען און האָב עס שוין פריער דערמאָנט. ער פּראָטעסטירט קעגן מיין נישט זיכערקייט אין כוח פון דער רויטער אַרמיי — דאָרט ווו זיי באַטרעטן איז זייערס. ער ראָט מיר פריי און זיכער אַהיים גיין און זיך רואיק באַזעצן אין מיין הויז. מיר זיינען פרייע בירגער גלייך מיט אַלע מענטשן און עס איז נישטאָ קיין סיבה מורא צו האָבן.

מיט דעם קום איך צוריק צו די קינדער. אָבער מיר גייען נאָך נישט. עפּעס פיל איך, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ אַזוי זיכער ווי דער קאָמענדאַנט האָט מיך פאַרזי־כערט. מיר נעכטיקן נאָך ביי וויבעראַצקין.

צומאָרגענס דערקלערט אונדז אונדזער „פריינט" דער אוקראַאינער, אַז אויב מיר וועלן נישט אַוועקגיין ווהין מיר געפינען פאַר פּאַסנד, איז ער אונדז מודיע, אַז אויב עס וועלן צוריקקומען די דייטשן, און דאָס איז זער מעגלעך, וועט ער באַלד גיין אונדז איבערגעבן אין זייערע הענט — ער וויל זיין לעבן צוליב אונדז נישט איינשטעלן.

ס'איז טאקע געווען די העכסטע צייט מיר זאלן שוין דאס הויז פארלאזן. איך האב פארפאקט א ביסל לעבנסמיטל און דאס ביסל ארעמע וועש וואס איך האב פארמאגט און מיר האבן זיך געלאזט גיין.

דער שטאב פון דער סאוויעטישער ארמיי פון דעם אפשניט האט זיך געפונען אין פארשטאט — סקאבעלקא. אהין האבן מיר געווענדעט אונדזערע טריט.

אין אן אוקראינישע כאטקע, ווו עס האבן געוווינט אייניקע סאוויעטישע אפיצירן, האבן מיר איבערגענעכטיקט. צומארגענס, גאנץ פרי, האבן די סאוויעטן, צוליב סטראטעגישע טעמים, אפגעטרעטן אויף אייניקע קילאמעטער.

אין שטאט האבן זיך אומגעקערט די דייטשן, ווו זיי זיינען נאך פארבליבן 3 מאנאטן.

עס וואלט זיך געדאכט אז די האנט פון גאט אליין האט מיט אונדז געפירט און אונדז אין דער ריכטיקער מינוט ארויסגעפירט פון דער לעצטער געפאר. האט ער זיך וויזט אויס ארומגעזען, אז ער האט מיר צופיל חסד געשענקט... עס זיינען נישט גענוג די קברים — אין ראוונע. 6 מאנאטן נאך דער באפרייונג איז צו מיין אייביקער צער און ווייטאג, אכזריותדיק אוועקגעריסן געווארן פון מיר מיין יינגערער זון שמואליק, אין עלטער פון 14 יאר.

ישראל, 1952

# בן־ציון טהורי (זוברמן) / חדשי המלחמה הראשונים

כיבוש פולין ע״י הגרמנים

ימי אוגוסט 1939. אווירת המלחמה המתקרבת הורגשה גם בעיירתנו הקטנה. חיילי המילואים נקראו לשרות ובני המשפחה ליוו אותם לתחנת הרכבת כשדמעות בעיניהם. גם משה אחי בין הנקראים לשירות, ואני נאלץ לצאת לסנקביצ'ובקה — לנהל את העסק במקומו. סימני המלחמה הולכים ומתרבים: האיכרים, שבזכרונם חרותים בלהות מלחמת העולם הראשונה, קונים כמויות גדולות של מלח ואוגרים מטבעות מתכת.

אנו במקומנו הקטן והנידח איננו יודעים מאומה על המאמצים האחרונים למניעת מלחמה הנעשים בעולם הרחב, אך אנו שומעים מפי שר החוץ, הקולונל בק, כי „לעם הפולני יקר השלום מכל, אך ישנו דבר אחד היקר אפילו משלום, והוא — הכבוד״. אותנו, הצעירים, המלחמה אינה מפחידה כל כך. חונכנו בבית הספר הפולני ואנו בטוחים, כי אין צבא אמיץ יותר מהצבא הפולני וכי עתיד הוא לזכות בניצחון. הספרות של מלחמת העולם הראשונה ידועה לנו יפה וברור לנו, כי החזית תתייצב על גבולה המערבי של פולין ושם תיערך מלחמת חפירות, בדומה למלחמת העולם הראשונה.

בבוקר של ה־1 בספטמבר נכנסתי לבית מכר לשמוע את חדשות הבוקר. והנה — — פרצה המלחמה! ממשלת פולין מודיעה, כי הגרמנים חצו את הגבול, הפציצו וכו׳ — בלי הכרזת מלחמה. עדיין איננו מעלים בדעתנו, כי כעבור שבועיים יגיעו הגרמנים אלינו, השוכנים במחוזות המזרחיים של המדינה.

אנו מחכים במתיחות לתגובתן של מדינות המערב. ביום ראשון, 3 בספטמבר, הננו מתבשרים, כי אנגליה וצרפת הכריזו מלחמה על גרמניה.

החדשות של הימים הראשונים אינן משמחות ביותר, אך אנו מקוים, כי הצבא הפולני יסוג עד הוויסלה ושם תתייצב החזית.

בינתיים אנו מתחילים לטעום את טעמן של הפצצות הגרמנים. אוירוניהם טסים בשמי עירנו ללוצק, ובחזרם משם — הם מריקים את שארית הפצצות שלהם על כל מטרה הנראית להם.

חולף מספר ימים ותקוותינו מתחילות להתבדות. זרם הפליטים גואה והולך ואתם מגיעים הסיפורים הראשונים על עצמת הצבא הגרמני, הממוכן והמשוריין על התקדמותו המהירה, על ההפצצות האיומות וכו׳.

בראדיו שומעים כי ורשה מתגוננת. אך החזית אינה מתייצבת. בדרך מסוקאל נמלטים שרידיהם של גדודי הצבא הפולני המובס. אומרים, כי הם יתארגנו להגנה סופית כאן בוולין.

ערב ראש־השנה נשמעים רעמי התותחים ממערב. המבינים אומרים, כי מתנהל קרב על הבוג. זרם הפליטים

גואה. ביתנו עומד על הדרך הראשית מסוקאל ללוצק. אמי מוציאה את המיחם החוצה ומחלקת תה חם לפליטים הנוהרים בעגלות וברגל. ברור כבר לכול, כי הצבא הפולני התמוטט.

אחרי התיעצות קצרה עם חברים אנו מחליטים, כי לא נישאר במקום וכי ברגע האחרון נזוז מזרחה. בעצם יום ראש־השנה תפרה לי אמי תרמיל גב וארזה לי מספר חפצים. עם התקרב הגרמנים אצטרף גם אני אל הפליטים הנסים מזרחה.

### בין שלטון לשלטון

ביום ראשון, 17 בספטמבר, בבוקר, פשטה שמועה בעיר, כי הרוסים חצו את הגבול ובאים ל„שחררנו". עדיין איננו יודעים אם פירוש הדבר, כי הרוסים הצטרפו למלחמה נגד גרמניה. במשך היום התברר, כי הוסכם בין הרוסים והגרמנים על חלוקת פולין וכי אנו נישאר תחת שלטון רוסיה.

בינתיים מתחיל השלטון בעיר להתמוטט. הצבא הפולני שעד עתה נסוג מזרחה, חוזר ופונה דרומה בכיוון לבוב, כדי לחתור אל הגבול הרומני.

מסיפורי הורינו על מלחמת העולם הראשונה אנו יודעים, כי הימים של „בין שלטון לשלטון" הם הגרועים ביותר. האוקראינים מחכים לימים אלו, כדי לשדוד ולגזול. אנו מתחילים להתכונן לקראת אפשרות כזו. רבים מן החיילים הפולנים הנסוגים מחליפים את רוביהם בבגדים אזרחיים.

ביום שני בבוקר קרא מושל המחוז — ה„סטארוסטה" — לאסיפה ב„ארמון". הוא מודיע, כי עד עתה דאג הוא לסדר בעיר והחזיק את המשטרה. הוא יישאר בעיר גם לאחר כניסת הצבא הרוסי, אך לא יוכל לחייב את כל השוטרים להישאר עד בוא הרוסים. לכן הוא מציע להקים מיליציה מורכבת מ־60 יהודים, 60 פולנים ו־60 אוקראינים. זו תקבל נשק מידי המשטרה הפולנית ותהיה אחראית לסדר בעיר עד כניסת הצבא האדום.

בערב מסרה המשטרה את נשקה לאנשי המיליציה והתפזרה. רוב השוטרים הצטרפו אל הצבא הפולני הנסוג. אנו עונדים סרטים על שרוולינו והופכים לשוטרים.

יום שלישי, 19 בספטמבר. מאז הבוקר נוהרים לעיר גויים מהסביבה, אך בכל מקום הם נתקלים בבחורים מזויינים ברובים. הכול עובר בשקט. ברור לנו, כי לולא הנשק שבידינו היתה מתחילה מיד מלאכת השוד והביזה ומסתיימת רק עם כניסת הצבא האדום.

העיירה מצפה בסקרנות לכניסת הצבא האדום. ברור לכול, כי צבא זה הוא שהציל את מחוזות המזרח של פולין מידי הגרמנים, אך עדיין לא ברור מה צפוי לנו מן השלטון החדש. לא מעטים הצוהלים לקראת צבא „המשחררים" — אלו הבחורים שהיו במפלגה הקומוניסטית הבלתי־ליגאלית (רבים מהם אף ישבו שנים בבתי־סוהר פולניים) ואוהדי מפלגה זו. הם מתכוננים לתפיסת השלטון בעיר. מולי ברגמאן, למשל, מהלך בגאווה, כשהוא חגור אקדח גדול. הוא מינה את עצמו אחראי לחינוך בעיר. כשפונה אליו אחד המורים מבית הספר „תרבות" ושואלו על המשך עבודתו בהוראה, הוא עונה לו, כי הוא יוכל כעת „לחטוב עצים ולשאוב מים" — לחינוך ידאגו אחרים (זמן קצר לאחר כניסת הצבא האדום נאסר מולי ברגמאן ונעלם).

### השלטון הסובייטי

יום רביעי, 20 בספטמבר. הצבא האדום מגיע ומתקבל בתשואות על־ידי התושבים היהודים והאוקראינים. מישהו דאג להקמת שער ניצחון במרכז העיירה (ליד הכנסיה הקתולית), מישהו אחר (היה זה, נדמה לי, האוקראיני וולודיה ניבוזינסקי), ניתץ את הנשר הפולני שעל מצבת הזיכרון. שלטונות העיר מתחילים להתארגן, אנשי העיר הקרובים לקומוניסטים — מתמנים לתפקידים מנהליים, אך השלטון נשאר בידי קציני הצבא האדום. השלטונות דורשים, כי החיים יימשכו כתיקונם. החנויות תישארנה פתוחות ותמכורנה את סחורתן, המטבע הפולני יוסיף לעבור לסוחר ולצדו ישמש גם המטבע הסובייטי: שער הזלוטי שווה לרובל ואסור להפקיע את המחירים. החנוונים יכולים, כמובן, למכור רק את מלאי הסחורה שברשותם, סחורה חדשה לא יורשו לקנות. מתברר, כי בברית המועצות קיים מחסור חמור במצרכים ראשוניים. הקצינים של הצבא האדום ונשותיהם, שבינתיים הובאו לעיר, קונים בסיטונות מכל הבא ליד. מתחילה בהלה של אגירה. כל מי שמזומנים בידיו משתדל לרכוש בגדים, נעליים ודברי ערך. החנויות מתרוקנות. לבעלי החנויות הגדולות שקים מלאים שטרות־כסף; לא ידוע מה יעשו בהם.

אנחנו עדיין מהלכים ענודים סרטי „המיליציה" והנשק הרשמי בידינו. אך כשמפקדת המיליציה מתחילה לשלוח „מיליציאַנטים" לבצע מאסרים בין הפקידים הפולניים,

איך האָב געהאַט אַ גוטע פריינדין, אַ פרומע, פון אַ ספּעציעלע רעליגיעזע סעקטע, שטונדעס האָבן זיי זיך גערופן. צו איר האָב איך אוועקגעגעבן אַלע מיינע גוטע זאַכן איידער מען האָט מיך אַריינגעטריבן אין דעם געטאָ. איך האָב איר געזאָגט, אַז ווען איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך עפּעס וועלן צוריק, אָבער מערסטע זאַכן זאָל זי נעמען זיך. איך האָב מיך געלאָזט גיין צו איר. איך בין אַריינגעקומען צו איר אין סטאַדאָלע און זיך באַ־וויזן צו איר ווען זי איז אַריינגעקומען. אויף דער צווייטער נאַכט האָב איך געהערט ווי עמיצער עפּענט די טיר פון די סטאַדאָלע. איך בין געזעסן מער טויט ווי לעבעדיק. דאָס איז געווען מיין שוועסטער א ס ת ר. איך האָב איר גע־האַט אָנגעזאָגט, אַז אויב איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, זאָל זי מיך דאָרטן זוכן. ־טעלט אייך פאָר די פרייד פון אונדז ביידן. איך האָב זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען. איך בין אָבער גיך גע־קומען צו זיך. מיר האָבן ביידע געוואָנדערט פון סטאַדאָלע צו סטאַדאָלע און ביינאַכט אַרויסגעקראָכן צו באַקומען עפּעס עסן. די אייגנטימער האָבן נישט געוווּסט, אַז עמי־צער באַהאַלט זיך אויס ביי זיי.

איינמאָל זיינען מיר ביידע געגאַנגען בעטן עפּעס עסן צו אַ באַקאַנטן פויער. אַז מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין פענסטער איז ער כמעט פון זינען אַראָפּ פון שרעק און האָט שטאַרק געציטערט. אַז ער האָט אונז שוין גוט געזען, האָט ער געזאָגט צו אונדז: אייערע טאַטע־מאַמע זיצן ביי מיר אין שטרוי שוין צוויי וואָכן צייט, און איך ברענג זיי עסן. איר קענט זיך פאַרשטעלן אונדזער באַגעגניש. דער פויער האָט אונדז אָבער נישט דערלויבט אַלע ביי אים צו בלייבן אינעם שטרוי. מיר זיינען אָבער דאָרט יאָ געזעסן און ער האָט נישט געוווּסט. מיר האָבן זיך אַלע געטיילט מיטן ביסן.

איך האָב אַלע מאָל געפרעגט, וואָס ס'איז געשען מיט מיין קינד. ביז דער טאַטע האָט זיך פאַרגאָסן מיט טרערן און מיר אָנגעהויבן צו דערציילן. זיי ביידע, טאַטע־מאַמע מיט די קינדער זיינען אַריין אין אַ בונקער טיף אונטער אַ נייער נישט־פאַרענדיקטער הויז. דאָרט זיינען געווען נאָך אַנדערע מענטשן. נאָך עטלעכע טעג הונגערן האָט דאָס קינד פון הונגער געוויינט. האָבן די מענטשן וואָס זיינען געווען אין דעם באַהעלטניש אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ פון קינד אין אַ קאַליווזשע וואַסער ביז דאָס קינד איז געוואָרן טויט. מיינע עלטערן האָבן דאָס טויטע קינד פאַר זייערע אויגן נישט געקענט צוזען און באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון בונקער און זיך איבערגעבן. איז עס געווען ביינאַכט און עס איז זיי געלונגען אַרויסצוגיין פון דער שטאָט ביז זיי זיינען געקומען קיין מאַרקאָוויטש ווו זיי האָבן געוווינט דאָס גאַנצע לעבן זייערס און געהאַט אַ סך פריינט.

אַזוי זיינען מיר געווען צוזאַמען צוויי חדשים. איך וועל עס נישט פאַרגעסן ווי איינמאָל, ווען מיין מאַמע האָט געזען אַ חזיר טרינקען וואַסער ביי דעם ברונעם האָט זי געזאָגט, פאַרוואָס קאָן מיין נשמה נישט אַריין אין דעם חזיר איך זאָל קענען טרינקען וואַסער וויפל איך וויל. ליידן פון הונגער איז נישט געווען אַזוי שווער איבערצוטראָגן ווי די ליידן פון דאָרשט. איך קען די ליידן גאָרנישט באַשרייבן.

מיר האָבן כסדר געוואָנדערט פון איין אָרט צום צווייטן. איינמאָל זיינען מיר געקומען בעטן ברויט צו אונדזער אַ געוועזענעם שכן, אַ פּאָליאַק. ער האָט מסכים געווען צו האַלטן מיינע עלטערן אין זיין סטאַדאָלע,

אָבער פיר מענטשן זיינען פאַר אים צופיל געווען. מיר האָבן אונדזערע טאַטע־מאַמע צו אים געברענגט און צופרידן געווען וואָס מיר האָבן פאַר זיי באַקומען אַ פלאַץ. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען מיר, מיין שוועסטער און איך, אַריינגעקראָכן אין אַ קעלער וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ באַקאַנטן פּויער. דער קעלער איז געווען אויף דער דער גאַס נישט ווייט פון הויז. מיר זיינען דאָרט געזעסן און געגעסן די קאַרטאָפל און ציבעלעס וואָס זיינען דאָרט געווען. אין אַ געווויסן טאָג איז דער פּויער געקומען נעמען קאַרטאָפל און האָט אונדז דאָרטן געפונען. דער פּויער איז געווען אַ פיינער מענטש, האָט ער אונדז געברענגט אַביסל שטרוי אויף וואָס צו ליגן און אויך עפּעס צו עסן. זיין משפחה האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. ער האָט אונדז געלאָזט דאָרט עטלעכע וואָכן. אָבער איין מאָל האָט ער געזען נאַציס קומען אין דאָרף אַריין, איז ער געוואָרן איבערגעשראָקן און געקומען אונדז זאָגן מיר זאָלן אַוועקגיין. מיר האָבן זיך ביי אים געבעטן אונדז לאָזן, אָבער ער האָט גע׳טענה׳ט אַז די נאַציס וועלן דערשמעקן דעם ריח, ווייל יידן האָבן אַ ספּעציעלן ריח אַזוי ווי הערינג. ער האָט אונדז דערלויבט צו זיצן ביז עס וועט ווערן פינצטער און דערנאָך זאָלן מיר גיין.

פאַר מיטן נאַכט זיינען מיר קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען. אין יענער נאַכט, איידער מיר האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין, האָבן מיר געהערט עמיצן קומען אין דעם קעלער־גרוב און נעמען קאַרטאָפל און ציבעלעס. דאָס איז געווען מיין ברודער חיים. זיין פרוי איז געשטאָרבן אין געטאָ, דאָס קינד איז שוין אויך געווען טויט. ער איז אַרויס פון פייער און זיך געלאָזט לויפן אין וואַלד אַריין. דאָרט האָט ער געטראָפן אַ מיידעלע, 14 יאָר אַלט, פון ברעסטעטשקע. איך שעם זיך וואָס איך קאָן איצט נישט געדענקען איר נאָמען. דאָס מיידעלע האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אין דאָרף אַריין, זי געלאָזט אין אַ באַהעלטניש און אַליין איז ער געגאַנגען זוכן עסן. איך האָב קיין ווערטער צו באַשרייבן אונדזער פרייד. מיר זיינען שוין אַזוי צוזאַמען געווען אַ לענגערע צייט. פון מאָל צו מאָל בגנבה געגאַנגען זען די עלטערן, זיי איז נישט שלעכט געווען אין זייער באַהעלטניש.

אין פעברואַר 1943 האָבן מיר געהערט אַז מיינע עלטערן זיינען פון ערגעץ געגאַנגען ביז דער טאָג האָט זיי פאַרכאַפּט. עס האָט זיי באַמערקט אַ גוי און געלאָפן מעלדן צו אַ נאַצי. ער איז געווען אַן אַמאָליקער גוטער פריינט אונדזערער, יעצט געוואָרן אַ מאַכער ביי די נאַציס. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ פערד און רייטנדיק געפאָרן זוכן מיינע עלטערן. אויפ׳ן שניי האָט ער געקענט זען זייערע באָרוועסע טריט און האָט זיי געפונען זיצן אונטער אַ בוים נאַקעט און באָרוועס און ער האָט זיי אָוועקגעפירט צו די דייטשן אין שטאָט אַריין צום טויט.

פון דער נייעס האָבן מיר אַלע צוזאַמענגעבראָכן. די איינציקע ביטערע טרייסט: היינט זיי — מאָרגן אונדז.

אין 1943 איז געוואָרן אַ שפּאַלטונג צווישן די אוקראַינער. עס האָבן זיך געשאַפן פּאַרטייען, באַנדעראָווצעס, וולאַסאָווצעס. אַלע קעגן יידן, אָבער אויך איינער קעגן אַנדערן און קעגן פּאָליאַקן (דערפאַר האָבן מיינע עלטערן פאַרלוירן זייער באַהעלטניש־אָרט, ווייל דער פּאָליאַק איז אַרעסטירט געוואָרן). מיר אַלע פיר, איך, מיין שוועסטער, מיין ברודער חיים און דאָס מיידעלע פון ברעסטעטשקע, זיינען דעם גאַנצן זומער 1943 געווען אויף אַ פּוילישער קאָלאָניע און עס איז אונדז דאָרט נישט שלעכט געווען. ביינאַכט האָבן מיר זיך צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן באַהאַלטן ווייל די באַנדעראָווצעס פלעגן אויף זיי אָנפאַלן ביינאַכט. מען האָט געברענט ביי טאָג און ביינאַכט. וועגן יידן איז שוין קיין פראַגע נישט געווען, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט זייערע אייגענע צרות. ביינאַכט פלעגן די באַנדעראָווצעס אָנפאַלן אויף די דייטשן, ראַבעווען געווער און הרג׳ענען. ביי טאָג פלעגן זיי אַריינקומען אין די דערפער, צוזאַמענלייגן יעדן, די באָבע מיט דעם זיידן און די קינדער, אָנצינדן דאָס הויז און אַלע פאַרברענען, אויב נאָר דער יונגער באַלעבאָס איז אין דער היים נישט געווען. עס האָט כסדר געברענט, ביי טאָג און ביינאַכט. אוודאי האָב איך שוין קיין האָפנונג נישט געהאַט צו קענען בלייבן לעבן, אָבער עס האָט מיר גוט געטאָן צו זען, אַז ערשט נעכטן האָבן זיי אַלע נאָר געקלערט וואָס צו טאָן מיט די יידן און זיי האָבן געשלעפּט אַלץ פון דעם געטאָ. עס איז געווען ביי זיי אַזאַ גדולה, אַזאַ לויפעריי נאָך יידיש פאַרמעגן און יידיש לעבן, און דאָ האָב איך געהאַט די זכיה צו זען זייער פייער ביי טאָג און ביינאַכט.

די לאַגע האָט זיך אויך פאַר אונדז פאַרערגערט ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאָזן די קאָלאָניע. דאָס איז

געווען אין מיטן זומער. עס איז אפילו שווער געווען צו זיצן אין אַ סטאַדאָלע. די פויערן האָבן געאַרבעט אויף דער גאַס, די סטאַדאָלעס זיינען געווען אויסגעליידיקט, נישט געווען געגנוג שטרוי זיך צו באַהאַלטן. מיר זיינען געלעגן אין די הויכע תבואות אויף די פעלדער ווייט איינער פון צווייטן. די זון האָט געבאַקן, מ'איז געלעגן גלייך אויפ'ן רוקן, זיך נישט גערירט, ביז מיר האָבן דערלעבט, אַז ס'איז געוואָרן נאַכט. דער טאָג איז פאַר אונדז געווען גרויס ווי אַ יאָר.

מיין ברודער האָט באַשלאָסן מיר זאָלן גיין צו זיינעם אַ פריינט אין אַ צווייטן דאָרף, נישט ווייט פון מאַרקאָוויטש. מירקיוו האָט דאָס דאָרף געהייסן. ער איז שוין איין מאָל ביי די מענטשן געווען אין צייט פון די באַהעלטנישן. די גויים זיינען זער גוט געווען צו אים. עס איז געווען אַ שטרעקע צו גיין, און מיר זיינען אָנגעקומען נאָך האַלבע נאַכט. איך בין געבליבן הינטער דער סטאַדאָלע מיט אונדזערע שמאַטעס, מיין ברודער איז געגאַנגען צום פענסטער זיך באַווייזן. איך בין געזעסן אַ לענגערע צייט און זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז זיי וועלן צוריקקומען, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגיין אין סטאַדאָלע, ווייל עס האָט שוין באַלד אָנגעהויבן צו טאָגן.

איך האָב פריער פאַרגעסן צו דערציילן אַ געוויסן עפּיזאָד. בעת מיר זיינען אַלע פיר, איך, מיין שוועסטער, מיין ברודער און דאָס מיידעלע געשלאָפן אין אַ סטאַדאָלע, האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז איך בין געגאַנגען קיין האַרכיוו און איידער איך בין אַריין אין שטאָט, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ לוויה און עס זיינען נאָכגעגאַנגען זער אַ סך מענטשן. עס האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן אומבאַקאַנטער ייד מיט אַ לאַנגע באָרד און מיר געזאָגט, אַז אויב עס קומט אַנטקעגן אַ לוויה קען מען נישט גיין ווייטער נאָר מען מוז מיטגיין. ער האָט מיך געהייסן טראָגן דעם טויטן ביי אַלע פיר דרענגלעך, אין יעדער זייט אַביסל. ווען איך האָב געקוקט אויף דעם מת, האָב איך געזען די בלויע געשוואָלענע פיס פון ענציען, וואָס איך האָב איר געהאָלפן אין געטאָ. איך האָב זיך צעוויינט און געשריגן אויף אַ קול: ענציע! דער אַלטער ייד האָט צו מיר געזאָגט: יעצט קענסטו צוריקגיין אין שטאָט אַריין. אַלע יידן זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט דער לויה. מיין ברודער האָט מיך געהערט וויינען פון שלאָף, האָט ער מיך אויפגעוועקט. אַז איך האָב אים דערציילט דעם חלום, האָט ער נישט לאַנג געקלערט און געזאָגט, אַז איך וועל בלייבן לעבן איינע פון אַזוי פיל יידן. ווען איך דערמאָן זיך וועגן דעם, גלויב איך מיר אַליין נישט.

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין סטאַדאָלע, האָב איך דערפילט אַז איך קריך איבער מענטשלעכע קערפּערס אויסגעלייגט אומעטום. איך בין אויף גיך צוריק אַרויס. איך האָב אויפגעריסן אַ לאָך אין דאַך פון דעם חזיר־שטאַל און בין אַריינגעקראָכן אין דעם שטאַל־בוידעם. אינדערפרי, ווען דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען אין שטאַל אַריין, האָב איך זיך צו אים באַוויזן און געפרעגט, צי ווייסט ער וואָס איז געשען מיט מיין ברודער און שוועסטער. ער האָט מיר דערציילט אַז זיין גאַנצע הויז און סטאַדאָלע איז געווען באַזעצט מיט באַנדעראָווצעס. ווען מיין ברודער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, זיינען די באַנדעראָווצעס אַרויס אים כאַפּן און נאָכגעשאָסן. אָבער דער ברודער, די שוועסטער און דאָס מיידעלע, זיינען אַוועק בשלום. דאָס זיינען געווען גוטע פויערן ביי וועלכע איך בין געווען, זיי האָבן מיר געברענגט עסן און מיך געלאָזט דאָרטן זיצן. איך האָב געהאַט גרויס מזל, וואָס ווען איך בין ביינאַכט געקראָכן איבער די קערפּערס פון די באַנדעראָווצעס, האָבן זיי זיך נישט אויפגעכאַפּט.

דריי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס מיר אָנזאָגן, אַז ער האָט געפונען אַ יידיש מיידעלע ליגן אויף זיין פעלד צווישן דער תבואה פאַרגאָסן מיט בלוט. ער האָט זי געבראַכט און איר געהאָלפן. זי איז יעצט אין סטאַדאָלע. אַז עס וועט ווערן פינצטער וועט ער זי ברענגען צו מיר.

דאָס איז געווען דאָס ברעסטעטשקער מיידעלע, וואָס האָט נישט געקענט גיך לויפן און האָט זיך אָפּגעריסן פון מיין ברודער און שוועסטער. ליגנדיק אַליין אין פעלד האָט זי באַשלאָסן זיך איבער צושניידן די אָדערן פון די הענט דאָס בלוט זאָל אָפּגיין. אָבער זי האָט געלעבט. זיינען מיר ביידע געזעסן אויפ'ן בוידעם פון חזיר־שטאַל און ס'איז אונדז נישט שלעכט געווען. צו עסן און טרינקען האָט מען אונדז געברענגט. עס האָט געהייסן, אַז מען טראָגט דאָס פאַרן הונט.

אין יענער צייט האָט עס אַלץ געהאַלטן אין איין ברענען בייטאָג און ביינאַכט. אַ סך פויערן־נאַציס, וואָס

האָבן זיך געפּרייט מיט'ן סוף פון די יידן, זיינען שוין אויך גע'הרג'עט געוואָרן. איך האָב נישט געהאַט קיין האָפנונג אַז איך וועל בלייבן לעבן. כ'האָב נאָר געבעטן ביי גאָט, אַז איך זאָל קענען זען וואָס עס וועט זיין דער סוף. די אוקראַינער זיינען אָנגעפאַלן אויף די פּאָליאַקן און געשניטן פון זיי שטיקער. זיי האָבן אויפגעשניטן בייכער פון שוואַנגערע פרויען און אַרויסגענומען די קינדער. מיין באַלעבאָס, באָריס סטאָליאַרטשוק, האָט עס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן און עס מיר דערציילט.

אין איין פרימאָרגן, אין חודש סעפּטעמבער, ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן, האָט מיך מיין פריינדין, דאָס מיידעלע, אויפגעוועקט. זי האָט עפּעס געהערט אַ גערויש און אַ שיסעריי. איך האָב אַרויסגעקוקט און געזען אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט פון פּאָליציי. מיר זיינען ביידע אַראָפּגעשפּרונגען פון בוידעם און זיך געלאָזט לויפן. איך האָב שטענדיק געטראַכט אַז איך וועל לויפן ביז דער לעצטער מינוט. נאָר טויטערהייט זאָלן זיי מיך כאַפּן. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, אָבער זי האָט מיר נישט געקענט נאָכלויפן. איך בין אַריין אין וואַסער און בין אַריבער אויף די אַנדערע זייט און די קוילן זיינען מיר נאָכגעפלויגן. עס זיינען געשטאַנען שאָקן מיט קאָרן און ווייץ אויף די פעלדער. איך בין געלאָפן צווישן זיי און די קוילן זיינען אַריין אין די שאָקן און געמאַכט אַ פייער. איבער'ן רויך האָבן זיי מיך פאַרלוירן פון אויג. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ קעלער פון אַן אָפּגעברענטן שפּיטאָל, דאָרט געזעסן אַ פּאָר מינוט און ווידער אַרויס, כדי אַז איך וועל זיי זען דערנענטערן זיך צו מיר, זאָל איך קענען לויפן ווייטער. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין הויכע גראָזן. פינף מינוט שפּעטער זיינען זיי אַריין אין קעלער פון שפּיטאָל, ווייל אַ שייגעצל האָט זיי אָנגעוויזן אַז דאָרט בין איך אַריינגעלאָפן. איך בין געזעסן נישט ווייט פון זיי. דאָס גליק איז געווען, וואָס זיי האָבן אויך מורא געהאַט פאַר אַנדערע פּאַרטייען, ווי די באַנדעראָווצעס. די גרופּע וואָס איז געקומען מיך זוכן האָט געאַרבעט מיט די דייטשן פון שטאָט. זייער אָנפירער איז געווען דער גוי וואָס איז נאָכגעלאָפן און געכאַפּט אין וואַלד מיינע עלטערן. ער האָט מורא געהאַט אַז איך וועל בלייבן לעבן וועל איך מיך מיט אים אָפּרעכענען. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אפשר אַ שעה צייט און צוריק אַוועקגעפאָרן.

אין אַ געוויסן טאָג איז מיין בעל הבית געקומען און מיר געבראַכט ידיעות וועגן מיין שוועסטער און ברודער. זיי זיינען צוריקגעגאַנגען צו דער פּוילישער קאָלאָניע און דאָרטן זיך אויפגעהאַלטן אין די ליידיקע הייזער; דאָרט זיינען געווען גערטנער מיט גענוג עסן. איימאָל זיינען די פּאָליאַקן געקומען מיט וואָפן און מיט פּאָליציי צו פאַרנעמען זייערע תבואות און גרינסן פון די גערטנער. זיי האָבן דאָרט געפונען מיין ברודער חיים. ער האָט זיך געלאָזט לויפן, זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן און געלאָזט ליגן אין פעלד, און הינט האָבן אים אויפגעגעסן. מיין שוועסטער האָבן זיי געבראַכט אַ לעבעדיקע אין שטאָט אַריין, געגעבן גוט עסן כדי דער טויט זאָל איר זיין שווער און געטאָן אַ סך אַנדערע זאַכן. און עס איז שוין געווען פאַר איר אַ גליק זיך צו זען מיט דעם טויט.

איך וויל דאָ נאָך איבערגעבן אַ פּאַסירונג פון יענער צייט: ווען איך און מיין שוועסטער האָבן אָפּגעזוכט אונדזערע טאַטע־מאַמע אין באַהעלטניש ביי פּויערן זיינען מיר ביידע, מיין שוועסטער און איך, געגאַנגען בעטן עפּעס עסן. זיינען מיר ביינאַכט געגאַנגען צו מיין פריינדין, דער רעליגיעזער, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ ספּעציעלער סעקטע און וואָס איר האָב איך געהאַט אַוועקגעגעבן אַלע מיינע זאַכן איידער מען האָט מיך אַריינגעטריבן אינם געטאָ. כ'האָב באַשלאָסן צו בעטן ביי איר אַ שטיקל ברויט. זי האָט מיר געזאָגט, מיר זאָלן קומען מאָרגן, ווייל זי וועט מאָרגן באַקן. מיר זיינען געקומען אין דער צווייטער נאַכט צום פענצטער און אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך געעפנט. מיר האָבן געוווּסט אַלע מאָל, אַז דער וואָס האָט געוואָלט עפּעס געבן האָט עס דערלאַנגט דורכן פענצטער, און ווען אַ טיר האָט זיך אויפגעמאַכט — האָט מען געמוזט לויפן. באַלד האָט מיך אַ מאַן אָנגעכאַפּט ביים מאַנטל. איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון דעם מאַנטל און אַוועק אין דער פינצטערער נאַכט. מיין שוועסטער האָב איך פאַרלוירן. איך בין צוריקגעקומען צו דעם באַהעלטניש ווו מיינע עלטערן זיינען געזעסן. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז מיין שוועסטער געקומען מיט אַ געשוואָלן פּנים, אויסגעהאַקטע ציין און פאַרבלוטיקט. די פרומע פריינדין האָט געהאַט צוגעגרייט צוויי מענער, איינער — אונדזערער אַ באַקאַנטער, דער אַנדערער אַ רוסישער געפאַנגענער. זי האָט זיי צוגעזאָגט צו געבן צוויי אַנצוגער פון מיין מאַן אויב זיי וועלן אונדז ביידע כאַפּן, און צוגעגרייט אַ גרוב אין פעלד אונדז דאָרט

צו באַגראָבן. זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועל איך איבערלעבן און וועל וועלן אָפּנעמען די זאַכן, וואָס כ'האָב ביי איר געהאַט. אָבער עס איז זיי נישט געלונגען אונדז ביידע צו כאַפּן.

איך קען אויך נישט פאַרגעסן ווען אין יענע צייט בין איך מיט מיין שוועסטער אַוועק צו אַן אַנדער גויה און געבעטן עסן. זי האָט אונדז געגעבן עסן, און אַלס גוטער פריינט געראָטן אונדז צו גיין און זיך איבערגעבן צו די מערדער. זי האָט אונדז געזאָגט אַז זי איז געווען ביים „גרוב" אַרבעטן און האָט געזען ווי אַזוי מען הרגעט. „עס איז זער לייכט", האָט זי געזאָגט. „יעדער דאַרף זיך אויסטאָן נאַקעט און זיך אַנידערלייגן. אַ דייטש שיסט נאָר איינמאָל אין קאָפּ. אַביסל בלוט גייט אַרויס דורך דער נאָז און אויערן, און פאַרטיק. און ווער עס איז נישט פאַרטיק — בלייבט צוגעקוועטשט מיט די וואָס מען לייגט אַרויף אויף אים. מען שיט איבער מיט וואַפּנע. פאַר קליינע קינדער גיט מען נישט קיין קויל: מען לייגט עס אַוועק און די מאַמע פון אויבן. עס איז דאָך אַ סך גרינגער דער טויט ווי אַזאַ לעבן, און ווי דו זעסט אויס. ווערסט זיך נאָך דאַרפן לענגער מוטשען ווייל קיין האָפענונג פאַר יידן צו בלייבן לעבן איז נישטאָ". אָט דאָס זיינען געווען די טרייסט־ווערטער פון אַ קריסטלעכער פריינדין. עס ציטערן מיר יעצט די הענט און די פיס ווען איך רייד דערפון.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען געכאַפּט מיין יונגע פריינדין, דאָס מיידעלע, און אויך פאַרנומען מיינע בעלי בתים. דאָס מיידעלע האָט מען געשאָסן, אויך זי איז שוין מזלדיק געווען זיך צו זען מיט דעם טויט. די בעלי בתים האָט מען באַפרייט.

איך בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין דער קאַלטער נעץ ביז עס איז געוואָרן פינצטער. כ'האָב דאַן באַשלאָסן צוריקצוגיין צום שטאַל. ווען כ'בין אַריין אין שטאַל האָב איך געטראָפן פרעמדע מענטשן געבן די בהמות צו עסן. איינער פון די גוים האָט אַרויסגעבראַכט אַ גרויסן שלאָס און פאַרשלאָסן די טיר, און געלאָפן רופן די באַנדעראָווצעס. איך האָב פאַרנומען מיט זיך וואָס כ'האָב געהאַט, אַ פלאַש וואַסער, אַ האַלב ברויט און עפּעס אַנצוטאָן. כ'האָב אויפגעריסן אַ ברעטל פון דער אַנדערער זייט שטאַל און בין אַוועקגעגאַנגען. מען האָט מיר שפּעטער דערציילט וואָס פאַר אַ זוכעריי דאָרט איז פאָרגעקומען.

איך בין געגאַנגען צוריק צום דאָרף מאַרקאָוויטש צו מיין פריינדין, וואָס האָט אין דער ערשטער צייט מיך מיט מיין שוועסטער געהאַלטן אויף איר פּעקאַליק (אויוון) און פון פאַרנט געשטעלט אַ מולטער כדי אונדז צו פאַרשטעלן. איך בין אַריין צו איר אין סטאָדאָלע און זיך באַהאַלטן אין די סנאָפּעס, וואָס האָבן נאָך געהאַט פולע זאַנגען. אַ סך ווייסע קליינע מייזלעך זיינען דאָרט געווען מיינע בעסטע פריינט. אַזוי האָב איך געלעבט דריי וואָכן: געגעסן דאָס קאָרן פון די זאַנגען. איין מאָל האָב איך געזען אַז מען שטעלט אַריין אַ מאַשין און מען גרייט זיך צו דרעשן די תבואה. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אין געפאַר. אַז פרעמדע מענטשן וועלן מיך באַמערקן, וועלן זיי מיך מוזן אויסגעבן. מיין פריינדינ'ס מאַן האָט געשטאַמט פון אַ נאַצי משפחה, אָבער זי איז מיר געווען זער געטריי.

אין דער פרי איז מיין פריינדינ'ס מאַן אַריינגעקומען אין סטאָדאָלע, האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַווייזן. פון שרעק האָט ער גע'חלש'ט און איז אַוועקגעפאַלן. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז זיין פרוי געקומען מיט אַ גלאָז מילך און אַ שטיקל ברויט אין האַנט, מיך געקושט און זיך געפרייט מיך צו זען אַ לעבעדיקע. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער האָט זי מיך געהייסן אַריבערגיין אין שטאַל, וווּ די פערד זיינען געווען, ווייל מאָרגן וועלן דאָ זיין מענטשן צו דער אַרבעט. איר פאָטער איז געווען סטאַראָסטאַ פון דערפל נאָך אין די פּוילישע צייטן און אויך יעצט, אַזוי אַז עס איז גאָר אויף זיי קיין פאַרדאַכט נישט געווען.

אין האַרבסט 1943 האָט שוין די לאַגע פאַר'ן דייטש נישט צו גוט אויסגעזען. מיין פריינדין מאַנקאַ סאָלטיס האָט געהאַט האָפענונג אַז אפשר וועל איך פאָרט איבערלעבן. איר מאַן איז איינמאָל געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז עס זעט אויס אַז כ'וועל אפשר איבערלעבן, און וואָס וועט דעמאָלט זיין? איך וועל מוזן חתונה האָבן מיט אַ גוי, ווייל קיין ייד איז שוין נישטאָ אויף דער וועלט. אויך אין אַמעריקע האָט מען אויסגע'הרג'עט אַלע יידן נאָך אין 1941...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן רוסישע פּאַרטיזאַ־

נען. זייערע גרופּן האָבן זיך כסדר פאַרשטאַרקט, ווייל אַלע רוסישע געפאַנגענע וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן צום דייטש, זיינען זיך צעלאָפן פון די לאַגערן. די דייטשן האָבן מיט זיי שווער געאַרבעט און זיי געלאָזט שטאַרבן פון הונגער, זיינען זיי אַוועק אין וואַלד, זיך אָרגאַניזירט, אָנגעפאַלן אויף די דייטשן, אויפגעריסן בריקן א.א.וו.

ווען עס האָבן זיך געהערט שלעכטע ידיעות, פלעגט מיין באַלעבאָסטע מיר קומען זאָגן אַז איך זאָל אַוועקגיין און אַז ביינאַכט וועט זי מיר ברענגען אַ ברויט. איך האָב געוואַרט אויפ׳ן ברויט, אָבער זי איז נישט געקומען. אין דער פרי האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט מיך געוואָלט אַוועקשיקן, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ דאָס צו טאָן. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן אויסצוגראָבן אַ גרוב, צודעקן עס מיט אַ דעקל פון אַ פאָס און שטעלן פון אויבן די פערד. אַז עס איז געוואָרן אומרואיק, האָבן זיי מיך אַהין אַריינגעזועצט ביז די שווערע וואָלקנס זיינען איבערגעגאַנגען. דאָס וואַסער פון די פערד האָט זיך מיר געגאָסן אויפ׳ן קאָפּ. אַזוי האָב איך אַ סך מאָל געדאַרפט זיצן צו עטלעכע טעג. דערנאָך פלעג איך ווידער אַרויט אויף מיין אָרט אין שטאַל. איך האָב שטענדיק געשטריקט און גענייט. כדי צו האָבן גענוג ליכט, האָב איך אויסגעשניטן אַ דרייעקיג לעכעלע אין דעם ברעטל.

אין דער נאַכט פון ראָזשדעסטוואָ (קריסטמעס) 1943, האָבן די באַלעבאַטים געפּראַוועט דעם חגא אין מיטן נאַכט. מען האָט פאַרהאָנגען די פענסטער און נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. מען האָט מיך אויך געבראַכט אין הויז אַריין. ווען איך האָב געעפנט די טיר, בין איך אַוועקגעפאַלן אין חלשות. איך האָב שוין נישט געקענט פאַרטראָגן די לופט פון אַ וווינונג. מען האָט מיך געלייגט אויפ׳ן שניי און געריבן ביז איך האָב אויפגעוואַכט.

דאָס דאָרף ווו מיר זיינען געווען איז נאָענט צום שטאָט. עס האָבן זיך כסדר געהערט נעענטער די שיסערייען. סוף יאַנואַר 1944 איז די שטאָט שוין אָקופּירט געוואָרן פון רוסישע פּאַרטיזאַנען. די דייטשן האָבן זיך אָבער פאַרשטאַרקט, עס איז אָנגעקומען אַ סך מיליטער, און די דייטשן האָבן ווידער איבערגענומען די שטאָט, און אין מערץ 1944 האָבן זיי זיך אַיינגעגראָבן אַרום האַרכיוו. איין נאַכט אין מיטן מערץ איז עפּעס געוואָרן אומרואיק אַרום דעם הויז. עס זיינען געקומען פיר רוסישע סאָלדאַטן מיט אַ פאַרוווּנדעט פערד און געהייסן מיין באַלעבאָס אַז ער זאָל מאַכן אַ באַנדאַזש אויפ׳ן פערד און עס היטן ביז זיי וועלן צוריקקומען. דערווייל האָט איינער פון זיי דערזען דאָס קליינע דרייעקיג פענסטערל, וואָס איך האָב אויסגעשניטן אין ברעטל. ער האָט געזאָגט אַז פון דעם אָרט איז גוט צו זען, ווי די דייטשן גראָבן זיך איין אַרום דער שטאָט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז שוין געווען לעבן מיר און מיך געוואָלט דערשיסן. כ׳האָב געהאַט גליק וואָס איך האָב געקענט די רוסישע שפּראַך און אים באַרואיקט און אים אָנגעהויבן דערציילן אַלץ וועגן זיך. איך האָב אים בשום אופן נישט געקענט איבערצייגן אַז איך ווין אויף דער גאַס און באַהאַלט זיך אויס אין די שטאַלן, ווייל איך בין אַ יידישע. ער איז געווען אַ לייטענאַנט. ער איז געווען זייער אויפגערעגט און געוואָלט שיסן דעם בעל הבית. ביז ער האָט מיך אינגאַנצן אויסגעהערט, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. די רוסן האָבן נישט געקענט גיין ווייטער אין ליכטיקן טאָג, האָבן זיי זיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער און אַלץ אַרום גענוי אַרומגעקוקט. איך האָב זיך ביי זיי געבעטן אַז איך וויל מיט זיי מיטגיין. זיי האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז זיי אַליין גייען אויפ׳ן טויט און מיך נישט געוואָלט מיטנעמען. איך בין אָבער פון זיי נישט אָפּגעטראָטן, און ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, בין איך מיט זיי אומעטום געגאַנגען. פאַרטאָג זיינען מיר געקומען אויף סקאָבעלקע, די פאָרשטאָט פון האַרכיוו. אין שטאָט זיינען געווען די דייטשן. זעקס רוסן האָבן געהאַלטן דעם פראָנט אויף סקאָבעלקע. איך האָב געהאַט מיט זיך אַביסל קליידונג און אַנדערע זאַכן, אָבער ווען מיר זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן פון די דייטשן אין דעם הויז ווו מיר זיינען געזעסן, זיינען מיר קוים אַרויס מיט׳ן לעבן. מען איז געלאָפן 15 קילאָמעטער ביים ברעג פון וואַסער. די גראַנאַטן זיינען אַריין אין די זומפּן און די קוילן האָבן געטראָפן און פאַרוונדעט צוויי פון די זעקס. איך האָב נישט געקענט נאָכלויפן. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט קיין ביזשעוו. דאָרטן זיינען שוין געווען די רוסן איינגעגראָבן אין די אָקאָפּעס. איין פוילישע האָט מיר געגעבן שמאַטעס איינצוויקלען די פיס, ווייל איך בין געגאַנגען אויפ׳ן אייז מיט די באָרוועסע פיס. אַ צווייטע גוי׳ע האָט מיר געבראַכט אַ פּעקל מיט בילדער, זי האָט געזאָגט אַז זי האָט זיי געפונען אין געטאָ. דאָס זיינען געווען בילדער פון מיין חבר בן־ציון לאַקריץ. ער איז אַוועק אין

וואַלד און דאָרט אומגעקומען. איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן זיינע ווערטער, ווען איך האָב אים געפֿרעגט צו מיינט ער אַז מ׳וועט אויס׳הרג׳ענען אַלע יידן, האָט ער געענטפֿערט: „יאָ, אונדז אַלע יאָ, אָבער נישט אַלע יידן. אַלע אַנדערע וועלן רעדן דערפֿון אַ שטיקל צייט, איינער וועט גלייבן, אַ צווייטער — נישט, ביז מען וועט פֿאַרגעסן״.

יענע נאַכט בין איך געשלאָפֿן אויף דער ערד מיט אַלע סאָלדאַטן. דעם צווייטן טאָג, האָט מען מיך געמוזט פֿירן צום שטאָב. ווען די אָנפֿירערס האָבן מיך דערזען, האָבן זיי גאָרנישט געקענט פֿאַרשטיין, ווייל איך האָב כמעט ווי נישט געקענט ריידן. ווען איך האָב גערעדט האָט מיר אָפּגעהילכט אין די אויערן ווייל איך האָב קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט פֿאַר קנאַפּע צוויי יאָר צייט. מען האָט מיך אָנגענומען פֿאַר אַ שפּיאָן, ספּעציעל ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין פֿון דעם דאָרף מאַרקאָוויטש. זיי האָבן דאָס גאָרנישט געקענט געפֿינען אויף די מאַפּע. איך האָב זיי אָנגעוויזן אָן ערך ווי דאָס געפֿינט זיך, זיינען זיי גאָר איבעראַשט געוואָרן, אַז אַזאַ פֿאַרזעעניש ווי איך זאָל קענען לייענען אַ מאַפּע. מען האָט מיט געפֿירט פֿון איין אָרט צום צווייטן, ביז עס איז מיר איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן צי עס זיינען פֿאַראַן עפּעס יידן אין זייער מיליטערישער אָפּטיילונג. יאָ, האָבן זיי געזאָגט, אַלע קאַפּיטאַנען און לייטענאַנטן זיינען יידן. דער געדאַנק האָט מיך געראַטעוועט. איך האָב מיך געטראָפֿן מיט אַן איין־און־צוואַנציק יאָריקן קאַפּיטאַן פֿון אָדעס. ער האָט נישט געקענט רעדן יידיש, ער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל אים אַלץ דערציילן אין יידיש, כדי די אַנדערע זאָלן נישט וויסן וואָס דאָ איז פֿאַרגעקומען.

איך האָב געטראָפֿן נאָך אייניקע יידן אין מיליטער. זיי אַלע האָבן זיך מיט מיר פֿאַראינטערעסירט און מיר געהאָלפֿן. ווען איך בין אַביסל געקומען צו זיך, האָבן זיי מיך געשיקט קיין לוצק מיט אַ מיליטערישן לאַסט אויטאָ.

איך האָב ערשט דערפֿילט מיינע ווייטאָקן ווען מען האָט מיך אַראָפּגעלאָזט הינטער דער שטאָט און געזאָגט: „גיי״. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר מיין אייגענעם שאָטן און — איינע אַליין אין דער גאָרער וועלט! די טרערן האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אַ גאָס געטאָן. די גאַנצע צייט זיינען גאָר קיין טרערן נישט געווען. כ׳האָב געטראָגן מיט זיך אַ פּעקל עסן וואָס מ׳האָט מיר מיטגעגעבן. איך האָב שוין געהאַט אַ פּאָר שיך וואָס איך האָב אויפגעניייט פֿון אַ מיליטערישן מאַנטל. איך בין געגאַנגען און די טרערן האָבן זיך געגאָסן. אַז איך בין אָנגעקומען צו דער קראָסנער בריק, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ וואַך, האָט מען יעדן לעגיטימירט. איך האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו ווייזן. פּלוצים האָב איך דערזען אַ מיידל מיט אַזאַ הולך ווי מיינער. זי איז געגאַנגען מיט אַ יינגל. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן איינער צום צווייטן מיט מורא, ביז איך האָב דערהערט אַ יידיש וואָרט. עס איז גאָרנישט פֿאַרצושטעלן די איבערלעבונג בעת מיר זיינען אַרויפֿגעפֿאַלן איינע אויף די צווייטע, זיך געקושט און געוויינט. „וויינט נישט״, האָט זי מיר געזאָגט, „קומט מיט מיר, עס זיינען דאָ נאָך אַ פּאָר יידן, וועט איר זיין מיט אונדז״. דאָס איז געווען פּאַניע לערנער, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט מיט איר מוטער לייקע און איר שטיף־פֿאָטער מאָטל. זיי וווינען יעצט אין ניו יאָרק. מיר זיינען פֿאַרבליבן אייביקע גוטע־פֿריינט. זי האָט מיך געבראַכט אין אַ ליידיק הויז, נאָר שטרוי אויף די ערד צום שלאָפֿן.

ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט די טיר, איז מיר אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן האַלז אַ מיידל. זי האָט מיך דערקענט און מיר דערציילט אַז מיט זיי איז אויך לעבן געבליבן מוסיע פּערלמוטער פֿון הארכיוו. זי אַליין איז געווען אַ טאָכטער פֿון דער סאַדאָווער משפּחה. אַ מאַמע מיט זעקס קינדער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד. מיר האָבן זיך צעגויפֿגעלעבט ווי שוועסטער און ברידער. אַלע זיינען געווען הונגעריק. איך האָב אויפֿגעבונדן דאָס פּעקעלע מיט׳ן עסן און געזאָגט: עסט, קינדערלעך. הינדע האָט מיר געגעבן אַ צייכן און געזאָגט: זיי נישט קיין נאַר, שפּעטער וועסטו אַליין נישט האָבן וואָס צו עסן. איך האָב איר געענטפֿערט, אַז איך וועל לעבן, וועל איך שוין געפֿינען וואָס צו עסן. און אַזוי איז עס געווען.

אין אַפּריל 1945 האָב איך מיך געטראָפֿן מיט ישראל זשיראָף, אויך אַ געליטענער. ער האָט אַ סך איבערגעלעבט אַלס רוסישער מיליטער געפֿאַנגענער. מיר האָבן חתונה געהאַט אין חודש אויגוסט און אוועק פֿון

לוצק קיין פוילן, און פון פוילן קיין דייטשלאַנד. אין דעצעמבער 1945 האָבן מיר זיך באַזעצט אין לאַמפּערטהיים, העסן, אין לאַגער די. פּי. איך האָב באַלד גענומען זוכן קרובים אין אַמעריקע. איך האָב געוווּסט אַז אין קאַנאַדע האָב איך אַ קוזינע רחל אייזענבערג, וואָס האָט געאַרבעט אין דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. איך האָב אַנאָנסירט אין אַלע צייטונגען און זי האָט זיך באַלד אָפּגערופן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טאָג ווען כ׳האָב באַקומען איר בריוו מיט די ווערטער: „טייערע שרה, איך שיק יעצט אַ בריוו אין דער וועלט אַריין אַזוי ווי נח האָט אַרויסגעשיקט די טויב נאָך דעם מבול". דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָט מיין קוזינע זיך צו מיר אָפּגערופן. איך בין איבערגליקלעך זי צו פאַרמאָגן.

שפּעטער האָט רחל מיך פאַרבונדן מיט מיין משפּחה אין די שטאַטן.

אין 1946 איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן אַ זונעלע. איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן יעקב, נאָך מיין אומגעקומענעם פאָטער. דאָס קומען פון קינד, האָט געבראַכט אַ זין פאַר מיין לעבן. די גאַנצע משפּחה אין אַמעריקע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן און אונדז מיט אַלעמען געהאָלפן. מיין פעטער דוד טעסלער, וואָס אין דער אַלטער היים האָט מען אים גערופן דודי הערש מענדלס, האָט צוזאַמען מיט זיינע זין געשיקט אונדז ד־ נויטיקע פאַפּירן און אונדז געבראַכט קיין אַמעריקע, אויך אונדזערע געטרייע קאָזינס האָבן געהאָלפן פינאַנסירן די רייזע אויסגאַבן און אויך דאָ געהאָלפן אויף אַלערליי אופנים. אין 1951 איז אונדז געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל, יהודית, אַ נאָמען נאָך מיין אומגעקומענער מוטער.

געשריבן אין דולוט, מינעסאָטאַ, סוף יאָר 1961

# בחייהם ובמותם לא נפרדו...



משפחת שלאין (1931)
עומד — האב צבי; יושבים — אשתו בוזיה ושלושת ילדיהם



זאב זינגר, רעייתו מינדל (שווארצאפל) ובנם יעקב (1937)



רבקה פיש ובנה משה'לה



סוסי וגיטל מיכל

סאסי און גיטל מיכל — אומגעקומען אין געטא. אין אמעריקע געפונען זיך דער מאן הערשל; דער זון יוסף און די שוועסטער מאניע און רייזיל.

# תושבי הורוכוב למשפחותיהם
# שנספו בשואה

אודליס בנימין ומשפחתו
אפעל לייבוש וואלף ומשפחתו
אפעל שרה ומשפחתה
אפעל אברהם ומשפחתו
אייזען משה ומשפחתו
אייזען יוסף ומשפחתו
איידעם אפרים ומשפחתו
איידעם ישעיה ומשפחתו
איידעם רחל ומשפחתה
איידעם פייגע ומשפחתה
איידעם דינה ומשפחתה
אבציוק שרה ומשפחתה
אבציוק שמואל ומשפחתו
איינבינדער טובה ומשפחתה
איינבינדער אליהו ומשפחתו
איינבינדער אליעזר ומשפחתו
איינבינדער פעסי גיטל ומשפחתה
איינבינדער טשארנע ומשפחתה
איינבינדער בראניע ומשפחתה
איינבינדער דוד ומשפחתו
אודליס יוסף ומשפחתו
אודליס עטל ומשפחתה
אינגערמאן יהושע ומשפחתו
אונגער זיינוול ומשפחתו
אויסטייטשער רחל ומשפחתה
אודליס אברהם ומשפחתו
אווערבוך וועווע ומשפחתו
אווערבוך מעכל ומשפחתו
אוליניק אנשל ומשפחתו
אטינגר רחל ומשפחתה
אינגבער פנחס ומשפחתו
אייזענגראד משה ומשפחתו
אלסטער אברהם ומשפחתו
אסתר זוויניאטשער ומשפחתה
אברהם דער גלעזער ומשפחתו

בערגער דב (בערל) בן מאיר
בערגער אברהם ומשפחתו
בערגער ישראל ומשפחתו
בערגער אשר ומשפחתו
בערגער ישראל בן אשר ומשפחתו
בערגער מאטל בן אשר ומשפחתו
בלעכמאן עטל ומשפחתה
בלעכמאן צבי ומשפחתו
בלעכמאן זוסיע ומשפחתו
בלעכמאן מאטל ומשפחתו
בלעכמאן שיינדל ומשפחתה
בלעכמאן ישראל ומשפחתו
בלעכמאן אהרון ומשפחתו
בוים שעפע ומשפחתו
בערלינער לאזאר ומשפחתו
ברעגמאן מולי ומשפחתו
בורשטיין משה ומשפחתו
בירמאן ויטיע ואריה
בירמאן חיים ומשפחתו
בירמאן אסתר ודוואסיע
ברוקער משה ומשפחתו
בלאנק פנחס ומשפחתו
בליי יהושע ומשפחתו
בלעכער בערל ומשפחתו
ביניוק צבי ומשפחתו
ביניוק יצחק ומשפחתו
ביניוק יעקב ומשפחתו
בובער יוסף ומשפחתו
בובער יהושע ומשפחתו
בובער אברהם ומשפחתו
בובער מאטל ומשפחתו
בוימל גדליהו ומשפחתו
ברוינשטיין חיים ומשפחתו
ברוינשטיין שבתאי ומשפחתו
ברוינשטיין רייזל ומשפחתה

בריזניק יענקל ומשפחתו
בריזניק פעסיע ומשפחתה
בריזניק אברהם ומשפחתו
בריזניק פייביש ומשפחתו
ברעזנער גרשון ומשפחתו
ברעזנער מענדל ומשפחתו
ברעזנער דודי ומשפחתו
ברעזנער משה ומשפחתו
ברעזנער רייזי ומשפחתה
בילדער יצחק ומשפחתו
באראל רחל ומשפחתה
ברעסלער משה ומשפחתו
ברעסלער גיטל ומשפחתה
בערגער יצחק ומשפחתו
בערגער יענטע ומשפחתה
בלעכער יוסף ומשפחתו
בעקער יוסף ומשפחתו
בעקער גרשון ומשפחתו
בעקער בן־ציון ומשפחתו
בילדער יוסף ומשפחתו
בערמאן יקותיאל ומשפחתו
בריק אפרים ומשפחתו
ביבער איידל ומשפחתה
בלעכער משה ומשפחתו
בענצי חוטב עצים ומשפחתו
בייטש אברהם ומשפחתו
ברוקער חיה ומשפחתה
בראנפן מנשה ומשפחתו
בלאזין יהושע ומשפחתו
באלים חיים הערש ומשפחתו
באלים אברהם יעקב ומשפחתו
באלביר יצחק ומשפחתו
ברייט שמאי ומשפחתו
ברייערמאן יוסף ומשפחתו
בריק בן־ציון ומשפחתו

ברונשטיין שמאי ומשפחתו
בריק חיים ומשפחתו
בארט זעליג ומשפחתו
בארט לייבוש ומשפחתו
בארט ישראל ומשפחתו
בארט יוסף ומשפחתו
בארט אליהו ומשפחתו
בארט חייקע ומשפחתה
בארט טוביה ומשפחתו
בירפעלד מלכה ומשפחתה
בירפעלד מענדל ומשפחתו
בירפעלד צבי ומשפחתו
בייטש ראניע ומשפחתה
בירמאן צבי ומשפחתו
ביבער ומשפחתו
בערציס איכל ומשפחתו
בטלן מאטל ומשפחתו
גאלדוואסער חנה וזיינוול
בנימין החיט ומשפחתו
בוגנער סאניע ומשפחתה
בערגער איטע (בת אשר) ומשפחתה
בעבעק ומשפחתו

גורנשטיין משה (השו"ב) ומשפחתו
גורנשטיין שלמה ומשפחתו
גרובער ישעיהו ומשפחתו
גרובער רחל ומשפחתה
גרובער פעסיע ומשפחתה
גרובער (הרופא) ומשפחתו
גרובער (העו"ד) ומשפחתו
גויער לוי ומשפחתו
גויער חיה הינדע ומשפחתה
גויער שיינצי ומשפחתה
גויער יוסף ומשפחתו
גאלידער יצחק ומשפחתו
גאלידער חנה ומשפחתה
גינצבורג לייב ומשפחתו
גינצבורג יוסל ומשפחתו
גינצבורג איצי ומשפחתו
גינצבורג מאטל ומשפחתו

גראספעלד (הרופא) ומשפחתו
געלער בנימין ומשפחתו
געלער מיכל ומשפחתו
גייער שלמה ומשפחתו
גרין אברהם יצחק ומשפחתו
גרין יוסי ומשפחתו
גרין ניסי ומשפחתו
גראס אשר ומשפחתו
גראס שלמה ומשפחתו
גראס שיינדל ומשפחתה
גריידינגער ברוך ומשפחתו
גריידינגער חיה-לאה ומשפחתה
גאלדפארב משה ומשפחתו
גאלדפארב מאטל ומשפחתו
גארלאנד יהושע ומשפחתו
גאלדפארב אסתר רחל ומשפחתה
גאלדפארב שרה ומשפחתה
גאלדפארב חייקע ומשפחתה
גאלדוואסער חנה וזיינוול
גראסקאפ דב ומשפחתו
גראסקאפ בנימין ומשפחתו
גאלדרינג פערל ומשפחתה
גאלדשטיין אליעזר ומשפחתו
גאלדשטיין מאניע ומשפחתה
געוואנט יהושע ומשפחתו
גראנאט אסתר ומשפחתה
גאלפערסאן דוד ומשפחתו
גאלדרינג יאנצי ומשפחתה
גרינשפאן משה אהרון ומשפחתו
גלייזער שמואל ומשפחתו
גלייזער אברהם ומשפחתו
גייבלער גאלדע ומשפחתה
גייבלער יהושע ומשפחתו
גייבלער חיים ומשפחתו
גייבלער שרה ומשפחתה
גרינבערג חיה ומשפחתה
גרינבערג בנימין ומשפחתו
גלייכמאן פיניע ומשפחתו
גלייכמאן אליהו ומשפחתו
גוטערמאן דוד ומשפחתו

גוטערמאן מאיר ומשפחתו
גוטערמאן אנשל ומשפחתו
גרייבער גיסי ומשפחתה
גרייבער איצי ומשפחתו
גרייבער נוח ומשפחתו
גרייבער אייזיק ומשפחתו
גרייבער שלמה ומשפחתו
גאראכאבסקי איציק הערש ומשפחתו
גאראכאבסקי משה ומשפחתו
גאראכאבסקי מינדל ומשפחתה
גאראכאבסקי דוד שלמה ומשפחתו
גאלדוואסער רפאל ומשפחתו
גלייכמאן מאטל ומשפחתו
גלייכמאן רייזי ומשפחתה
גרייבער זלמן ומשפחתו
גרייבער איציק הערש ומשפחתו
גראנאט צבי ומשפחתו
גרובער אברהם ומשפחתו
גרומיש מינדל ומשפחתה
גרומיש טוביה ומשפחתו
גרובער רחצי ומשפחתה
גויער רחל ומשפחתה
גורלאנד פערל ומשפחתה
געלער מאטל ומשפחתו
געלער דובה ומשפחתה
גראנאט פישל ומשפחתו
גוטערמאן שיינדל ומשפחתה
גוטערמאן יקותיאל ומשפחתו
גוטערמאן יעקב ומשפחתו
גרייען דינה ומשפחתה
גרייען אהרון ומשפחתו
גערשט ישעיה ומשפחתו
גאראכאבסקי יוסי ומשפחתו
גרינשפון שמשון ומשפחתו
גולדעשער פייגע ונפתלי ומשפחותיהם
גאראכאבסקי זיינוול ומשפחתו
גייער זיסל ומשפחתה
גייער פעסי ומשפחתה
גארען מאלי (ריבציס) ומשפחתה
גרינשפון חיים ומשפחתו

גריידינגער מרדכי ומשפחתו
גרייבער מאטל ומשפחתו
גראנאט משה ומשפחתו
גויער סאסיע ומשפחתה
גויער חייקע ומשפחתה
גויער יעקב ומשפחתו
גאלדפארב שלמה ומשפחתו
געלייטער לאה ומשפחתה
געלער שרה ופנחס
גרינשטיין ומשפחתו
גאלדענבערג ומשפחתו
גערבאטש מרדכי יוסל ומשפחתו
גינצבורג מאניע ומשפחתה
גרינבערג (מנהל חשבונות) ומשפחתו
גאָלדבערג אריה ומשפחתו

דאבראמיל יוסף הירש ומשפחתו
דאבראמיל חיים יענקל ומשפחתו
דאבראמיל אברהם פייוויש ומשפחתו
דיטון משה ומשפחתו
דאקטארמאן דוד ומשפחתו
דריקער משה אהרן ומשפחתו
דריקער חיים לייב ומשפחתו
דומברוביצר חיים ומשפחתו
דיקשטיין שמואל ומשפחתו
דיקשטיין יצחק ומשפחתו
דיקשטיין יונה ומשפחתו
דיקשטיין יחזקאל ומשפחתו
דיקשטיין מחולוניוב (כל המשפחה)
דיקשטיין שלמה ומשפחתו
דיקשטיין חיים ומשפחתו
דאבראמיל פריידע ומשפחתה
דריקער הערש ומשפחתו
דרונג יהודה ומשפחתו

הארנשטיין אברהם ומשפחתו
הארנשטיין צבי ומשפחתו
הארנשטיין שבתאי ומשפחתו
הארנשטיין יואל ומשפחתו
הארנשטיין קהת בן יואל ומשפחתו

הארנשטיין איזיע ומשפחתו
האַלצמאן נפתלי ומשפחתו
העקדיש צבי ומשפחתו
העקדיש מאיר ומשפחתו
הירשפעלד רייצי ומשפחתה
הירשפעלד שמואל ומשפחתו
הירשפעלד חנא ומשפחתו
הורוויץ פייוול ומשפחתו
האק ברוך ומשפחתו
האק ישעיה ומשפחתו
האקער פרץ ומשפחתו
הערליך מאטל ומשפחתו
הערליך גאלדע ומשפחתה
הערליך שמאי ומשפחתו
הערליך מאטל (הצלם) ומשפחתו
הערינג פייגע ומשפחתה
הערינג יענקל ומשפחתו
האבעל מאיר ומשפחתו
הובער חיים ומשפחתו
הובער זינדל ומשפחתה
הובער אברהם ומשפחתו
הובער צבי ומשפחתו
האנדעלסמאן יוסף ומשפחתו
הארנשטיין קהת (בן אברהם) ומשפחתו
האכמאן בן־ציון ומשפחתו
הערינג לייב ומשפחתו
הערינג חנה ומשפחתה
הערינג מאטל ומשפחתו
העכט יענטע ומשפחתה
העכט יוסף ומשפחתו
העכט אסתר ומשפחתה
הערליך חיים ומשפחתו
הארנשטיין (המשפחה מברוטשיץ)
העכט זיסל ומשפחתה
העכט מאטל ומשפחתו
הערינג יאכע ומשפחתה

וואלאך יודל ומשפחתו
וואלאך יענקל ומשפחתו
וואלאך (המשפחה מחולוניוב)

וועקסיל ומשפחתו
ווייגער מרים ומשפחתה
ווייגער ישראל ומשפחתו
וואסער זלמן ומשפחתו
וואסער יוסל ומשפחתו
וואסער מאנעס ומשפחתו
וואסער מינצי ומשפחתה
וואסער רבקה ומשפחתה
וואסער צאלי ומשפחתו
וואסערמאן יוסל ומשפחתו
וואסקעבויניק גוטמאן ומשפחתו
וואסקעבויניק בני ומשפחתו
ווערעניצע נח ומשפחתו
וויינער אברהם דוד ומשפחתו
ווינאגראד שרה ודוד ומשפחותיהם
וואסער הינדע ומשפחתה
וואסער שרה ומשפחתה
וואסער משה ומשפחתו
וועקסל יואל ומשפחתו
ווייגער פנחס ומשפחתו
וואסער חנה ומשפחתה
וואסער עובדיה ומשפחתו
ווינאגראד דוד ומשפחתו
ווייצמאן ומשפחתו
וואלדמאן משה ומשפחתו
וויינער יצחק ומשפחתו
וויינער משה ומשפחתו
וויינער מאטל ומשפחתו
וויינער אפרים ומשפחתו
וויינער אליעזר ומשפחתו
ועסלער מאטל ומשפחתו
וועסלער ברכה ומשפחתה

זובערמאן ישראל ומשפחתו
זובערמאן משה ומשפחתו
זאפאליץ ישראל ומשפחתו
זינגער אהרון ומשפחתו
זינגער וועלוול ומשפחתו
זינגער יעקב ומשפחתו
זאטל קלמן ומשפחתו

זעמעל יענקל ומשפחתו
זעמעל בלומה ומשפחתה
זאקנער טויבע גאלדע ומשפחתה
זוטלער חנא ומשפחתו
זוטלער בנימין ומשפחתו
זוטלער חיים ומשפחתו
זוטלער יונה ומשפחתו
זוטלער ראובן ואחיו
זוטלער ראובן ומשפחתו
זינגער רייזל ומשפחתה
זינגער אהרון ומשפחתו
זינגער חיים הערש ומשפחתו
זובערמאן מרים ומשפחתה
זובערמאן מוסיע ומשפחתו
זינגער מאטל ומשפחתו
זאקנער חיים ומשפחתו
זייזי דער פויקער ומשפחתו
זיידענוואר‏ם שמואל ומשפחתו

חאמיש בעריש ומשפחתו
חאמיש בן־ציון ומשפחתו
חאמיש יודל ומשפחתו
חומש וועווע ומשפחתו
חוליוער משה ומשפחתו
חאראסק זעליג ומשפחתו
חזן יחיאל הערש ומשפחתו
חזן יוסף הענעך ומשפחתו
חאנעלעס יהושע ומשפחתו
חאנעלעס מאטל ומשפחתו
חאנעלעס מאיר ומשפחתו
חאראסק מלכה ומשפחתה
חאראסק מרים ומשפחתה
חאמיש פערל ומשפחתה
חאוועס פייגע ומשפחתה
חזן יעקב ומשפחתו

טראכטענבערג יוסף ומשפחתו
טראכטענבערג לייבוש ומשפחתו
טאבאטשניק אייזיק ומשפחתו
טאפלער שמשון ומשפחתו

טרייסטער יצחק ומשפחתו
טרייסטער חיים ומשפחתו
טוט בעריש ומשפחתו
טוט אהרון ומשפחתו
טוט ישראל ומשפחתו
טויבער סענדער ומשפחתו
טויבער יצחק מרדכי ומשפחתו
טודרוס מענדל ומשפחתו
טודרוס נוח ומשפחתו
טראוויצער יענקל ומשפחתו
טראויצער טוביה ומשפחתו
טאבאק אליה חיים ומשפחתו
טאקער ברוך ומשפחתו
טעסלער ריסל ומשפחתה
טעסלער מלכה ומשפחתה
טעלער חיים לייב ומשפחתו
טעלער דוד מאיר ומשפחתו
טעלער חיה לאה ומשפחתה
טעפער (משפחה מחולוניוב)
טאפלער שיינדל ומשפחתה
טודרוס שמחה ומשפחתו
טאפלער מלכה לאה ומשפחתה
טעסלער אייזיק ומשפחתו
טעסלער סאסיע ומשפחתה
טעסלער יעקב ומשפחתו
טעסלער הערשל ומשפחתו
טיי חיים ומשפחתו
טוט נעכע ומשפחתה
טרייגער רייזל ומשפחתה
טאבאצניק אייזיק ומשפחתו
טאבאצניק חיה ומשפחתה
טוט פעסיע ומשפחתה
טעסלער ממארקוביץ

יונגער בערל ומשפחתו
יונגער בן־ציון ומשפחתו
ייקעלס אסתר ומשפחתה
יאנצער ניסן ומשפחתו
יענקלע דער גלעזער ומשפחתו

כץ יואל ומשפחתו
כץ בענצי ומשפחתו
כהן אברהם ומשפחתו
כהן חנה ומשפחתה
כהן (משפחה מחולוניוב)
כאגאן יעקב ומשפחתו
כץ בערל ומשפחתו
כהן הינדע ומשפחתה

לעוויט מאטל ומשפחתו
לוין משה ומשפחתו
ליטווין זלמן ומשפחתו
ליטווין יעקב ומשפחתו
ליטווין אברהם ומשפחתו
לאוודער נחמן ומשפחתו
לאוודער יצחק ומשפחתו
לערנער ישראל ומשפחתו
לערנער וועלוול ומשפחתו
לערנער גרשון ומשפחתו
לערנער יואל ומשפחתו
לערנער לאה ומשפחתה
לערנער סימע ומשפחתה
לערנער משה בן מאטל
לערנער לייב ומשפחתו
לערנער וועלוול ומשפחתו
לערנער ישראל ומשפחתו
ליקווער יצחק ומשפחתו
לעדער גרשון ומשפחתו
לאקריץ אהרון ומשפחתו
לאקריץ זלמן ומשפחתו
לייטסדורף ומשפחתו
לאזעווניק דוד ומשפחתו
ליבער שלמה ומשפחתו
לאנגער נחמן ומשפחתו
לייצמאן ישראל ומשפחתו
לייצמאן יעקב ומשפחתו
ליפשיץ יעקב ומשפחתו
לאזעווניק רפאל ומשפחתו
לאקריץ אידיס ומשפחתה
לעוו ומשפחתו

לאקריץ מאיר ומשפחתו
לאקריץ ישעיה ומשפחתו
לאקריץ גאלדע ומשפחתה
לאקריץ פריידע ומשפחתה
לעדער יוסף ומשפחתו
לעדער אברהם ומשפחתו
לעדער מענדל ומשפחתו
לעדער נוח ומשפחתו
ליטמאן בנימין ומשפחתו
ליטמאן געצי ומשפחתה
ליטמאן לייבוש ומשפחתו
ליטמאן אייזיק ומשפחתו
ליפשיץ זעליג ומשפחתו
ליפשיץ חיים ומשפחתו
ליפשיץ איציק ומשפחתו
לערנער אהרון ומשפחתו
לערנער שמעון ומשפחתו
לערנער לאה ומשפחתה
לעשניוער הערש ומשפחתו
לערנער עטי ומשפחתה
לערנער חוה ומשפחתה
לעווין שמואל ומשפחתו
לרנר משה בן סימה ומשפחתו

מייזליש יוסף ומשפחתו
מונוסוביץ שיינדל ומשפחתה
מונוסוביץ שמואל ומשפחתו
מונוסוביץ ישראל ומשפחתו
מייזליש בנימין ומשפחתו
מייזליש ישראל ומשפחתו
מייזליש חיה גיטל ומשפחתה
מייזליש שמואל ומשפחתו
מייזליש יעקב ומשפחתו
מיילער שלום ומשפחתו
מארגאסיס אליעזר ומשפחתו
מילשטיין ברוך ומשפחתו
מילשטיין אליהו ומשפחתו
מיראטשניק משה ומשפחתו
מיראטשניק נפתלי ומשפחתו
מילער מיכל ומשפחתו

מעש גדליהו ומשפחתו
מיילער חיים ומשפחתו
מעש טוביה ומשפחתו
מעש יודל ומשפחתו
מעש צבי ומשפחתו
מלמד מרדכי מארקל ומשפחתו
מלמד אברהם יעקב ומשפחתו
מגיד שלמה ומשפחתו
מגיד אליעזר ומשפחתו
מיכל זעליג דוד ומשפחתו
מיכל צבי ומשפחתו
מארגוסיס לייב ומשפחתו
מאטליס חיים ומשפחתו
מעש בערצי ומשפחתו
מיילער שלמה ומשפחתו
מרגאליס שרה ומשפחתה
מאקרין שעיה ומשפחתו
מאקרין שמואל ומשפחתו
מאקרין מאיר ומשפחתו
מאקרין בתיה ומשפחתה
מעש הערשל ומשפחתו
מעש סלאווע ומשפחתה
מעש צירל ומשפחתה
מעש באסיע ומשפחתה
מינציס שרה ומשפחתה
מאטליס ליפע ומשפחתו
מיראטשניק ישעיה ומשפחתו
מעש מענדל ומשפחתו
מעש נאטע ומשפחתו
מעש יוסי ומשפחתו
מעלער סאסיע ומשפחתה
מאטל דער גלעזער ומשפחתו
מיכל סאסיע וגיטל
מאזיאר יוסף ומשפחתו
מייזליש ביילע ומשפחתה
מייזליש שרה ומשפחתה
מלך חנה ומשפחתה
מיילער שלום ומשפחתו
מגיד עטי רחל ומשפחתה

נוימאן יוסף ומשפחתו
נודעל טוביה ומשפחתו
נירנבערג זלמן וגיטל
נוימאן שלמה ומשפחתו
נודל יצחק אהרון ומשפחתו
נוימאן לייבוש ומשפחתו
נוימאן מלכה ומשפחתה
נעפטמאן אלתר ומשפחתו
ניימאן שמואל ומשפחתו
ניימאן צבי ומשפחתו
ניימאן יוזיפ ומשפחתו
נאטאנזאן מאטל ומשפחתו
נודלער מאיר ומשפחתו

סעגאל עקיבא ומשפחתו
סעגאל אברהם ומשפחתו
סטאליאר יצחק ומשפחתו
סאמיטער רבקה ומשפחתה
סאמיטער ברוך ומשפחתו
סימא חיים ומשפחתו
ספעקטור יוזיפ ומשפחתו
ספעקטור אנשל ומשפחתו
סאסנע מאטל ומשפחתו
ספעקטאר ביילע ומשפחתה
ספעקטאר הערש לייב ומשפחתו
ספעקטאר גאלדע ומשפחתה
ספעקטאר משה ומשפחתו
סאסנע ראובן ומשפחתו
ספעקטאר אשר ומשפחתו
ספעקטאר ליבער ומשפחתו
ספעקטאר רפאל ומשפחתו
סטעלניק יענטע ומשפחתה
סטעלניק יענקל ומשפחתו
סטאליאר יצחק ומשפחתו
סאסיע די מעלשענקערן ומשפחתה

פיש יעקב ומשפחתו
פיש רחל ומשפחתה
פריידפיר האדל ומשפחתה
פריידקיס יוזיפ ומשפחתו

פריידקיס פריידע ומשפחתה
פישמאן זלמן ומשפחתו
פיש ניומקה
פיש איסר ומשפחתו
פיש הערש לייב ומשפחתו
פיש ראָזי ומשפחתה
פיש אייזיק ומשפחתו
פיש רבקה ומשפחתה
פינקעל ליפשע ומשפחתה
פינקעל מעכל ומשפחתו
פילער הערש לייב ומשפחתו
פעלמייסטער שרקע ומשפחתה
פעלמייסטער רבקה ומשפחתה
פעלמייסטער משה ומשפחתו
פעלמייסטער אברהם ומשפחתו
פעלמייסטער יוסי ומשפחתו
פעלדמאן ברוך ומשפחתו
פעלדמאן אברהם ומשפחתו
פעלדמאן אברהם ומשפחתו
פעלדמאן טוביה ומשפחתו
פלאמין שלמה ומשפחתו
פלאמין בערל בן שלמה ומשפחתו
פלאמין אברהם ומשפחתו
פלאמין שמחה ומשפחתו
פלאמין שואל ומשפחתו
פלאמין בערל בן שמואל ומשפחתו
פלאמין חיים בן בערל ומשפחתו
פלאמין יעקב בן בערל ומשפחתו
פלאמין שלמה בן בערל ומשפחתו
פלאמין מענדל ומשפחתו
פלאמין יצחק ומשפחתו
פערלמוטער שמחה ומשפחתו
פריידפיר שמשון ומשפחתו
פריידפיר קוני ומשפחתו
פריידפיר יענקל ומשפחתו
פריידפיר אליעזר ומשפחתו
פינחאסאוויץ נחמן ומשפחתו
פיכמאן יענקל ומשפחתו
פיכמאן מאנצי ומשפחתה
פיכמאן פייגה ומשפחתה

פישמאן שמואל ומשפחתו
פישמאן חיים ומשפחתו
פישמאן נחום ומשפחתו
פישמאן שעפע ומשפחתה
פישמאן משה ומשפחתו
פישמאן יענקל ומשפחתו
פודים משה ומשפחתו
פודים אברהם ומשפחתו
פלוטיצה יוסל ומשפחתו
פינסקער יהושע ומשפחתו
פויגל נעכע ומשפחתה
פויגל שבתאי ומשפחתו
פויגל חיים הערש ומשפחתו
פיעציק אייזיק ומשפחתו
פישקע ירוחם ומשפחתו
פיקער אברהם ומשפחתו
פריידקיס יוסל ומשפחתו
פליט יוסף ומשפחתו
פליט ישראל ומשפחתו
פליט רחל ומשפחתה
פאסטערנאק פייסי ומשפחתו
פאסטערנאק שמואל ומשפחתו
פלאקער עלצי ומשפחתה
פיעטרושקע חיה ומשפחתה
פריינד בעריש ומשפחתו
פארוואנטשער הערש ומשפחתו
פיינגלאז משה ומשפחתו
פאמעראנץ שרה איטע ומשפחתה
פאמעראנץ מאנדל ומשפחתו
פייפער אורי ומשפחתו
פייפער משה ומשפחתו
פאדהארעץ זלמן ומשפחתו
פינקעלשטיין גימפל ומשפחתו
פילארענס ברוך ומשפחתו
פישמאן ביילע ומשפחתה
פישמאן חיים ומשפחתו
פישמאן זעלדע ומשפחתה
פינגערהוט עטי רחל ומשפחתה
פערלמוטער בריינדל ומשפחתה
פלאך חיים ומשפחתו

פלאך יוסל ומשפחתו
פילעראנט קהת ומשפחתה
פילעראנט בנימין ומשפחתו
פריידפיר סימע ומשפחתה
פריידפיר שיינדל ומשפחתה
פעפער האדל ומשפחתה
פריידפיר אפרים ומשפחתו
פערגאל פערל ומשפחתה
פערגאל ביילע ומשפחתה
פיש ישראל ומשפחתו
פיעטרושקע יעקב ומשפחתו
פילארענט יענקל ומשפחתו
פילארענט גיטל ומשפחתה
פריידקיס זאב ומשפחתו
פריידקיס אשר ומשפחתו
פינקעל שמואל ומשפחתו
פאלק משה ומשפחתו
פיש אשר ופייגע ומשפחותיהם
פשודעצקי (מבית לוי) ומשפחתו
פעדערשטיין עטל ומשפחתה
פריידפיר איטע מינדל ומשפחתה
פריידפיר שלמה אשר ומשפחתו
פריידפיר שמשון ומשפחתו
פריידפיר אברהם ומשפחתו
פריידפיר יוסף ומשפחתו
פישמאן אשר ומשפחתו

צאפ חיה ומשפחתה
צימערמאן שרה ביילע ומשפחתה
צימערמאן צבי ומשפחתו
צימערמאן אניוטע, וואַקס אליהו
צימערמאן אברהם ומשפחתו
צימערמאן בערל ומשפחתו
צימערמאן קוקע (רחל) ומשפחתה
צימערמאן שמואל ומשפחתו
צימערמאן פיני ומשפחתו
צוקער יצחק ומשפחתו
צוקער יענקל ומשפחתו
צוקער פישל ומשפחתו

צימרמן שרה׳קה ומשפחתה
צימרמן יחיאל ומשפחתו
צימרמן יוסף ומשפחתו
צימרמן דוניה ומשפחתה
צימרמן שלום ומשפחתו
צוקער וואלף ומשפחתו
צוקער שמואל ומשפחתו
צוקער אהרון ומשפחתו
צוקער אידל ומשפחתה
צווייג באסיע ומשפחתה
ציטראן שיינדל ומשפחתה
צוקערמאן פליט ומשפחתה
צאליכע ומשפחתו
טשאפניק ביילע ומשפחתה
טשאפניק חיים יונה ומשפחתו
צוויג רייזל ומשפחתה
צווערן מלך ומשפחתו
צווערן אברהם ומשפחתו
צווערן משה ומשפחתו
צווערן געצי ומשפחתו
צוקער אברהם ומשפחתו
צימערמאן זלאטע ומשפחתה
צוקער שלמה ומשפחתו
צווערן אלתר ומשפחתו
צווערן נפתלי ומשפחתו
צווערן מעכל ומשפחתו
צווערן יוסל ומשפחתו
צין חיים ומשפחתו
צין אליעזר ומשפחתו
צין יצחק ומשפחתו
צוקער מרדכי (מקוניאך) ומשפחתו
צוקער לייבל ומשפחתו
צוקער רבקה ומשפחתה
ציפון פעסיע ומשפחתה

קאנפער איצי ומשפחתו
קאנפער אליעזר ומשפחתו
קאנפער הענעך ומשפחתו
קיציס בצלאל ומשפחתו
קיציס יוסל ומשפחתו

קיציס שמשון ומשפחתו
קיציס נחמן ומשפחתו
קיציס יהושע ומשפחתו
קלאץ גרשון ומשפחתו
קורח אברהם ומשפחתו
קורח דבורה ומשפחתה
קאטקע משה אשר ומשפחתו
קאטקע גיטל ומשפחתה
קאטקע גרשון ומשפחתו
קיציס מענדיל ומשפחתו
קאלטשינסקי שמואל ומשפחתו
קריגער רחל ומשפחתה
קריגער בעריש ומשפחתו
קריגער נחמן ומשפחתו
קריגער שמואל ומשפחתו
קריגער פנחס ומשפחתו
קריגער פנחס בן אברהם
קריגער משה ומשפחתו
קריגער פרץ ומשפחתו
קליינער דאבע ובנותיה
קליינער, משפחת עזריאל יענטיס
קליינער אהרון ומשפחתו
קאפוסטע עזריאל ומשפחתו
קרעפל מאטל ומשפחתו
קאבילע משה ומשפחתו
קאראים טוביה ומשפחתו
קאבילע אהרון ומשפחתו
קאבילע סענדער ומשפחתו
קאבילע מאטל ומשפחתו
קרעמער אהרון ומשפחתו
קרעמער יצחק ומשפחתו
קרעמער ישעיה ומשפחתו
קרעמער אברהם ומשפחתו
קוואטניק יעקב איצי בן אהרון
קופער חיים ומשפחתו
קופער נחמן ומשפחתו
קופער אסתר (פראַדל׳ס) ומשפחתה
קופער מענדל ומשפחתו
קארן ציפורה ומשפחתה
קארן מינקה ומשפחתה

קליגמאן אברהם ומשפחתו
קליגמאן יענטע ומשפחתה
קאסיוק חיים לייב ומשפחתו
קיבריק שלמה ומשפחתו
קליגמאן שמואל ומשפחתו
קרעמער אסתר ומשפחתה
קעסעל אפרים (שטריקנדרייער)
קליינר מחלי ומשפחתה
קליגמן חיים ומשפחתו
קרעמער בנימין ומשפחתו
קערמאן משה חיים ומשפחתו
קליינער מינצי ומשפחתה
קליינער טעמע ומשפחתה
קריגער רייזי (אשת אברהם)
קורח צבי ומשפחתו
קורח שמואל ומשפחתו
קורח נחמן ומשפחתו
קורח באסיע ומשפחתה
קורח אסתר רייזי ומשפחתה
קוטשער יעקב יצחק ומשפחתו
קאנפער שמואל ומשפחתו
קרוק (מסקובלקה) ומשפחתו
קרוק חתן שראגער ומשפחתו
קורץ יעקב ומשפחתו
קאלטון אברהם ומשפחתו
קאבילע יואל ומשפחתו
קלאץ מאיר ומשפחתו
קלאץ חיה ומשפחתה
קרייצמאן חנה ומשפחתה
קיציס יוסף ושרה ומשפחותיהם
קליינער נוח (מראטשין) ומשפחתו
קרעמער אהרון מבורוטשיץ
קערמאן אברהם ומשפחתו
קערצער מיכאל ומשפחתו
קערצער יענקל ומשפחתו
קערצער רפאל ומשפחתו
קדיש בני ומשפחתו
קדוס שמואל מבית קאנפער ומשפחתו
קערצער יוסף ומשפחתו

קערצער רבקה ומשפחתה
קרופניק אליעזר ומשפחתו

ראט שמואל ומשפחתו
ראט בעריש ומשפחתו
ראדלער אהרון ומשפחתו
ראדלער שלמה ומשפחתו
ראפאפורט פייגה ומשפחתה
ראפאפורט פיני ומשפחתו
ראפאפורט חיים לייב (בן משה)
ראפאפורט משה (זעליאזניק)
ראפאפורט אברהם בן משה
רייז בעריש ומשפחתו
רייז חיים ומשפחתו
רייז אברהם ומשפחתו
רייבער יואל ומשפחתו
ריקען אשר ומשפחתו
ראזענפעלד הערצל ולאה
ראזענפעלד שמואל ומשפחתו
ראוויטש דינה ומשפחתה
ראוויטש לייב ומשפחתו
רובין בן־ציון ומשפחתו
ראנץ זכריה ומשפחתו
ראנץ שמעון ומשפחתו
ראנץ רבקה ומשפחתה
ריישער שמואל (הרב) ומשפחתו
ראזענצווייג מאטל ומשפחתו
ראזענצווייג נתן ומשפחתו
רויטענפודים שבתאי ומשפחתו
רויכעל שלום ומשפחתו
רויכעל משה ומשפחתו
רויכעל יודל ומשפחתו
ראבינוביץ יהושע ומשפחתו
רעכטמייסטער זעליג ומשפחתו
רויכעל סוסיע ומשפחתו
רויכעל יעקב ומשפחתו
רויכעל אברהם יצחק ומשפחתו
ריישער רעכל (בת הרב)
ראדלער אברהם ומשפחתו
ראדלער מנוחה ומשפחתה

ראדלער רייזל ומשפחתה
ראטענשטיין יוסף ומשפחתו
ראטענשטיין דבורה ומשפחתה
ראטענשטיין עלקע ומשפחתה
רובין יונה ומשפחתו
רובין מאטל ומשפחתו
ראפאפורטביילע ומשפחתה
רייז ישראל ומשפחתו
ראדלער משה ומשפחתו
ראדלער פרץ ומשפחתו
ריבציס אשר ומשפחתו
ריבציס מעכל ומשפחתו
ראזענפעלד שרה ומשפחתה
רויטענפודים יעקב ומשפחתו
ראזענפעלד בתיה ומשפחתה
ראזענבערג יאכע ומשפחתה
ראפאפארט טילע ומשפחתה

שטיינבערג יוסף ומשפחתו
שטערנבערג יונה ומשפחתו
שוסטער מאיר ומשפחתו
שעכטער דב ומשפחתו
שעכטער יוסל ומשפחתו
שעכטער דוד ומשפחתו
שעכטער אלצי ומשפחתו
שעכטער ישראל (בן דוד) ומשפחתו
שעכטער שרה באסיע ומשפחתה
שעכטער זיינוול ומשפחתו
שעכטער בערל ומשפחתו
שעכטער דוד ומשפחתו
שעכטער יענקל ומשפחתו
שעכטער ראובן ומשפחתו
שעכטער אודיע ומשפחתה
שעכטער פייגע ושרה ומשפחותיהם
שניידער יצחק ומשפחתו
שניידער שלמה ומשפחתו
שניידער בערל ומשפחתו
שניידער גדליהו ומשפחתו
שיפער חנה רייזל ומשפחתה
שיפער שבע ומשפחתה

שפיץ אברהם יוסל ומשפחתו
שווארץ אנשל ומשפחתו
שווארצמאן בנימין ומשפחתו
שווארצמאן ברוך ומשפחתו
שווארצמאן יחיאל ומשפחתו
שווארצמאן צבי ומשפחתו
שלייען משה ומשפחתו
שלייען יענקל ומשפחתו
שלייען הערשל ומשפחתו
שלייען יעקב־יצחק ומשפחתו
שלייען יצחק ומשפחתו
שלייען משה ומשפחתו
שיינפעלד חיים ומשפחתו
שיינפעלד סאניע ומשפחתה
שיינפעלד דוד ומשפחתו
שאמעס יענקל ומשפחתו
שראגער לאה ומשפחתה
שווארצאפעל בנימין ומשפחתו
שווארצאפעל וועלוול ומשפחתו
שווארצאפעל יוסף ומשפחתו
שווארצאפעל סאניע ומשפחתה
שווארצאפל נחום ומשפחתו
שווארצאפל פיניע ומשפחתו
שוחט מעכל ומשפחתו
שטריקער ישעיהו ומשפחתו
שטריקער צבי ומשפחתו
שאפירא יענקל ומשפחתו
קשה היתה פרידתי מאמי. צו הגיוס הגיע במפתיע ואחי הצעיר לא היה באותו זמן בבית (היה בלבוב). תוך יומיים הייתי צריך לסדר את כל ענייני ולצאת לצבא. לבה של אמא ניבא רעות. המילים האחרונות שלה היו: „מי יודע אם אראך שוב, בני". בדמעות בעיניה נפרדה ממני בקצה העיר, בדרכי לתחנת בורוצ׳יץ. שם עלינו לרכבת בדרכנו לרוסיה.

הייתי היהודי היחיד בקבוצה גדולה של אוקראינים. רק חבר אחד מזמן לימודי, גוי, בנו של מנהל הבאנק באלאמוט, היה אתי יחד.

באותו זמן יצאו גם צעירים יהודים אחרים מהורוכוב לשרות קבע ברוסיה: וולף שמש, ברל רוזנצווייג ואחרים, שנשלחו למקומות מרוחקים ברוסיה ועקבותיהם נעלמו.

לאחר שבוע ימים של נסיעה הגענו למקום שרותנו. היתה זאת העיר ניקולאייב שעל שפת הים השחור, לא הרחק מאודיסה. האקלים המצויין וקבלת הפנים היפה שנערכה לנו במחנה הצבאי, השפיעו על שיפור מצב הרוח, כי במשך כל זמן הנסיעה איש מאתנו לא ידע את כתובת יחידתנו. השתייכנו ליחידת טאנקים אמפיביים.

הופתעתי לטובה ממצבו הטוב של החייל במחנה הסדיר. לי קל היה להשוות ולהוציא מסקנות, מאחר שלפני בחינות הבגרות שהיתי כחודש ימים בקסרקטיני הצבא הפולני בלבוב לשם קבלת דרגה של „קאפראל" (רב־טוראי), כי בלי קבלת הדרגה אי־אפשר היה לגשת לבחינות הבגרות.

היחס של הקצינים הרוסיים היה חברי ונבון. המשמעת היתה מבוססת על הכרה פנימית. לא היו מקרים של פעולה שרירותית לרעתו של החייל. לאחר האימונים היום־יומיים לא היה הבדל בין חייל וקצין. שניהם הלכו יחד לבלות באותה חברה. יחס זה השפיע לטובה על כל הקבוצה שלנו. תוצאותיו התבטאו בייחסנו הרציני לתפקידינו ובהשתדלותנו לקיים את כל הפקודות על הצד הטוב ביותר.

ברור שמכונת התעמולה הסובייטית פעלה במלוא כוחה בקרב אנשי הצבא. הקניית ערכים קומוניסטיים, ביקורת על העולם מאתמול ותיאורו האידיאלי של העולם החדש היו המטרות של הפוליטרוקים המרובים, שפעלו בצידם של הקצינים המקצועיים.

הקשר עם הבית היה תקין. קבלתי מכתבים כמעט מדי יום ביומו, וגם ממני נתקבלו בבית מכתבים ואפילו קטעי עיתונים שסיפרו על הצלחתי בצבא. רציתי בדרך זאת לשכנע את אמי ואחי, שמצבי טוב ואין להם לדאוג. מכתבי עברו צנזורה צבאית. כתבתי ביידיש בתוספת מלים עבריות, ולא פעם נקראתי לצנזור כדי להבהיר להם ביטויים או משפטים שלמים.

לאחר שעשיתי מספר חדשים ביחידתי, הפנו אותי — בהתחשב בהשכלתי — ליחידת קשר באותו המחנה. היתה זו יחידה חדשה, שהכשירה קציני מילואים. ביחידה זאת עשיתי עד פרוץ מלחמת רוסיה־גרמניה.

כחדשיים לפני פרוץ המלחמה הופניתי למפקד הכללי של המחנה ונתבקשתי ללמד את כל הקצונה הבכירה גרמנית, בעיקר את המונחים הצבאיים המקובלים בצבא הגרמני. השתמשתי בהזדמנות ונרשמתי לסמינאר בניקו־לאייב, כי בהיותי משוחרר באופן חלקי מן האימונים יכולתי להקדיש את הזמן הפנוי ללימודים.

בעבודתי כמורה לגרמנית הועמדתי לפעמים בפני מצבים קשים. תוך כדי הסברת מילה או מונח התפתחו ויכוחים היסטוריים, ורוב הקצינים היו צמאים לדעת את ההסברים ההיסטוריים שלי יותר מאשר את פירוש המילה. לעתים נשאלו גם שאלות פרובוקאטיביות. אני מצידי ידעתי היטב, שאסור לי לענות בחפשיות יתירה על כל השאלות, כי באולם נמצאו תמיד אנשי המפלגה שנתחו כל תשובה ותשובה. פעם אפילו נקראתי אל מפקד הדיוויזיה, שהודיעני בידידות כי עליו להזהירני בקשר להסברים ופירושים היסטוריים. הוא ייעץ לי להסתפק בהסברת המילים בלבד ולא לענות על שאלות אחרות. הגנרל הזה שהשתתף במלחמת ספרד, דיבר אתי באופן חפשי למדי. מדבריו הבנתי, שהוא עצמו נהנה מהפירושים, אולם הדבר עלול להיות מסוכן בשבילי. עבודתי זאת נמשכה עד פרוץ המלחמה.

### הנסיגה הרוסית

ביום פרוץ המלחמה הייתי במחנה קיץ ליד ניקולאייב. תוך שעתיים נשלחתי עם קבוצת חיילים לדניפרופטרובסק, לבית־ספר לקצינים, כדי לסיימו מהר ולצאת לחזית. בנסעי למקומי החדש שמעתי כבר את התגובות הראשונות של אזרחי רוסיה על המלחמה. האוכלוסיה האוקראינית, בחלקה הגדול שמחה. הם קיוו להשתחרר ולהקים מדינה עצמאית. האנטישמיים שביניהם דיברו על כך בקול רם, באיימם על היהודים ששעת הנקם קרובה.

השלטונות מצידם דאגו, שהאנטישמיות לא תרים ראש, והטילו עונשים כבדים על אלה שנתפסו באשמה זו. אולם המצב הכללי עזר לשונאי המשטר ולשונאי ישראל להמשיך בעבודתם.

נסיגה רדפה נסיגה ותבוסה צבאית באה בעקבות תבוסה צבאית. חטיבות־צבא שלמות עברו לצד הגרמנים. הצנחנים הגרמנים עשו שמות בעורף. עיר אחרי עיר, מחוז אחרי מחוז עברו לידי הכובשים.

זרם הפליטים, — בעיקר אנשי המפלגה, נ.ק.ו.ד. ואנשי השלטון האזרחי, — התחיל לזרום מזרחה. לצערנו הגדול לא היו ביניהם יהודים מאוקראינה המערבית.

לאחר סיום בית־הספר לקצינים וקבלת דרגה, נשלחתי תיכף ליחידה קרבית, שיצאה מיד לחזית.

קשה מאוד לתאר את מצבו של חייל בחזית בזמן הנסיגה. קרבות תמידיים, מצב מעורפל, הפחד מפני כיתור מצד הגרמנים ובגידה מצד הקצינים — כל אלה התמזגו יחד עם עמידתו האיתנה של החייל הרוסי, שהרגש הפטריוטי שלו היה עמוק למדי והוא היה מוכן תמיד להקריב את חייו למען מולדתו. בכל מקרה של קרב פנים אל פנים עם הגרמנים, נסוגו האחרונים בבהלה. לאחר האנדרלמוסיה הראשונה הצליחה הממשלה הרוסית איכשהו לארגן את

צבאה מחדש, ופה ושם נערכו קרבות שבלמו את ההתקדמות הגרמנים.

אחד המקומות האלה היה הנהר דניפר. אולם התיכנון הגרמני והצבא שלהם המצוייד בנשק החדיש, בליווי הסיוע האוירי, הצליחו בתקופה הראשונה להביא במבוכה את כל המצביאים הרוסיים.

זכורני, לילה אחד לאחר קרב קשה על הדניפר ולאחר פיצוץ הסכר על ידי הרוסים עצמם, קיבלנו פקודה לסגת. בדרכי מהכפר סילניקוב לנובומוסקובסק, בלכתי בראש הפלוגה, הבחנתי מרחוק, באור הירח, בדמות מוכרה. לאחר שהתקרבתי אל הדמות, ראיתי מולי את מ ר ד כ י ג ר י י ב ר, אחיו של אהרון, הצועד עם יחידתו בכיוון החזית. הפגישה היתה נרגשת. הוא סיפר לי על אחיו, שנמצא גם הוא ברוסיה ואינו יודע כתובתו ועל יציאתו מהורוכוב בתחילת המלחמה. נפרדנו לאחר דקות ספורות של שיחה בתקווה שנתראה שוב.

באותו לילה הפציצו הגרמנים את השטח מסביב. קרונות אחדים, מלאים פצצות, שעמדו בתחנות הרכבת, נפגעו פגיעות ישירות, וכל הציוד התחיל להתפוצץ. היה מסוכן מאוד להימצא במקום הזה, ואנו החלטנו לנטשו בהקדם האפשרי. אולם עוד באותו לילה עלינו על שדה מוקשים. מכל הפלוגה נשארו בחיים 12 איש בלבד. כעבור ימים מספר פגשתי שוב את מרדכי גרייבר ליד וורושי־לובגראד, בדונבאס. בפגישה זאת הוא חזר כבר מן החזית, ואני הלכתי אל החזית.

לא ראיתיו עוד.

לא החזקנו מעמד זמן רב נגד השריון הגרמני והתחלנו בנסיגה רבת ממדים. מדי יום ביומו עברה יחידתנו 50—60 ק"מ. עברנו את כל אוקראינה. היינו עייפים מאוד ובמצב רוח מדוכא. חיילים אוקראינים רבים ערקו. המצב לא היה ברור. פה ושם הצטרף לעריקים גם יהודי, שחשב למצוא בעבר השני מנוחה, בלי שידע כלל על יחסם של הגרמנים ליהודים.

ב־11.12.1941 כיתרו הגרמנים את יחידתנו מכל הצדדים. זה היה ליד הכפר יארויסקוי חוטור. שלושה ימים הגנו על עצמנו מתוך מחפורות מוצפות מים עד הברכיים, ובלי אוכל, כי ההספקה נותקה. רק כתוצאה ממאמצים על־אנושיים של קציני היחידה לא נכנענו לגרמנים, להיפך — בהתקפת נגד פרצנו את המצור ונחלצנו ממנו.

לאחר שהתרחקנו מאותו מקום, חליתי בדלקת ריאות ואושפזתי בבית־חולים בעיירה צ'רניסקה. שישה עשר יום שכבתי בחום של 40 מעלות ומצבי היה בכי רע, ורק התמסרותה של רופאה יהודיה ממוסקבה החזירה אותי לאיתני. המקום עצמו לא היה רחוק מסטאלינגראד. שם גם חנתה יחידתי.

ב ס ט א ל י נ ג ר א ד

ביום 4.2.1942 יצאתי מבית החולים במזג אויר חורפי, בכפור של 45 מעלות, והגעתי לסטאלינגראד. העיר היתה שוקקת חיים. כל התעשייה עבדה למען החזית. בתי הקולנוע היו מלאים. התנועה ברחובות העיר היתה רבה. יחידתנו התמקמה בסביבת העיר — לחופשה ולהשלמת הציוד. במקום זה שהיתי זמן ממושך. מצב בריאותי לא איפשר לי לחזור לחזית ממש וגם המצב הכללי הכתיב ליחידתנו להישאר במקום. באותו זמן התרכזה עבודתי בעיקר במטה היחידה, וכך יכולתי לעקוב אחר התפתחות העניינים ואחר ההכנות לקרב הגורלי על סטאלינגראד.

ואכן, היתה הכנה מדוקדקת, הן מבחינת הציוד והצבא שאורגן בסיביר ובא להחליף את החיילים העייפים, והן מבחינה רוחנית. כל אדם שהיה בסביבה, בלי הבדל גיל וכושר גופני, הפך לחייל. על כל בית היתה סיסמה „מכאן לא נזוז עוד". עם התקרבות החזית למקום, גברה והלכה ההתנגדות לגרמנים. רוב אנשי הצבא — החלטתם היתה נחושה לא לסגת.

קשה מאוד היתה המערכה על סטאלינגראד. הגרמנים פתחו בהפצצות כבדות מן האוויר ובהפגזות של הכוח הארטילרי. הם שילמו בחללים רבים ובאבידות קשות בעד כל בית ובעד כל עמדה שנכבשו על ידיהם. על אף עקשנותם של הרוסים וגבורתם הלכה העיר ונכחדה. שטח קטן בלבד נשאר בידי הרוסים — בגדה המערבית של הוולגה. בכל זאת לא ירד המוראל של החיילים. על אף הקרבנות הרבים עמד כל חייל כמעט עד הסוף על משמרתו, עד לאותו התאריך — 20.11.1942, בו התחילה המתקפה הנגדית.

במטה קיבלנו פקודה למתקפה נגדית גדולה. יומיים קודם לכן הגיעו כוחות רעננים, על כל ציודם הכבד, בדרכי־עפר — לחזית. בחרדת קודש הקשיבו כל החיילים לפקודה החדשה. באותו יום התחילה המתקפה הגדולה על סטאלינגראד, שהכריעה את גורל המלחמה.

גם אני השתתפתי במתקפה הראשונה, אולם נפצעתי

והועברתי בלי הכרה בהליקופטר לעיר גורייב, שם הייתי זמן מה בבית חולים. לאחר־מכן הופניתי לחופשה — לישוב קולסארי, מקום שבו נתגלה בזמן המלחמה נפט רב.

באותה תקופה התחילו העיתונים הרוסים לרמוז בין השיטין על גורל היהודים בכיבוש הנאצי. הם לא כתבו שום דבר ברור, אבל מתוך הרמזים הבינותי שהמצב חמור. על כן החלטתי, יחד עם חברים אחרים, להתנדב לגדודי הפארטיזאנים, שפעלו בשטח אוקראינה המערבית. מילאתי טופס־בקשה מפורט, תוך תוספת נימוקים שהנני מכיר את כל המקומות, שולט בכל השפות המדוברות שם, וכקצין קרבי אוכל להביא תועלת. נקראתי למטה המקומי וקיבלתי אישור להצטרף לפארטיזאנים. היה עלי לחכות כשבוע ימים עד לשיבוץ ביחידה פארטיזאנית. אולם כעבור יומיים בלבד נקראתי שוב למטה ונשאלתי שאלות נוספות, ובין השאר — בן איזה לאום אנוכי. עניתי: יהודי. קיבלתי מיד תשובה מתחמקת ודחייה נוספת. התחננתי בפני הקצין היהודי שישב באותו מטה, אולם בשיחה פרטית אתי מסר לי על החלטה לא לשגר יהודים לאוקראינה המערבית.

כעבור זמן מה קיבלתי צו התייצבות חדש והופניתי, כמומחה לקשר, למחנה צבאי בסומה לשם אירגון ואימון הצבא הפולני שהתארגן ברוסיה.

### ביקור בהורוכוב

באותו זמן התקדמה החזית מערבה. כל יום קיבלנו חדשות משמחות על כיבושים. בסומה נפגשתי בפעם הראשונה עם פולנים, שבאו משטח הכיבוש הגרמני. הם סיפרו לי על כל הטראגדיה היהודית ועל כך שלא נשאר אף יהודי במקומות מגוריהם. קשה מאוד היה להאמין לשמועות אלו. מספר ימים הילכתי כסהרורי, בלי להבין מה מתרחש אתי. באותו מעמד הגשתי בקשה לשלחני לחזית. נתמניתי מפקד ליחידה מיוחדת, יחידת קשר בין הצבא הפולני וצבאות הרוסיים. בחרתי ליחידתי חיילים מיוחדים, ראשית — מבין הפולנים שסבלו עצמם מן הגרמנים, ויתרם — אנשי העולם התחתון. ידעתי מה מטרתי ורציתי לנקום ככל שידי תשיג.

ב־15.5.1944 נסעתי כבר לחזית וכעבור מספר ימים הגעתי ללוצק. כאן פגשתי במשפחת דיקשטיין (משפחת אשתי) ובמוסיה פרלמוטר. מהם נודעו לי כל הפרטים על חורבן עירנו והשמדת אחינו.

באותו זמן התנהלו קרבות בוולין גופא. אני פעלתי בקטע חופניוב־רוז'ישצ'ה, ואחר כך — בסביבת קובל. ההגנה הגרמנית היתה אז חזקה למדי ולא אחת קרה, שנאלצנו לסגת ממקומות שנכבשו על ידינו. את עירנו הורוכוב שיחרר גנראל רוסי בשם זאכארוב ב־18.7.1944. באותם ימים לא רציתי לחזור להורוכוב. כל מגמתי ומשימתי היו להיות סמוך לחזית ולגרום נזקים לגרמנים וגם לפולנים ולאוקראינים, ששיתפו פעולה עם הגרמנים. בכפרים גולובה־מידניובקה וגרושובקה (ליד קובל) נתתי חופש פעולה לכל אנשי העולם התחתון שביחידתי, והם טיהרו מקומות אלו מכל משתף פעולה — עד כדי כך שקיבלתי נזיפה חמורה מהמטה הכללי בעד הפעילות הזאת.

על אף נמוקי הצודקים וההוכחות הבולטות, שאוקראינים וגם פולנים התאכזרו ביהודים, שדדו את רכושם ומסרו אותם בידי הגרמנים — לא נקטו השלטונות הסובייטיים פעולה מידית נגדם ונתנו לאחדים מהם להסתתר ולהימלט. בתשובה על כך פקדתי על אנשי לעשות דין לעצמם. הם ביצעו את פקודתי ביסודיות רבה. המטה הכללי לא השלים עם זה והעביר אותי לקטע אחר.

לא נשארנו זמן רב במקום. חצינו את הנהר בוג בכיוון וורשה. ליד וורשה נפצעתי בפעם השניה ואושפזתי בבית החולים בלובלין. שם שהיתי כל אותה תקופה, בה לא היתה בחזית כל התקדמות. נכחתי גם במשפט מיידאנק המפורסם בלובלין ובתליית הרוצחים במקום.

עם יציאתי מבית החולים חזרתי ללוצק. כאן נפגשתי עם מניה ויעקב ברגר, והחלטנו לגשת להורוכוב. הדרך היתה מסוכנת. בכל הדרכים שרצו עוד בנדרובצים, ששׂשׂו להרוג עוד יהודים שנזדמנו להם. אף על פי כן נסענו להורוכוב. שם פגשנו את סוניה ז'ירוף ואת מוסיה פרלמוטר.

קשה היה להכיר את עירנו. היא כמעט שממה. כל בתי העץ פורקו ולא נשאר זכר מהם. רק בתי־הלבנים עמדו על תילם. מקום הגיטו היה שטח ריק. רק בית המדרש הגדול נשאר כשריד יחיד. נכנסתי לבית־המדרש ומצאתי שם מספר סנדלרים, שעבדו בו את עבודתם (הפכו את בית־המדרש לקואופראטיב).

בכאב לב ראיתי שהמצבות מבית הקברות היהודי רוצפו כמרצפות של מדרכות. קבר האחים שנכרה ליד בית החרושת ללבנים, היה ללא כל ציון. ביקשתי פרטים מהאוקראינים המוכרים לי, אולם לא קיבלתי שום תשובה. על כל שאלותי היתה תשובה אחת ויחידה: לא ידעו על כל שהתרחש.

בקושי יכולתי להישאר ללון בלילה בהורוכוב. הרגשתי שאצא מדעתי בהביטי על הפרצופים האוקראיניים, המדברים בשוויון נפש על גורל היהודים, תוך כדי התחמקות גמורה מכל אחריות, בהטילם הכל על הגרמנים. בליבי ידעתי היטב, שבלי עזרתה הפעילה של האוכלוסייה המקומית לא יכלו הגרמנים בשום אופן לבצע את זממם.

למחרת עזבתי יחד עם מניה ויעקב ברגר את הורוכוב. בתחנת בורוצ׳יץ׳ פגשנו את יעקב ווקסלר, שחזר גם הוא מרוסיה. תפקידו היה לגייס מתנדבים לעבודות במכרות בדונבאס. מצבו היה קשה למדי נוכח הייחס העויין של המגוייסים ל„שילוח״ לרוסיה: נשקפה, פשוט, סכנה לחייו מצד הבנדרובצים, שנמצאו בכל המקומות הסמוכים. לאחר מכן שמעתי, שיצא בשלום מן השליחות הזאת. כעת הוא בפולין בקרבת וורשה.

### במערכה על וורשה

אני עצמי ממש שמחתי כשקיבלתי ידיעה, כי מתחילה אופנסיבה על וורשה. בימי שהותי בבית החולים, נעשו נסיונות מספר מצד הצבא הפולני לקשור קשרים עם המורדים הפולנים בוורשה בלי להתחשב בהתנגדותם של הרוסים, שניהלו מדיניות של השהייה ואי קשירת יחסים עם הלאומנים הפולניים.

יהודים רבים נפלו ליד וורשה, הן מאלה שהיו בצבא הפולני ורצו לחדור לעיר כדי לחפש קרובים ושרידים והן מן היהודים ששרדו בוורשה ורצו לעבור את החזית ולהימלט מן הפולנים המתמרדים ומן הגרמנים. בשום מתקפה לפני כן וגם אחר־כך לא היו כל כך הרבה אבידות של יהודים כמו ליד וורשה. למזלי, התחילה עם בואי ליחידה, האופנסיבה הגדולה, שנמשכה למעשה, בהפסקות קטנות, עד ברלין.

יחידתי סרה לפיקודו של המטה הכללי הפולני. תפקידי היה לקשר בין הצבא הפולני והצבא הרוסי, וגם בין המטה הכללי הפולני לבין מפקדי היחידות הפולניות שבתוך הצבא הרוסי.

במסגרת תפקידי נפגשתי לעתים קרובות עם הקצונה הבכירה של הרוסים, כולל מפקדם המהולל ז׳וקוב. בתוקף תפקידי מסרתי לו לא פעם על פעולות שונות שביצעתי. אף כי השמועה הכללית אמרה, שייחסו ליהודים לא היה תקין, לא נתקלתי מצדו בייחס בלתי קורקטי. ההיפך מזה הוא הנכון: גורל העם היהודי נגע ללבו, והוא הביע זאת בפומבי. נכון הוא, שלא סבל קצינים יהודים באפסנאות ובתפקידי עזר אחרים, אם כי העריך את עבודתם וכושרם.

באותה תקופה שמח ליבי בראותי את האימפריה הגרמנית הולכת ומתפוררת. יום יום כבשנו שטחים נוספים. חיכיתי בקוצר רוח לשעה שבה נוכל לחצות את הגבול הגרמני. על שמחתי זו העיבה רק הרגשת קנאה בראותי את האוכלוסייה הפולנית עולזת ומקבלת את הרוסים בזרועות פתוחות, בהפכה בן לילה את עורה לקומוניסטים, מושבעים כדי לזכות בכל השלל הרב ובזכויות החדשות. ואילו אני ידעתי היטב, שרוב האוכלוסייה הפולנית במערב פולין היה שותף נאמן לרוצחים הנאציים בהשמדת היהודים.

### התמוטטות גרמניה

עם כניסתנו לגרמניה ניתנה רשות לחיילים לעשות כמעט הכול בייחס לגרמנים. ואכן, לא טמנו הרוסים את ידם בצלחת. לרבים מהם היה מגיע אישי לנקמה. ברור, שכל היהודים נחלצו לפעולה זו מרצונם הטוב והחפשי וחיפשו הזדמנויות להרוס ולהרוג. בימים הראשונים כמעט שלא השאירו גרמנים שבויים בחיים. החייל הגרמני, שנחשב למעולה, איבד לגמרי את עשתונותיו עם המהומה הגדולה שהשתררה בצבא הגרמני. גדודים שלמים נכנעו על נשקם וציודם. לפעמים הספיקו שני חיילים סובייטיים מזויינים כדי להוביל גדוד שבויים עשרות קילומטרים. החנופה וההכנעה הגרמנית צרמו את האוזן. החיוך המזויף שעל שפתותיהם והציות הבהמי עשו אותם עלובים בעיני כל חייל רוסי.

בתקופה זו שמעתי על מקרים רבים של נקמה. מספיק היה לשמוע על הימצאות משפחות נאציות בכפר או בישוב כדי שהוא יישרף כליל. רוב הרכוש הנאצי נהרס ונשרף. היו גם מקרים של חיקוי שיטות גרמניות בפעולות אלו.

זכור לי מקרה בשעון. באחד הכפרים נכנסתי לבית משפחה גרמנית וראיתי שעון גדול על הקיר. בהסתכלי היטב בשעון ראיתי עליו מגן־דוד. על שאלתי ענתה לי בעלת הבית, שבעלה קנה לה את השעון במתנה עוד לפני המלחמה. ברצוני לברר את הענין נכנסתי לשכן, ובהשתמשי בתכסיס טענתי, כי שכנתו הלשינה עליו, שהיה נאצי פעיל. הוא התרגז מאוד והתחיל לספר, כי היא אשתו של קצין ס.ס, שעוד לפני המלחמה התאכזר ביהודים גרמניים ואחר כך פעל בחזית המזרחית נגד היהודים. כשחזרתי וסיפרתי זאת לגרמניה, בעלת השעון, התיפחה וסיפרה, כי כל הכפר

מאוכלס משפחות נאציות, שכולם נהנו מן הרכוש היהודי הגדול וכן קיבלו מתנות מן החזית המזרחית. עובדה זאת הספיקה לחיילי יחידתי, שיגמלו לאנשי הכפר על מעשי בעליהן. לצערנו הגדול נמשך מצב זה מספר שבועות בלבד. לאחר מכן יצאה פקודה מהמטה הכללי, שאסרה איסור גמור כל פעולות נקמה ונגיעה ברכוש גרמני. על כל עבירה בענין זה צפוי היה משפט צבאי, ובמקרה הטוב — 10 שנות מאסר.

תוך כדי התקדמות בגרמניה נזדמן לי גם לשחרר קבוצה גדולה של מאות בנות יהודיות, שהיו בדרכן ממחנה אחד למשנהו. יחידתי נתקלה במקרה במחנה זה. לאחר הריגת אנשי המשמר הגרמני, הבאתי את כולן ליישוב לא גדול. גייסתי את כל התחבורה, שהיתה ברשותי, ושלחתי חיילים להביא ראשית כל אוכל ובגדים. לאחר הספקת המצרכים החיוניים, קיבלתי מן המטה הכללי רשות להעבירן לכמה מקומות מרכזיים בעורף. משם התקשרתי עם המרכזים היהודיים, שדאגו לסידורן של הבנות שניצלו.

התקדמותנו בגרמניה היתה מהירה. איזורים שלמים נפלו בידינו בלי התנגדות. החייל הגרמני איבד את הביטחון והיהירות. הוא התחיל להתנהג גרוע יותר מכל חייל אחר בעולם: נכנע ופחדן, מוכן למלא כל פקודה והולך ברצון בשבי. לאחר הפקודה המפורסמת הוטב בהרבה מצב האוכלוסייה הגרמנית. אפשר היה באותו זמן לומר, שהחיילים הגרמנים הפסידו בחזית, אולם נשותיהם ובנותיהם ניצחו את הרוסים בעורף. הרוסים, הנוחים בדרך כלל באופיים, דאגו לגרמניות. הלב כאב בראותנו בחורות נאציות מתהלכות בפומבי עם החיילים והקצינים ונהנות מכל המצרכים הצבאיים.

### כיבוש ברלין

הקרב האחרון והיפה מבחינה איסטראטגית, וגם הקשה ביותר באופן יחסי, היה על ברלין. התנגדותם של הנאצים המושבעים היתה חזקה למדי. הם ניצלו את כל הציוד שנשאר עדיין ברשותם, כולל טאנקים וארטילריה כבדה, והחליטו להילחם עד הסוף. הרוסים מצידם רצו להציג בפני בנות בריתם לוחמה מעולה. מאחר שידם היתה על העליונה מכל הבחינות, התגברו בנקל על התנגדותם המרה של הגרמנים וכבשו את עיר הבירה של גרמניה. גם הצבא הפולני השתתף בקרב זה.

בכך סיימנו למעשה את הפעולות הצבאיות עד לכניעת גרמניה בחודש מאי 1945.

אותו לילה, — שבדרך כלל צריך היה להיות ליל־שמחה על סיום המלחמה, בזמן שבכל היחידות הועפו זיקוקין־די־נור ונורו ראקיטות צבעוניות, — היה בשביל החיילים היהודיים ליל־אבל. התאספנו, קבוצות קצינים יהודיים, ותוך כדי שיחה הרגשנו, שהקרקע נשמטת מתחת לרגלינו. בימי המלחמה היינו טרודים ולא חשבנו על העתיד, אך עתה הועמדנו, ברגע אחד, מול המציאות המרה בלי לדעת ממה להתחיל ולאן לפנות.

### שיחרור מהצבא האדום ועלייה לארץ

עם סיום המלחמה הוחזרה יחידתנו לגבולות פולין. אני עצמי נתמניתי מפקד קטע על הגבול אודר־נייסה. אולם שהותי בצבא נעשתה לי קשה מדי יום ביומו. כרוב חברי השתדלתי להגיע ארצה וחיפשתי דרכים לכך.

לא רציתי להיות עריק לאחר פעולות כה מרובות, שמכולן יצאתי בכבוד, הן כקצין והן כיהודי, מעוטר בהרבה אותות הצטינות ומידאליות, ביניהם אורדר רוסי גבוה וצלב Virtuti Militari התייצבתי בפני אחד הקצינים הבכירים של הצבא הפולני וביקשתי שיחרור מהצבא. בתשובה על בקשתי זו קיבלתי פקודה לנסוע בימים הקרובים ללנינגראד, לאקאדמיה צבאית, כדי לסיימה. הציעו לי גם משרות גבוהות בממשל הפולני. השקעתי הרבה מאמצים וטירחה כדי להעביר את רוע הגזירה.

עזרת ידידים מבין הגנראלים הפולניים עמדה לי והצלחתי להשיג את השיחרור מהצבא. לא הסתפקתי בכך. סיפרתי לידידים שלי, שברצוני לצאת את גבולות פולין בדרך ארצה. על אף עמדתם הרמה ואם כי היו קומוניסטים מושבעים הבינו לרוחי והבטיחו את עזרתם במקרה והדבר לא יעלה בידי באופן אי־ליגאלי. למזלי הצלחתי, יחד עם קבוצת אנשים, לחצות את הגבול בשטטין ולהגיע לגרמניה בשנת 1946.

שלוש שנים עבדתי בגרמניה כמורה בעליית הנוער. רק ב־1949 עלה בידי לעלות ארצה.

הרצליה

# אפרים שווארצמאן / מיט דער רויטער ארמיי פון סטאלינגראד ביז בערלין

### די לעצטע יאָרן פון דער פּוילישער מאַכט

שווער איז געווען דער מצב פון אַ יידישן שילער אין אַ פּויליש־מלוכהשער גימנאַזיע אין די יאָרן 1936—1939. דער אַנטיסעמיטיזם האָט דעמאָלט דערגרייכט דעם העכסטן רעקאָרד. די היטלעריסטישע השפּעה האָט זיך גוט גע־פילט אויף דער פּוילישער גאַס. די כראַניק איז רייך געווען מיט אַנטי־יידישע עקסצעסן. שווער געווען פאַר אַ ייד צו באַווייזן זיך אויף אַ צענטראַלע גאַס אין די גרוי־סע שטעט. בלויז אין די קלענערע שטעטלעך מיט אַ גרע־סערער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך יידן געפילט זיכערער.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט פּולסירט אַ גע־זונט יידיש לעבן. אַ שטאַרקער קאַמף איז געפירט געוואָרן קעגן דער אַסימילאַציע וואָס האָט געהאָפט זיך צו ראַט־עווען דורך שמד, די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַריינ־געדרינגען אומעטום. די יידישע יוגנט האָט געזען, אַז איר צוקונפט איז נישט אין פּוילן. אויך די וואָס האָבן געענ־דיקט די גימנאַזיעס איז זייער פאַרשריט אין לעבן גע־צוימט געוואָרן דורך דעם „נומערוס קלאַוזוס" * אין די אוניווערסיטעטן און צוליב מאַנגל אין אַ מעגלעכקייט שפּעטער צו באַקומען מלוכהשע פּאָסטנס.

דאָס זעלבע האָט געטראָפן מיט מיר. נאָכן ענדיקן די מיטלשולע בין איך פּאַקטיש געבליבן אָן אַ פאַך און אָן אַ מעגלעכקייט פאַרצוזעצן די לימודים. מיינע נישט־יידישע קאָלעגן האָבן מיך צוגערעדט צו פאַרשרייבן זיך אויפן אוניווערסיטעט. זיי זיינען מיט מיר געווען אין גוטע באַציונגען צוליבן גרויסן נוצן וואָס זיי האָבן געהאַט פון מיר בעת די עקזאַמענס, און מחמת דעם וואָס כ'בין געווען אַ ספּאָרטלער (איך האָב געשפּילט אין דער מאַנשאַפט פון דער גימנאַזיע). היות ווי איך האָב געהאַט אַן „אַרישן" אויסזען האָבן זיי מיר צוגעזאָגט צו „דעקן" אויפן אוני־ווערסיטעט קיינער זאָל נישט וויסן, אַז איך בין אַ ייד.

איך בין זיי מוחל־געווען די טובה וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס ערשטע אַקאַדעמישע יאָר האָבן זיי פּלאַנירט בעיקר צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָגראָמירן יידן, און איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט ווי איך וועל קענען אויסהאַלטן אין אַזאַ חברותא.

איך האָב זיך געגרייט איבערצונעמען די ענינים פון אונדזער הויז (מיין פאָטער איז נפטר־געוואָרן אַ יאָר איידער איך האָב געענדיקט די מיטלשולע) און זאָרגן פאַר־פּרנסה. איינצייטיק האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף שינויים, ווייל איך האָב געוווסט אַז לאַנג איז נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן אין אַזאַ אַטמאָספער. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיין געפיל ביים רוב יוגנטלעכע אין הארכיוו, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַלע גע־שפּרעכן.

### דאָס ערשטע יאָר מיט די סאָוויעטן

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט די פּוילישע רע־גירונג אפילו נישט באַוויזן דורכצופירן ווי געהעריק די מאָביליזאַציע. שוין די ערשטע טעג איז אונדזער שטעטל פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַן אומהויפהערלעכן שטראָם פּליטים און מיליטער־לייט. די ידיעות פון ראַדיאָ האָבן עדות־געזאָגט וועגן דער גרויסער פּוילישער מפּלה. דער שטראָם פון יידישע פּליטים האָט אָנגעזאָגט דאָס דערנענ־טערן זיך פון די דייטשן.

אַ סענסאַציע איז געווען די ידיעה אַז די רוסן זיינען צוגעטראָטן צו דער מלחמה און זיינען אַריבער די גרע־נעץ. דאָס וואָס האָט געקלונגען נישט אמת איז אָבער געווען אַ פאַקט. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען די רוסן אַריין אין אונדזער שטעטל. די מערהייט איינוווינער זיינען זיי אַרויס מקבל־פּנים זיין מיט פרייד צוליב עטלעכע סיבות: ערשטנס, וואָס זיי און נישט די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל; צווייטנס — די לעצטע טעג איז די שטאָט געווען אָן באַלעבאַטים, אַ זאַך וואָס האָט געקענט גורם־זיין אַן אַנאַרכיע אויף וועלכער עס האָבן שוין גע־וואַרט די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן זיך געגרייט צו באַפאַלן און ראַבירן די יידישע הייזער.

---

* אַ גזירה וואָס האָט באַגרענעצט די צאָל וואָס האָבן געקענט אָנגענומען ווערן אין די הויכשולן ביז אַ געוויסן פּראָצענט.

אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מוליע ברעגמאַן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסטשוץ, כדי צו פאַרמיידן פּאָגראָמען.

צוויי טעג פאַרן אַריינמאַרש פון די רוסן איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דער שטודירנדיקער יוגנט אונטערן פאַרזיץ פון קאַזאַטשוק (פאַרקויפער פון ביכער, אַ ווייס־רוס), וועלכער האָט איבער נאַכט געענדערט זיין הויט און געוואָרן אַ פראָ־קאָמוניסט. ער האָט אָפּנים געוווסט וועגן דאָזיקן רעזשים ווייניקער ווי מיר אַלע, ווייל דער זכות פון דער דאָזיקער אסיפה איז אים נישט בייגעשטאַנען: ער איז געווען פון די ערשטע איינוווינער פון האַרכיוו, וואָס די סאָוויעטן האָבן פאַרשיקט קיין סיביר.

דאָס אָנקומען פון די סאָוויעטן האָט געענדערט דאָס לעבן אין שטעטל. בעלי־פרנסה זיינען איבער נאַכט געוואָרן אַרבעטסלאָז. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ ביטערע און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַנדערש ווי מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט. איינע פון די פּאָזיטיווע דערשיינונגען איז געווען דאָס עפענען אַלע שולן און די דערמוטיקונג פאַר שטודירנדיקע. אין פאַרשיידענע רעגירונגס־אַמטן איז מעגלעך געווען צו באַקומען אַרבעט.

די יוגנט ביי אונדז וואָס איז בעיקר געווען ציוניסטיש האָט נישט ספּעציעל געליטן פון נייעם רעזשים. דאָס איז צו פאַרדאַנקען די יידישע קאָמוניסטן ביי אונדז אין שטאָט, וואָס האָבן נישט געמסרט און נקמה־גענומען אין די קעגנערס און אין רייכע ווי יידישע קאָמוניסטן האָבן דאָס געטאָן אין אַנדערע ערטער. אין אַ געוויסע צייט אַרום האָבן אַלע מיינע חברים באַקומען אַרבעט. כמעט אַלע אַלס לערערס. די געוועזענע „תרבות״־שולע איז געוואָרן אַ מלוכהשע פאָלקסשול אונטער דער אָנפירונג פון שמחה פערלמוטער, מיט יידיש אַלס די אונטעררריכטשפראַך. די לערער זיינען געווען: נעמי האַבעל, מיין קרוב — ישראל גאָלדפאַרב, הערשל בירפעלד און אַנדערע. אין דער מיטלשולע האָבן צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט: ניומקע פיש, רייזל בלעכמאַן א. אנד. אין דער זעלבער צייט האָב איך אָנגעהויבן שטודירן אין לעמבערגער אוניווערסיטעט. מ׳האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו נייע צייטן, נייע מענטשן, נייע זיטן און נייע פאַרלאַנגען. ווי יידן, וואָס זיינען געוווינט צו צופּאַסן זיך צו פאַרשיידענע באַדינגונגען, זיינען מיר גיך אַריין אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

ווייניקע פון אונדז האָבן באַוויזן צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון רוסלאַנד און מיט מסירות נפש און געפאַרן זיך געלאָזט אין וועג קיין ארץ־ישראל. צווישן זיי זיינען געווען: יעקב און גדליה שפּראַך, לייב ראַנץ, בן־ציון טהורי, חיים ליטווין, מאָרדער, גאָליידער, יוסף ניימאַן א. אנד. די וואָס זיינען געבליבן אויפן אָרט האָבן זיך צוגעפּאַסט און אָנגעהויבן בויען זייער צוקונפט אין הסכם מיט די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן.

### אין דער רויטער אַרמיי

ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון האַרכיוו דעם 30־טן אָקטאָבער 1940 אַלס מאָביליזירטער אין דער רויטער אַרמיי האָט מיר געשיינט, אַז דער רוב מענטשן מאַכן שלום מיט דער ווירקלעכקייט האָפנדיק, אַז אין דער צוקונפט וועט דער מצב ווערן אַלץ בעסער.

שווער געווען צו שיידן זיך מיט מיין מאַמען. די מאָביליזאַציע־מעלדונג איז אָנגעקומען אומגעריכט און מיין יינגערער ברודער איז געווען גראָד אין לעמבערג. אין משך פון צוויי טעג האָב איך געמוזט דערליידיקן אַלע ענינים און אַוועק אין מיליטער. מיין מאַמען איז שווער געווען דאָס האַרץ. אירע לעצטע ווערטער פאַר דער געזעגענונג זיינען געווען: „ווער ווייסט, מיין זון, צו איך וועל דיך נאָך זען״. מיט טרערן האָט זי מיר באַגלייט צום עק שטאָט, אויפן וועג צו דער סטאַציע באַראַטשיץ. כ׳בין איינגעזעסן אין צוג און אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

דער איינציקער ייד בין איך געווען אין אַ גרויסער גרופּע אוקראַאינער און בלויז איין קאָלעגע פון דער שולבאַנק, דער זון פון באַנק־דירעקטאָר באַלאַמוט.

אין דער זעלבער צייט זיינען נאָך יידישע יוגנטלעכע פון האַרכיוו מאָביליזירט געוואָרן צו סטאַבילן מיליטערדינסט אין רוסלאַנד: וואָלף שמש, בערל ראָזנצווייג א. אנד. זיי זיינען געשיקט געוואָרן אין ווייטע מקומות און נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפּורן.

נאָך אַ וואָך צייט פאָרן זיינען מיר אָנגעקומען קיין ניקאָלאַיעוו, ביים ברעג פון שוואַרצן ים, נישט ווייט פון אָדעס. דער אויסגעצייכנטער קלימאַט און דער שיינער קבלת־פנים וואָס כ׳האָט אונדז געמאַכט אינעם לאַגער, האָט

משפּיע־געווען אויף אונדזער שטימונג. מיר זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו אַן איינהייט פון אַמפיבישע טאַנקן.

כ׳בין איבערראַשט געוואָרן צום גוטן פונעם מצב פון זעלנער אין רעגולערן דינסט. מיר איז לייכט געווען צו מאַכן דעם פאַרגלייך, ווייל פאַרן מאַכן מיין מאַטורע בין איך אַ חודש צייט געווען אין די קאַזאַרמעס פון דער פּוילישער אַרמיי אין לעמבערג, כדי צו באַקומען אַ קאָפּראַל־ראַנג, אַן וועלכער מ׳האָט נישט צוגעלאָזט צו די מאַטורע־עקזאַמענס.

די באַציונג פון די רוסישע אָפיצירן איז געווען אַ חברישע. די דיסציפלין איז געווען געבויט אויף אינערלעכע איבערצייגונג. נאָך די איבונגען איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם זעלנער און אָפיציר. ביידע האָבן פאַרברענגט צוזאַמען. אין רעזולטאַט האָבן מיר זיך באַמיט צו דערפילן ווי צום בעסטן אַלע באַפעלן. קלאָר, אַז די פּראָפּאַגאַנדע האָט דאָ געאַרבעט מעשים. דאָס איז געווען די אַרבעט פון די „פּאָליטרוקן”. דער קאָנטאַקט מיט דער היים איז געווען אַ גוטער. בריוו זיינען אָנגעקומען יעדן טאָג און איך פלעג אויך אַהיימשיקן צייטונגס־אויסשניטן וואָס האָבן דערציילט וועגן מיין דערפאָלג אין מיליטער. געוואָלט האָב איך דערמיט איבערצייגן מיין מאַמען און שוועסטער, אַז מיין מצב איז אַ גוטער און זיי זאָלן נישט זאָרגן.

מיינע בריוו זיינען פאַרשטייט זיך אַדורך אַ מיליטערישע צענזור. איך האָב געשריבן יידיש מיט העברעאישע ווערטער. נישט איינמאָל האָט מיך גערופן דער צענזאָר כדי קלאָרצומאַכן געוויסע אויסדרוקן אָדער גאַנצע זאַצן.

נאָך דעם ווי איך בין אָפּגעווען עטלעכע חדשים אין מיין איינהייט, האָט מען מיר — נעמענדיק אין אַכט מיין בילדונג — איבערגעשיקט אין אַ פאַרבינדונגס איינהייט אין זעלביקן לאַגער. דאָ זיינען צוגעגרייט געוואָרן רעזערוו־אָפיצירן. אין דעם לאַגער בין איך געווען ביזן אויסברוך פון רוסיש־דייטשן קריג.

בערך צוויי חדשים פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט מען מיר געשיקט צום אַלגעמיינעם קאָמענדאַנט פון לאַגער, כדי איך זאָל מיט אַלע הויכע אָפיצירן לערנען דייטש. ביי דער געלעגנהייט האָט איך זיך פאַרשריבן אין סעמינאַר פון ניקאָלאַיעוו, ווייל מחמת מיין באַפרייונג פון די איבונגען, האָב איך געקענט מער צייט ווידמען מיינע לימודים.

אין מיין אַרבעט אַלס לערער פון דייטש בין איך נישט איינמאָל געשטאַנען פאַר גרויסע שוועריקייטן. ביים אויפקלערן אַ וואָרט אָדער טערמין האָבן זיך אַנטוויקלט היסטאָרישע דיסקוסיעס. דער רוב אָפיצירן האָבן זיך מער אינטערעסירט מיט מיינע היסטאָרישע אויפקלערונגען ווי מיטן באַדייט פון אַ וואָרט. אָפט האָט מען מיר אויך געשטעלט פּראָוואָקאַטיווע פראַגן. איך האָב געוווסט, אַז מ׳טאָר נישט ענטפערן צו פריי אויף אַלע פראַגן, ווייל אין זאָל זיינען תמיד געזעסן פּאַרטיי־לייט וואָס האָבן אַנאַליזירט יעדן ענטפער. איינמאָל בין איך גערופן געוואָרן צום קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע וועלכער האָט מיך פריינטלעך געוואָרנט אין שייכות מיט געוויסע היסטאָרישע אויפקלערונגען מיינע. ער האָט מיך געראַטן צו באַגנוגענען זיך מיט אויפקלערן די ווערטער אַליין און נישט ענטפערן אויף אַנדערע פראַגן. דער גענעראַל האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין שפּאַנישן בירגער־קריג און ער האָט גערעדט מיט מיר זער פריי. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער אַליין האָט הנאה פון מיינע קאָמענטאַרן אָבער דאָס קען ווערן פאַר מיר געפערלעך. די־אַ אַרבעט האָב איך פאַרגעזעצט ביזן מלחמה־אויסברוך.

### דער ריקצוג פון די סאָוויעטן

אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך בין איך געווען ביי ניקאָלאַיעוו. אין משך פון צוויי שעה זיינען מיר שוין געווען גרייט אָפּצופאָרן מיט אַ גרופּע זעלנער קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, אין אַן אָפיצירן־שולע כדי גיך צו ענדיקן און אַרויספאָרן אויפן פראָנט. אויפן וועג האָב איך געהערט די ערשטע רעאַגירונגען פון די סאָוויעטישע בירגער. די אוקראַינישע באַפעלקערונג אין דער גרעסטער מערהייט האָט זיך געפרייט מיטן מלחמה־אויסברוך. זי האָט געהאָפט אויף באַפרייונג פון די סאָוויעטן און גרינדונג פון אַ זעלבסשטענדיקער מדינה. די אַנטיסעמיטן צווישן זיי האָבן וועגן דעם גערעדט אָפן, דראָענדיק די יידן מיט דער שעה פון נקמה וואָס איז שוין נאָענט. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געזאָרגט דער אַנטיסעמיטיזם זאָל נישט אויפהייבן דעם קאָפּ און זיי האָבן אַרויפגעלייגט שווערע שטראָפן. די אַלגעמיינע לאַגע איז אָבער געווען גינסטיק פאַר די פיינט פון רעזשים און די שונאי ישראל.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער ריקצוג און מיליטערישע מפּלה. גאַנצע דיוויזיעס זיינען אַריבער

צו די דייטשן. דייטשע פאראשוטיסטן האבן אנגעמאכט א חורבן אין הינטערלאנד. שטאט נאך שטאט, קרייז נאך קרייז זיינען אריבער צום אקופאנט.

דער שטראם פון פליטים — בעיקר פארטיי־לייט, נ.ק.וו.ד. און ציווילע אדמיניסטראציע — האט אנגעהויבן שטראמען אויף מזרח. צו אונדזער גרויסן באדויער זיינען צווישן זיי נישט געווען קיין יידן פון מערב־אוקראינע.

נאכן ענדיקן די אפיצירן־שולע און באקומען א ראנג, בין איך געשיקט געווארן צו א שלאכט־איינהייט, וואס איז גלייך אפגעפארן אויפן פראנט.

שטענדיקע שליאכטן, אומקלארע לאגע, פחד פאר ארומרינגלונג און פאראט פון די אפיצירן— דאס אלץ האט זיך צוזאמענגעגאסן מיט דער העלדישער האלטונג פון רוסישן זעלנער, וועמענס פאטריאטיש געפיל איז געווען גענוג פארטיפט און ער איז גרייט געווען מקריב־צו־זיין זיין לעבן פארן היימלאנד. נאכן ערשטן כאאס האט די רוסישע רעגירונג ווי עס איז באוויזן צו רעארגאניזירן איר ארמיי, דא און דארט זיינען פארגעקומען שליאכטן וואס האבן געצוימט דעם דייטשן פארויס־מארש. איינער פון אט די ערשטע איז געווען דער דניעפר. די דייטשע פלאנירונג און די מאדערן־אויסגעשטאטע ארמיי מיט דער הילף פון דער „לופט־וואפע" האט אבער באוויזן אין דער ערשטער צייט ארויסצורופן א צעמישעניש ביי אלע רוסישע אפיצירן.

איך געדענק ווי אין איינער א נאכט נאך א שווערער שלאכט אויפן דניעפר און נאכן אויפרייסן די דאמבע דורך די רוסן אליין, האבן מיר באקומען א באפעל זיך צוריקציען. אויפן וועג פון דארף סילניקאוו קיין נאוואמאסקאווסק, מארשירנדיק אין שפיץ פון אן אפטיילונג, האב איך פונדערווייטנס, אין שיין פון דער לבנה, באמערקט א באקאנט געשטאלט. דערנענטערנדיק זיך מער האב איך מיטאמאל דערזען מרדכי גרייבער, דער ברודער פון אהרן, ווי ער מארשירט צוזאמען מיט זיין אפטיילונג אין דער ריכטונג צום פראנט. א רירנדיקע באגעגעניש איז דאס געווען. ער האט מיר דערציילט וועגן זיין ברודער, וואס געפינט זיך אויך אין רוסלאנד אבער ער ווייסט נישט זיין אדרעס; וועגן זיין ארויספאר פון הארכיוו ביים אנהייב פון קריג. נאך עטלעכע מינוט האבן מיר זיך צעשיידט מיט דער האפענונג זיך אמאל ווידער צו זען.

אין דער זעלבער נאכט האבן די דייטשן באמבארדירט דעם שטח ארום. עטלעכע וואגאנעס פול מיט באמבעס וואס זיינען געשטאנען אויף דער באן־ראמפע זיינען דירעקט געטראפן געווארן, און זיי האבן אנגעהויבן אויפרייסן. ס'איז געווארן זייער געפערלעך צו זיין אויף דעם ארט און מיר האבן באשלאסן אפצוטראגן זיך. אין דער זעלבער נאכט זיינען מיר אבער ארויף אויף א מינירט פעלד. פון דער גאנצער אפטיילונג זיינען געבליבן בלויז 12 זעלנער. אין עטלעכע טעג ארום האב איך ווידער באגעגנט מרדכי גרייבער, ביי וואראשילאווגראד, אין דאנבאס. ער איז געגאנגען פון פראנט בעת איך בין געפארן צום פראנט. פון דעמאלט אן האב איך אים מער נישט געזען.

לאנג האבן מיר נישט געקענט אויסהאלטן קעגן דייטשן פאנצער. מיר האבן זיך אנגעהויבן צוריקציען אין א גרויסן מאסשטאב. 50—60 ק"מ האבן מיר געמאכט יעדן טאג. מיר זיינען דורכגעגאנגען גאנץ אוקראינע. א סך אוקראינער האבן דעזערטירט. די לאגע איז געווארן אומקלאר. דא אין דארט האט אויך א ייד דעזערטירט, האפנדיק אויף דער צווייטער זייט צו האבן רו, נישט וויסנדיק לגמרי וועגן דער באציונג פון די דייטשן צו יידן.

דעם 11־טן דעצעמבער 1941 האבן די דייטשן אריינגענומען אין א „קעסל" אונדזער גאנצע אפטיילונג. דאס איז געווען ביים דארף יארויסקוי כוטאר. דריי טעג האבן מיר זיך פארטיידיקט אין גריבער פארפלייצט מיט וואסער ביז די קני, אן עסן. נאר אדאנק די איבערמענטשלעכע אנשטרענגונג פון די אפיצירן האבן מיר נישט קאפיטולירט און אין א קעגנאטאקע האבן מיר דורכגעבראכן די ארומרינגלונג.

נאכדן דערווייטערן זיך פון דעם ארט בין איך קראנק געווארן אויף א לונגען־אנטצינדונג און בין אריין אין א שפיטאל אין שטעטל טשערניסקא. 16 טעג בין איך געלעגן מיט 40 גראד. מיין מצב איז געווען א שווערער נאר אדאנק דער איבערגעגעבנקייט פון א יידישער דאקטארין פון מאסקווע, בין איך געזונט געווארן. דאס איז געווען נישט ווייט פון סטאלינגראד.

### סטאלינגראד

דעם 4־טן פעברואר 1942, ביי א פראסט פון 45 גראד, בין איך ארויס פון שפיטאל און אנגעקומען קיין סטאלינגראד. אלע פאבריקן האבן אינטענסיוו געארבעט פארן

פראָנט. די קינאָס זיינען געווען פול. די באַוועגונג אין די גאַסן אַ גרויסע. אונדזער איינהייט האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין דער געגנט פון דער שטאָט אויף אָפּרו און באַנייונג פון דער אויסשטאַטונג. דאָ בין איך געבליבן אַ לענגערע צייט. צוליבן שוואַכן געזונט צושטאַנד האָב איך נישט געקענט צוריקפאָרן צום סאַמע פראָנט. געאַרבעט האָב איך אין שטאַב און פון דער נאָענט געקענט נאָכפאָלגן דעם מצב און די צוגרייטונגען צום גורלדיקן קאַמף פאַר סטאַלינגראַד.

די צוגרייטונג איז געווען אַ טאָטאַלע — סיי וואָס שייך אויסשטאַטונג און אַרמיי וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין סיביר און איז געקומען איינטווישן די מידע זעלנער, און סיי פון גייסטיקן שטאַנדפּונקט. יעדער איינער אין דער גאַנצער געגנט, אָן אונטערשייד פון עלטער און פיזישע מעגלעכקייטן איז געוואָרן אַ זעלנער. אויף יעדן הויז האָט געפלאַטערט די לאָזונג „פון דאַנעט וועט מען אונדז נישט רירן”. וואָס מער דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די קעגנערשאַפט צו די דייטשן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מיט שווערע באָמבאַרדירונגען פון דער לופט און אַרטילעריע־פייער. זיי האָבן באַצאָלט מיט שווערע פאַרלוסטן פאַר יעדן הויז און פּאָזיציע אָבער נישט געקוקט אויפן שטאַרקן ווידערשטאַנד איז בלויז אַ קליינער שטח פאַרבליבן אין רוסישע הענט — אויף דעם מערבדיקן ברעג פון דער וואָלגאַ. די מאָראַל פון רוסישן זעלנער איז נישט געפאַלן און טראָץ קרבנות איז יעדער זעלנער געבליבן אויף זיין פּאָזיציע — אַזוי ביז דער דאַטע 20.11.42, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע קאָנטער־אָפּענסיווע. דער באַפעל, וואָס איז אָנגעקומען צוויי טעג פריער, איז אויסגעהערט געוואָרן מיט אַ הייליקן ציטער. אויך איך האָב זיך באַטייליקט אין ערשטן קעגנאָנגריף. כ'בין אָבער אַ באַוווסטלאָזער אָפּגעפירט געוואָרן מיט אַ העליקאָפּטער אין דער שטאָט גוריעוו, ווו כ'בין אַ געוויסע צייט געווען אין שפּיטאָל. דערנאָך האָב איך באַקומען אורלויב אין קאַלסארי, ווו מ'האָט בעת דער מלחמה געפונען נאַפט.

אין יענער צייט האָבן די רוסישע צייטונגען אָנגעהויבן צווישן די שורות דערמאָנען וועגן יידישן גורל אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. זיי האָבן נישט געשריבן קיין קלאָרע זאַכן אָבער פון די רמזים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז אַ ביטערע. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים האָב איך באַשלאָסן צו מעלדן זיך פרייוויליק צום דינסט אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען טעטיק אין מערב־אוקראַינע. איך האָב אויסגעפילט אַ ספּעציעלן פאָרמולאַר און אָנגעגעבן די מאָטיוון אַז איך קען אַלע ערטער, באַהערש אַלע גערעדטע דאָרט שפּראַכן און ווי אַ פראָנט־אָפיציר וועל איך ברענגען גרויס נוצן. מ'האָט מיך דערנאָך אַרויסגערופן אין שטאַב און מיר איבערגעגעבן די באַשטעטיקונג, אַז איך ווער צוגעטיילט צו די פּאַרטיזאַנער. מ'האָט מיר בלויז געהייסן וואַרטן אַ וואָך ביז מ'וועט מיר מודיע־זיין צו וועלכער אָפּטיילונג איך בין צוגעטיילט געוואָרן. אָבער שוין אין צוויי טעג אַרום בין איך ווידער גערופן געוואָרן אין שטאַב און מ'האָט מיר געשטעלט נאָך פיל פראַגן, צווישן אַנדערן צו וואָס פאַראַ נאַציאָנאַליטעט איך געהער. איך האָב געענטפערט: אַ ייד. דער ענטפער וואָס איך האָב דערנאָך באַקומען איז געווען אַן אַרויסדריי. איך האָב זיך געבעטן ביים יידישן אָפיציר, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם שטאַב, מ'זאָל נאָכקומען מיין בקשה. אין אַ פּריוואַטן שמועס האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַן אינסטרוקציע יידן נישט צו שיקן קיין מערב־אוקראַינע.

אין אַ צייט אַרום האָב איך באַקומען אַ נייע איבערווייזונג אַלס ספּעציאַליסט פאַר פאַרבינדונג, אין אַ מיליטערישן לאַגער אין סומא, איך זאָל דאָרט אָרגאַניזירן און אויסאיבן די פּוילישע אַרמיי, וואָס האָט זיך דאַן רעקרוטירט אין רוסלאַנד.

מיין באַזוך אין האָרכיוו

אין סומא האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפן פּאָליאַקן פון די דייטשע אָקופּאַציע־שטחים. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דער יידישער טראַגעדיע און אַז קיין איין ייד איז נישט געבליבן אין זייערע וווין־ערטער. שווער געווען דאָס צו גלייבן. אַ פּאָר טעג בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ לונאַטיקער. איך האָב דערלאַנגט אַ בקשה צו שיקן מיך אויפן פראָנט און בין נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון אַ ספּעציעלער איינהייט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט צווישן דער פּוילישער אַרמיי און די סאָוויעטישע מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען. פאַר דער איינהייט האָב איך אויסגעקליבן ספּעציעלע זעלנער, קודם־כל פּאָליאַקן וואָס האָבן אַליין געליטן פון די דייטשן, און די רעשט — אונטערוועלט. מיין כוונה איז געווען נקמה־נעמען!

דעם 15־טן מאַי 1944 בין איך אַרויסגעפאָרן אויפֿן פראָנט, וואָס האָט זיך אין צווישנצייט ווייט אַ רוק געטאָן אויף מערב. אין געציילטע טעג בין איך אָנגעקומען קיין לוצק. דאָ האָב איך געטראָפן די משפּחה דיקשטיין (קרובים פון מיין פרוי) און מוסיע פערלמוטער. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט פּרטים וועגן חורבן פון אונדזער שטאָט און אויסראָטונג פון די יידן.

דער פראָנט האָט זיך איצט געפונען אין וואָלין גופא. איך האָב געקעמפט אויפֿן אָפּשניט כופּניאָוו־ראַזשישטש, און דערנאָך ביי קאָוועל. די דייטשע פאַרטיידיקונג איז דאָ געווען אַ שטאַרקע. נישט איינמאָל האָבן מיר געמוזט צוריקציען זיך פון שוין־פאַרנומענע פאָזיציעס. האַרכיוו איז באַפרייט געוואָרן דורך דעם רוסישן גענעראַל א. א. זאַכאַראָוו דעם 18־טן יולי 1944. איך בין דעמאָלט געווען אין סאַמע ברעג פון די קאַמפן נאָענט פון פראָנט און מיין גאַנצער באַגער איז געווען וואָס מער דייטשן פאַרניכטן און אויך נקמה־נעמען אין די פּאָליאַקן און אוקראַינער, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. אין די דערפער גאָלובאַ, מידניוווקא און גראַטיוווקא (ביי קאָוועל) האָב איך געגעבן פרייע הענט אַלע אונטערוועלטניקעס פון מיין אָפּטיילונג, און זיי האָבן די דערפער אויסגעריייניקט פון אַלע קאָלאַבאָראַטאָרן אַזוי ווייט, אַז איך האָב באַקומען אַ האַרבן פאַרוואורף פון גענעראַל־שטאַב פאַר אָט דער אַרבעט...

נישט געקוקט אויף מיינע גערעכטע טענות און קלאָרע באַווייזן, אַז די אוקראַינער און פּאָליאַקן האָבן געפייניקט יידן, גערויבט זייערע פאַרמעגנס און זיי אויסגעליפערט צו די דייטשן — האָבן די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען נישט אָנגענומען קיין באַלדיקע אַקציע און אַ טייל פון זיי אויך דערלויבט זיך אויסצובאַהאַלטן און אַנטלויפן. אין ענטפער דערויף האָב איך מיינע מענטשן באַפוילן צו האַנדלען אויף אייגענער האַנט. מיין באַפעל האָבן זיי גרינטלעך אויסגעפירט. דער גענעראַל־שטאַב האָט נישט שלום געמאַכט דערמיט און מיך אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָפּשניט.

מיר זיינען אַריבער דעם בוג אין דער ריכטונג אויף וואַרשע. ביי וואַרשע בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן צום צווייטן מאָל און בין געלעגן אין שפּיטאָל אין לובלין. דאָרט בין איך געווען די גאַנצע צייט ווען אויפֿן פראָנט איז נישט געווען קיין שום פאָרשריט. איך בין אויך אַנוועזנדיק געווען אויפֿן באַרימטן פּראָצעס פון די רוצחים פון מאַידאַנעק און בעת זייער עפנטלעכער עקזעקוציע.

נאָכן אַרויס פון שפּיטאָל בין איך צוריקגעפאָרן קיין לוצק. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט מאַניע און יעקב בערגער און מיר האָבן באַשלאָסן צוצופאָרן קיין האַרכיוו. דער וועג איז געווען פול מיט געפאַרן. אויף אַלע וועגן האָבן נאָך גראַסירט די „באַנדעראָווצעס", וואָס האָבן געמאָרדעט יידן ביי יעדער געלעגנהייט. פונדעסטוועגן האָבן מיר דעצידירט צו פאָרן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן סאָניע זשיראָף און מוסיע פערלמוטער.

שווער געווען צו דערקענען אונדזער שטאָט, וואָס איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרוויסט. אַלע הילצערנע הייזער זיינען געווען צענומען און קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן. געשטאַנען זיינען בלויז די הייזער פון ציגל. דאָס אָרט פון געטאָ איז געווען אַ פּוסטער פּלאַץ. בלויז דער בית־מדרש איז געבליבן ווי דער לעצטער עדות. כ׳בין אַריין אינעווייניק און דאָרט געטראָפן אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שוסטערס. מיט האַרץ־ווייטיק האָב איך געקוקט אויף די מצבות פון יידישן בית־עלמין מיט וועלכע עס זיינען געווען ברוקירט די טראָטואַרן. אויפֿן ברודער־קבר ביי דער „ציגעלניע" איז נישט געווען קיין שום סימן. ביי באַקאַנטע אוקראַינער האָב איך געבעטן פּרטים, זיי זאָלן מיר דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען דער חורבן. זיי האָבן אָבער געשוויגן, זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט...

איך האָב געפילט אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען זעענדיק די אוקראַינער ווי זיי רעדן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט וועגן יידישן גורל, אַרויסדרייענדיק זיך פון יעדער אחריות, און וואַרפנדיק די גאַנצע שולד אויף די דייטשן. אין האַרץ האָב איך גוט געוווּסט, אַז אָן דער אַקטיווער מיטהילף פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג וואָלטן די דייטשן נישט געקענט דורכפירן זייער אויסראָטונג.

איך האָב דאָ קוים געהעכטיקט איין נאַכט און צומאָרגנס האָב איך צוזאַמען מיט די בערגערס פאַרלאָזט האַרכיוו. אויף דער סטאַציע באַראַסטישטש האָבן מיר געטראָפן יעקב וועסלער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד. זיין אויפגאַבע איז געווען צו מאַ־

בילייזירן פרייוויליקע אויף אַרבעט אין קוילן־גרובנס פון דאָנבאָס. זיין מצב איז געווען אַ ביטערער מחמת דער פיינטלעכער שטעלונג פון די מאָביליזירטע. זיין לעבן איז פשוט געווען באַדראָט מצד די „באַנדעראָווצעס", וואָס האָבן גראַסירט אין דער געגנט. שפּעטער האָב איך געהערט, אַז ער איז אַרויס בשלום פון דער געפערלעכער שליחות. איצט געפינט ער זיך אין פּוילן, ביי וואַרשע.

גרויס איז געווען מיין פרייד ווען איך האָב געהערט, אַז עס הייבט זיך אָן די אָפענסיווע אויף וואַרשע. בעת מיין ליגן אין שפּיטאָל זיינען מצד דער פּוילישער אַרמיי געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרוון אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אויפשטענדלער אין וואַרשע נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון די רוסן, וואָס האָבן געפירט אַן אָפּשלעפּונגס־פּאָליטיק און נישט געוואָלט אָנערקענען די אויפשטענדלער. אַ סך יידן זיינען געפאַלן ביי וואַרשע — סיי פון די וואָס זיינען געווען אין דער אַרמיי און האָבן געוואָלט אַריין אין שטאָט זוכן רעשטלעך פון לעבנגעבליבענע קרובים סיי פון די פאַרבליבענע יידן אין וואַרשע, וואָס האָבן געוואָלט אַריבער דעם פראָנט און אַנטלויפן סיי פון די אויפשטענדלער סיי פון די דייטשן. בעת קיין שום אַטאַקע זיינען נישט געווען אַזוי פיל יידישע פאַרלוסטן ווי ביי וואַרשע. צו מיין מזל האָט זיך באַלד ביי מיין אָנקומען אין דער איינהייט אָנגעהויבן די גרויסע אָפענסיווע, וואָס איז אָנגעגאַנגען — מיט קליינע הפסקות — ביז בערלין.

מיין איינהייט איז אונטערגעליגן דעם פּוילישן גענעראַל־שטאַב. מיין אויפגאַבע איז געווען אָנצוהאַלטן אַ קשר צווישן דער פּוילישער אַרמיי און די רוסן ווי אויך צווישן דעם פּוילישן גענעראַל־שטאַב און די קאָמאַנדירן פון די פּוילישע איינהייטן אינערהאַלב דער רויטער אַרמיי. אַזוי אַרום פלעג איך צייטנווייז זיך באַגעגענען מיטן רוסישן אָפיצירן־קאָרפּוס, אַריינגערעכנט דעם באַרימטן מאַרשאַל זשוקאָוו. נישט איינמאָל האָב איך אים איבערגעגעבן מיינע ראַפּאָרטן וועגן אונדזערע אויפטוען. הגם מ'האָט געשמועסט, אַז זיין באַציונג צו יידן איז נישט קיין גוטע, האָב איך קיינמאָל נישט געמערקט ביי אים קיין נישט־קאָרעקטע באַציונג צו מיר. פאַרקערט: דער גורל פון יידישן פאָלק האָט אים טיף גערירט און נישט איינמאָל האָט ער דאָס געגעבן אַן עפנטלעכן אויסדרוק. ריכטיק איז, אַז ער האָט פיינט געהאַט יידישע אָפיצירן פון דער אינטענדאַנטור אָדער אין אַנדערע הילפס־איינהייטן, הגם ער האָט געשעצט זייער אַרבעט.

יעדן טאָג האָבן מיר דעראָבערט נייע שטחים. דאָס „דריטע רייך" האָט זיך צעקרישלט אונטער אונדזערע טריט. מיט אומגעדולד האָב איך שוין געוואַרט מיר זאָלן אַריבער די דייטשע גרענעץ. די באַפעלקערונג אין מערב־פּוילן האָט די רוסן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און איבער נאַכט געוואָרן „קאָמוניסטיש" געשטימט. איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער רוב פּאָליאַקן זיינען געווען טרייע שותפים צו די נאַצישע רוצחים ביים אויסראָטן יידן.

די דייטשע מפלה

ביים אַריינמאַרש קיין דייטשלאַנד האָבן די זעלנער באַקומען פרייע הענט צו טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט מיט די דייטשן, און זיי האָבן דאָס גוט אויסגענוצט. אַ סך האָבן געהאַט פּערזענלעכע סיבות פאַר נקמה און קלאָר, אַז יידישע זעלנער האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן חשבון און טאַקע געזוכט די געלעגנהייט צו נעמען נקמה. אין די ערשטע טעג האָט מען כמעט נישט גענומען קיין געפאַנגענע דייטשן. די לעגענדע וועגן דעם ערשט־קלאַסישן דייטשן זעלנער האָט געפּלאַצט. גאַנצע פּולקן האָבן קאַפּיטולירט און געלייגט דאָס געווער. געגנוג געווען צוויי רוסישע זעלנער אויף צו פירן טויזנטער געפאַנגענע. מיט אַ חיהשער אונטערטעניקייט און חניפה זיינען זיי גרייט געווען אַלץ צו טאָן כדי צו געפעלן דעם זיגער.

אין יענער צייט איז גרויס געווען די נקמה. גענוג געווען צו וויסן, אַז אין דעם דאָרף אָדער ישוב געפינען זיך נאַצישע משפחות און מ'האָט גלייך פאַרברענט אַלץ און אַלעמען.

איך געדענק אַ פאַל מיט אַ זייגער. אין איינעם אַ דאָרף האָב איך ביי אַ דייטשער משפחה באַמערקט אַ גרויסן וואַנט־זייגער מיט אַ מגן־דוד. דער באַלעבאָס האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דעם זייגער געקויפט נאָך פאַר דער מלחמה. וועלנדיק דערגיין דעם אמת בין איך אַריין צום שכן און געזאָגט אַז יענע פרוי זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ נאַצי. ער האָט זיך שטאַרק אויפגעקאָכט, אַז פאַרקערט — זי איז די פרוי פון אַ ס.ס.־אָפיציר, וואָס האָט נאָך פאַר דער מלחמה געפייניקט יידן אין דייטשלאַנד און דערנאָך געדינט אין מזרח־אייראָפּע. ווען כ'האָב דאָס דערציילט

דער פרוי פון ס.ס.־אָפיציר האָט זי אָנגעהויבן שיטן אויפן גאַנצן דאָרף, אַז אַלע זיינען דאָ נאַציס וואָס האָבן געגאַסן פון יידישן פאַרמעגן און אַלע שטובן זיינען פול מיט מתנות פון מזרח־פראָנט. דאָס איז געווען גענוג פאַר די זעלנער פון מיין איינהייט קיינעם אין דעם דאָרף נישט צו שאַנעווען.

צום באַדוירן האָט דאָס געדויערט בלויז עטלעכע וואָכן. אַ נייער באַפעל פון גענעראַל־שטאַב האָט פאַרבאָטן יעדן נקמה־אַקט קעגן דייטשן לעבן און פאַרמעגן. פאַר עובער־זיין אויף דעם באַפעל האָט געדראָט אַ מיליטערישער געריכט, און אין בעסטן פאַל — 10 יאָר תפיסה.

בעתן פאַרויסמאַרש אין דייטשלאַנד איז מיר אויך אויסגעקומען צו באַפרייען אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט יידישע מיידלעך, וועלכע די דייטשן האָבן געפירט פון איין לאַגער צום צווייטן. מיין איינהייט האָט גאַנץ צופעליק אָנגעטראָפן אויף דעם לאַגער. נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפן אָרט דערשאָסן די דייטשע וואַכלייט, זיינען די באַפרייטע געבראַכט געוואָרן אין אַ שטעטל. דאָרט האָב איך מאָביליזירט אַלע קאָמוניקאַציע־מיטלען און געשיקט די זעלנער קודם־כל ברענגען שפּייז מיט מלבושים. דערנאָך האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש פון שטאַב זיי אַריבערצופירן אין הינטערלאַנד. פון דאָרט האָב איך זיך פאַרבינדן מיטן יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט שוין געזאָרגט פאַר די באַדערפענישן פון די ניצול־געוואָרענע.

גאַנצע געגנטן זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אָן שום ווידערשטאַנד. דער דייטשער זעלנער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּחדן, וואָס גייט מיט פרייד אין געפאַנגענשאַפט. די ציווילע באַפעלקערונג האָט נאָכן דערמאָנטן באַפעל כמעט ווי נישט געליטן. מ׳קען זאָגן, אַז אין דער זעלבער צייט ווען די דייטשע זעלנער האָבן פאַרשפּילט אויפן פראָנט האָבן זייערע ווייבער און טעכטער באַזיגט די רוסן אין הינטערלאַנד. די רוסן, וואָס זיינען בדרך־כלל גוטע מענטשן, האָבן געזאָרגט פאַר די דייטשקעס. דאָס האַרץ האָט וויי געטאָן זעענדיק ווי נאַציש טעכטער שפּאַצירן עפנטלעך מיט די זעלנער און אָפיצירן און געניסן פון אַלע מיליטערישע פּראָדוקטן.

ביים דעראָבערן בערלין

די לעצטע שלאַכט, די שווערסטע אָבער אויך די שענסטע פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט, איז געווען די שלאַכט פאַר בערלין. דער ווידערשטאַנד פון די געשווירענע נאַציס איז געווען גענוג שטאַרק. זיי האָבן אויסגענוצט די גאַנצע אויסשטאַטונג וואָס איז געבליבן אין זייער רשות, טאַנקען און שווערע אַרטילעריע, און געווען דעצידירט צו קעמפן ביזן סוף. די רוסן איז אָבער נישט שווער אָנגעקומען גובר־צו־זיין דעם ווידערשטאַנד אין אָנבליק פון זייער איבערגעוויכט אין אַלע הינזיכטן. אויך די פּוילישע אַרמיי האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט.

דערמיט האָבן מיר פּאַקטיש פאַרענדיקט די מיליטערישע אַקציעס ביז דער דייטשער קאַפּיטולאַציע אין חודש מאַי 1945.

יענע נאַכט פון מלחמה־פאַרענדיקונג, ווען אַלע מיליטערישע איינהייטן האָבן געיובלט מיט פאַרביקע ראַקעטעס און פייער־ווערק, וואָס האָבן באַלויכטן דעם הימל, איז פאַר די יידישע זעלנער געווען אַ נאַכט פון טרויער. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, גרופּעס יידישע אָפיצירן, און מיר האָבן געפילט ווי די ערד ווערט אָוועקגעריסן פון אונטער אונדזער פיס. אין די טעג פון די קאַמפן האָבן מיר נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן מאָרגן. איצט זיינען מיר מיטאַמאָל געשטעלט געוואָרן פאַר דער ביטערער ווירקלעכקייט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן און וווהין זיך צו קערן און ווענדן.

באַפרייונג פון מיליטער־דינסט און עליה

